STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07434

# DER BAHALTENER YID

A. Weitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. זוואליקן
[illegible]

א. ווייץ
פאריז
26-6-54.

# אברהם ווייץ
# נאוועלן

פּאָרטרעט פון בען. — הילע און צייכענונגען, דוד טושינסקי

## הקדמה פון ש. שווייצער

**A. WAJC**
*Le Juif Camouflé* (nouvelles)

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון דער קולטור־אָפּטיילונג
ביים „דזשאָינט“ אין פראַנקרייך.

Edition « LE FOYER JUIF »
15, rue Béranger, Paris

Imprimerie de la S.N.I.E., 32, rue de Ménilmontant, Paris (20e).

אברהם ווייץ

# דער באהאלטענער ייד



פארלאג „ארבעטער-היים" ● פאריז 1954



געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון

**לייבל גרינבוים, זוואָלין,**

אומגעקומען אין מײַדאַנעק, 1943.

# הקדמה

אמאליקע צייטן פלעגן אונזערע פאלקס-קאטאסטראפעס פאראייביקט ווערן אין קינות, אין פיוטים, וואס זענען געווארן אן אינטעגראלער באשטאנד־טייל פון דעם יידישן רעליגיעזן שטייגער און זענען אויף דעם וועג אריין אין פאלקס־באוווסטזיין — האבן געגערט דעם נאציאנאלן זכרון. פון מגילת איכה ביז די סליחות, פארפאסטע נאך כמיעלניצקים שחיטות אין 17-טן יארהונדערט, ציט זיך א לאנגע קייט פון אונזערע ליטערארישע חורבן־מאנומענטן, וואס צייבענען אפ די טרויעריקסטע עפאכעס אין דער יידישער מארטירער־געשיכטע — דיכטערישע שאפונגען, וועמענס קוואל ס'זענען די טרערן, וועלכע א יעטוועדער געטראפענער דור האט פארגאסן, וואס זענען פארפאסט געווארן פאראלעל מיט די פארשידנסטע ריין היסטארישע כראניקעס און באשרייבונגען פון די אלע נאציאנאלע קאטאקליזמען.

דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראטור איז באשערט געווען איבערצונעמען די ירושה פון אונזערע אמאליקע מקוננים און שטעלן — אין א מאדערנער פארם — פרישע חורבן-מאנומענטן נאך פרישע פאלקס־אומגליקן, וואס דער לעצטער פון זיי שטייגט אין אלע הינזיכטן איבער אלע די, וועלכע אונזער פאלק האט געהאט ווען עס איז אויסצושטיין.

איז דאך ליטעראטור אפשפיגלונג פונעם לעבן אין אלע זיינע אנטפלעקונגען. זענען דאך אונזערע דיכטער און שרייבער געווען עדות פון דעם, וואס איז אונז געשען און אפטמאל עס אליין איבערגעלעבט. האבן

זיי, די פילבארסטע, ארויסגעבראכט דאס, וואס א גאנץ פאלק האט גע־פילט און עס פאראייביקט — יעדער אויף זיין שטייגער, יעדער לויט זיינע אויסדרוק־מעגלעכקייטן און אין זיינע אויסדרוק־פארמען. אזוי ארום איז אנטשטאנען די אזוי גערופענע חורבן־ליטעראטור מיט איר חורבן־טעמאטיק, מיט אירע חורבן־פראבלעמען. א סך איז שוין אויף דעם לי־טעראריש געביט ביי אונז געשאפן געווארן זינט דער באפרייאונג, הן אין פאעזיע, הן אין פראזע. א סך דיכטער און שרייבער האבן די דאזיקע טע־מאטיק באריהט.

צווישן זיי פארנעמט אן שום ספק א גאר בכבודיקן ארט א ב ר ה ם וו י י ץ.

***

דאס בוך, וואס מיר שטעלן איצט פאר דעם לייענער, איז שוין דאס דריטע, וואס אברהם ווייץ פארעפנטלעכט נאכן חורבן אונזערן. די ערשטע צוויי: „אותיות אין בלוט" און „א נייער טאג גייט אויף" זענען דערשינען מיט זעקס און מיט צוויי יאר צוריק.

דער גורל האט דעם מחבר נישט פארשפארט קיין איין איינציקן נסיון. אברהם ווייץ האט אין דער היטלער־זאוועריכע פארלוירן אלע זיינע נאענסטע. אליין דורכגעגאנגען אלע שבעה־מדורי־קאצעטן, איז ער איצט דער לעבעדיקער עדות פון דעם געשעענעם.

אני הגבר ראה עני...

זענען זיינע לאגער־דערציילונגען לעבעדיקע דאקומענטן פון דער עפאכע, ווען א פאלק איז אריינגעטריבן געווארן הינטער שטעכעדיקע דראטן, צווישן וועלכע די היטלעריסטישע חיה האט דעם מענטשן אויף די ראפינירטסטע סאדיסטישע אופנים פארפייניקט צום טויט אדער גאר גלייך געווארפן אין די גאז־קאמערן אריין.

אברהם ווייץ שילדערט אבער נישט נאר די עינוים קשים, וואס די יידישע „העפטלינגע" אין די „לאגער־פיזשאמעס אין פאסן" האבן געהאט

אויסצושטיין, נישט נאָר די פייניקונגען, די שווידערלעכסטע דערנידעריקונגען פון דעם מענטשלעכן מין, נישט נאָר די געוואַלטיקע געפאַלנקייט פון די באַצווינגער, נאָר דערהויפּט דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די קרבנות גופא, די מאָראַלישע גרויסקייט זייערע.

אויפן פאָן פון דער פינצטערער לאַגער-ווירקלעכקייט, ווו יעדער נאָך אַרומגייענדיקער סקעלעט קלערט דער עיקר, ווי אַזוי זיך צו פאַרשאַפן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ רויע קאַרטאָפל, אַ פאַרפרווירענע ריב, ווו ס'קען זיך אויסדאַכטן, אַז אַלע מענטשן זענען דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות, וואָס זייער איינציקער ציל איז דאָס לעבן צו דערהאַלטן, אָפּטמאָל אויפן חשבון פון די מיטליידנדיקע גורל-ברידער, הויבט דער מחבר אַרויס מאָמענטן פון טיף מענטשלעכער באַציאונג פון איינעם צום צווייטן, פון איבערגעגעבנקייט, פון מסירת-נפש, פון זעלבסט-אָפּפערונג. ער ברענגט אַרויס סיטואַציעס, ווען דער לאַגער-עולם דערהויבט זיך צו אַ קאָלעקטיוון עקסטאַז, וואָס מאַכט אין דער הויט און ביינער-מאַסע אויפסניי לעבעדיק די נשמה, וועלכע האָט אויסגעזען שוין צו זיין אויסגעלאָשן. געשען איז עס אין דער נאַכט פון כל-נדרי: ...„ביים ערשטן אויסשאַל פון וואָרט „כל נדרי" האָט זיך די מאַסע צעוויגט ווי אַ פעלד זאַנגען אין שטורעם. אויגן בליצן אויף... הענט ראַנגלען זיך אין דער לופט, ווי הענט פון דערטרונקענע, וויל אָנכאַפּן אַ רינגעלע פון אונזער דורותדיקער קייט און זיך איינפלעכטן, זיך מיטשלעפּן אין דער צוקונפט אַריין"...

אָט אַזוי כאַפּט אויף אברהם וויוצים קינסטלעריש אויג דאָס גרויסע וואָס דרימלט אין דער טיפעניש פון דער יידישער פאַרפייניקטער העפטלינג-מאַסע.

פון אונטער דער פען פונעם קינסטלער טויכן אַרויס הערואישע געשטאַלטן, וואָס דערהויבן זיך מיט זייער גרויסקייט הויך, הויך אַרויף און באַלייכטן מיט זייער ליכט דעם גאַנצן דור אין, דער ווייטער צוקונפט אַריין. אַזעלכע ליכטיקע געשטאַלטן זענען אפילו מסוגל מכפר צו זיין דעם

אומגליקלעכן דור אויף די אויסוווּרפן און פארזשעניש, וואס ער האט אין דער פינצטערער עפּאכע פון זיך ארויסגעגעבן, אויף די אלע יידן־עלט־סטע און קאפּאס, וועלכע דער שונא האט אויף אונזער לייב געפּלעגט. (דאס וויל, פארשטייט זיך, בשום אופן נישט הייסן מכפּר צו זיין אויף די זינד פון די יידן־עלטסטע און פון די קאפּאס גופא).

אזא ייד ווי קאפּל דער שוסטער („אותיות און בלוט"), וואס לאזט זיך פארקאטעווען צום טויט, נישט וועלנדיק ארויסגעבן פון האנט דעם איין און איינציקן אוצר, וואס איז אים נאך פארבליבן — דאס קליינע סידורל — צי דערמאנט ער אייך נישט אן דעם יידן אין פּרצעס „דריי מתנות", וואס לאזט זיך הרגענען צוליב דעם זעקעלע ארץ־ישראל־ערד?

און דאס יונגע מיידל ליליאנא, וועלכע שליידערט דעם דייטש, ווען ער זאגט איר, אז זי זעט גארנישט אויס ווי קיין יידישקע, אין פּנים אריין: „צום טייוול"; און בעת זי ווערט דערפאר פאראורטיילט צו ווערן פארשמייסן צום טויט און זי שטעלט זיך אנטקעגן, באשפּייט די פּנימער פון די, וועלכע שמייסן זי און קריכט זיי מיט די נעגל אין די אויגן אריין, צי שטייט די דאזיקע העלדין אפּ פון דעם יידישן מיידל פון פּרצעס צווייטער מתנה, וואס שטעקט טיף אריין די שפּילקעס אין איר לייב אריין, עס זאל איר לייב נישט אנטפלעקט ווערן, ווען דאס פערד וועט זי שלעפּן אין די גאסן?

און דער „מענטש פון דער אונטערוועלט", יאסל ארטשיק, וואס לאזט זיך ליבער פארשמייסן צום טויט, איידער צו ווערן א „קאפּא", צי איז זיין העלדישקייט קלענער, ווי דער ייד אין פּרצעס דריטער מתנה, וואס, איידער ער פאלט אונטער די סאלדאטסקע ריטער, בייגט ער זיך איין אויפצוהויבן די אראפּגעפאלענע יארמולקע, נישט צו בלייבן בגילוי ראש?

דער קינסטלער פּירט אדורך אין זיינע דערציילונגען נאך א גאנצע שורה ענלעכע העראישע יידישע געשטאלטן, וואס יעדע איינציקע פון זיי האט פארן כסא הכבוד געבראכט איר אייגענע מתנה, א מתנה, וועלכע איז איינע אליין בכוח צו עפענען די טויערן פון גן־עדן...

צי האט פרץ, שרייבנדיק זיינע „דריי מתנות" געקענט אנען, אז בקרוב, נאך איידער זיין דור וועט פארשווינדן, וועט דער יידישער גורל מאסנ־ווייז ליפערן נייע און נייע מתנות, וואס וועלן אפשר אין שאטן שטעלן די, וועלכע ער האט אויף אזא מייסטערהאפטן אופן פארהייליקט?

***

„דער באהאלטענער ייד" — איז דער נאמען פון אברהם ווייצם דריטן בוך. דאס איז אויך דער טיטל פון דער הויפטדערציילונג, וואס גייט אריין אינעם פארליגנדיקן באנד.

אין דער דאזיקער דערציילונג שילדערט דער קינסטלער דעם יידישן גורל בימי היטלער, געזען דורך אן אנדערער פריזמע — דורך דער באַציאונג צום יידן מצד דער נישטיידישער, דער פוילישער וועלט.

דאס קאפיטל באציאונג פון דער פוילישער געזעלשאפט צו די היט־לער־אכזריותן לגבי די יידן איז א זייער טרויעריקס און א סך איז שוין וועגן דעם געזאגט געווארן. אפילו אין דער פוילישער ליטעראטור פון נאך דער מלחמה איז דאס דאזיקע פראבלעם באריט געווארן דווקא פון קאטוילישע שריפטשטעלער און ס'איז ארויסגעקומען א בילד, וואס גיט כלל נישט צו קיין כבוד דער פוילישער באפעלקערונג.

דורך אברהם ווייצם דערציילונג באקומען מיר א בילד פון די גע־פילן פון דער פוילישער דארפישער און קליינשטעטלדיקער באפעלקערונג לגבי די פארפאלגטע יידן. אויף א קינסטלערישן אופן שטעלט דער מחבר אוועק די גאנצע אומבאהאלפנקייט און פארלוירנקייט פון דעם יידן, וואס שלייכט זיך אריין אין אן אונטן אין דער פוילישער שטוב אריין און האפט פארן פרייז פון זעקל צירונג אפצוראטעווען זיין ארעם לעבן. ער שילדערט די פארשידענע געפילן, וואס באהערשן איינס נאכן אנדערן די פוילישע פרוי און דעם פוילישן מאן אין באצוג צום אומגליקלעכן יידן, וועלכער געפינט זיך אין זייער רשות. יאדוויגא, די פרומע, אבערגלויבערישע יונגע פויערטע, ווייזט יא ארויס רחמנות צום יידן, אבער נישט אויס רחמנות,

נייערט אוים גייציקייט צום צירונג שענקט זי אים דאָס באַהעלטעניש. ביי סטאַכן, איר מאַן, זיגט די אַטאַוויסטישע שנאה צום יידן און ער סמט אָפּ דעם, וואָס האָט זיך אונטער זיין דאַך אויסבאַהאַלטן און האָט אין זיינע הענט אַנפאַרטרויט זיין נאַקעט לעבן. די אַרומיקע פּוילישע באַפעל־קערונג, ווען זי הויבט נאָר אָן חושד צו זיין סטאַכן, אַז ער באַהאַלט ביי זיך אוים אַ יידן, שפּאַרט זי אים נישט קיין שטעכווערטלעך און קיין גיפטיקע אָנצוהערענישן, וואָס דערפירן, אַז דער מערדער פון דעם באַ־האַלטענעם ייד, ווערט פאַר שנאה דערמאָרדעט.

אָט אַזוי ברענגט דער קינסטלער אַרוים די אַטמאָספער אין פּוילן בעת דער היטלער־מגפה, וואָס האָט פאַר יידן פּראַקטיש פאַרשטעלט יעדע מעג־לעכקייט פון אויסבאַהאַלטן און אַפּראַטעווען זיך.

אין דער דערציילונג „נאָכן חורבן" פילן מיר דעם גאַנצן יאוש און די גאַנצע אויסזיכטלאָזיקייט פון באַנייען אַ יידישן ישוב אין פּוילן. די אַמאָליקע, די צוריקגעקומענע, די אָפּגעראַטעוועטע דרייען זיך אַרום נישט ווי קיין לעבעדיקע געשטאַלטן, נאָר ווי שאָטנס. שאָטנס פון אַן אָפּגעע־האַקטן, פון אַ פאַרלענדטן עבר. און ווערט שוין יאָ געמאַכט אַ שוואַ־כער פּרווו פונדאַסניי אָנצוהויבן אַ לעבן, ווערט ער מיט איינמאָל אונטער־געהאַקט דורך אַ בלוטיקן פּאָגראָם — לײדער נישט קיין פּראָדוקט פון דער דיכטערישער פאַנטאַזיע — נאָר פון אַן אמתן, ווירקלעכן פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער וואָר.

ווייטער פירט דער קינסטלער פאַר אונז פאַרביי געשטאַלטן פון אָפּ־געראַטעוועטע יידן, וועלכע קערן זיך אום פון די לאַגערן צום „גייעם טאָג וואָס גייט אויף" און פילן שוין אינסטינקטיוו, נאָך איידער זיי זענען דערגאַנגען צו זייערע אַמאָליקע היימען, אַז ס'איז אייגנטלעך נישטאָ מער צו וועמען זיך אומצוקערן. ס'הויבן זיך אָן וועבן נייע פּראָבלעמען, עס שווימען אויף נייע פראַגן, די מענטשן ווערן אווענגעשטעלט פאַר נייע סיטואַציעס, פאַר נייע ווירקלעכקייט, וואָס זענען אייגנטלעך נישט עפּעס

אנדערש, ווי דער המשך פון דעם מאָטימדיקן יידישן שיקזאַל, פון אונזער חורבן, פון דער אַלטער יידישער ווירקלעכקייט.

דער קינסטלער מאָלט מיט דינע, צאַרטע שטריכן די נשמה־איבער־לעבענישן פון די ניצול געוואָרענע, די ניי אַנטשטאַנענע אָדער אַנטפּלעקטע מענטשלעכע טראַגעדיעס, די אומפאַרמיידלעכע אינערלעכע צוזאַמענברוכן אין לעבן פון די מענטשן, די פּרוון אַנצוהייבן אויף פונדאַסניי און די אַלע כסדרדיקע שטערונגען און שטרויכלונגען, אויף וועלכע זיי שטויסן זיך אָן פון דעם ערשטן נייעם טאָג אָן. מען פילט אין אברהם וויינס שילדערונגען אַ טיפע קענטעניש פון דער מענטשלעכער נשמה, ספּעציעל פון דער יידי־שער נשמה נאָך דעם איבערגעלעבטן, מען פילט אַן אינטימע פאַרבינדונג מיט אַלע העלדן זיינע, וואָס דער מחבר איז מיט זיי פון איין פלייש און פון איין בלוט.

און נישט נאָר מיט די העלדן זיינע איז אברהם וויין פאַרבונדן. ער איז פאַרבונדן מיט אַלעם, וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיטן לעבן. דאָס לעבן אין אַלע זיינע געשטאַלטונגען איז אים נאָענט. און פּונקט אַזוי ווי ס'זע־נען פאַר אים נישט פאַרהוילן די לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער נשמה, אַזוי איז פאַר אים אויך אָפן און נאָענט דאָס לעבן, ווי עס אַנטפּלעקט זיך אין דער אַרומיקער נאַטור מיט איר פּראַכט און צויבער.

אברהם וויין פאַרמאָגט אַ וואַך אויג, וואָס כאַפּט אַלץ אויף, וואָס דרינגט אַריין אין אַלע באַהעלטענישן. ער איז אַ טיפער באַאָבאַכטער און דאָס, וואָס ער זעט, ווייסט ער עס ווי אַזוי צו שילדערן. געפינט מען אין זיינע דערציילונגען צאַלרייכע פּרעכטיקע נאַטור־שילדערונגען, ווייסט ער אויך ווי אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון אַ שטומער באַשעפעניש — פון אַ הונט — און אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס קומט אין אירע טיפענישן פאָר.

זיין נייגונג צו בילדערישקייט קומט אָפט צום אויסדרוק אין זיינע שפּראַך־עפעקטן: ער האָט ווערטער, וואָס זענען גאַנצע בילדער, וואָס שאַפן תיכף אַטמאָספער, שטימונג. מיט קורצע, מצומצמדיקע, אָבער גע־

הערין צוגעפאסטע אויסדרוקן געלינגט אים ארויסצוברענגען און צו כאַראַקטעריזירן האנדלונגען און סיטואַציעס און ס'באַקומט זיך אַן אָרגאַנישע, מ'וואָלט געקענט זאָגן, אַן אַקוסטישע איינהייט צווישן דעם מיטל און אָביעקט פון דער שילדערונג.

⁂

אברהם ווייץ, געקומען פון דעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן, אינעם פאַר־מלחמהדיקן פאַריז, צוזאַמען מיט דעם שטראָם יידישע עמיגראַנטן, האָט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט געשטעלט מיט שילדערונגען פון דעם נייעם יידישן מאַסן־ישוב אין פראַנקרייך, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין אויסבילדן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. זיין טרויעריקער גורל — אונזער אַלעמענס טרויעריקער גורל — האָט געוואָלט, אַז דאָס יידישע לעבן אין פראַנקרייך, ווי אין דעם איבעריקן אייראָפּע, זאָל דורך דער נאַצישער חיה איבערגעהאַקט ווערן. איז אברהם ווייצן באַשערט געוואָרן קינסטלעריש צו פאַראייביקן די פינצטערסטע תקופה אין דער יידישער געשיכטע אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען אין היטלערס טויט־פאַבריקן. ער האָט פון דער דאָזיקער פינצטערער צייט ארויסגעטראָגן אַ סך טיפע איבערלעבענישן, די טיפסטע, וואָס אַ מענטש קען איבערלעבן, ווען ער שטייט טאָג און נאַכט מיטן פנים צום טויט און איז אַן עדות ווי זיין אייגן פאָלק ווערט סיסטעמאַטיש אויסגעראָטן. ער האָט אָבער פון זיין מיטזיין מיט זיינע ברידער אין די שרעקלעכע שעהן מיטגעבראַכט אַ סך ליכט און דערהויבנקייט.

דאָס דאָזיקע ליכט און די דאָזיקע דערהויבנקייט האָט ער מייסטערהאַפט ארויסגעבראַכט אין זיינע דריי ביז איצט דערשינענע ביכער. לאָמיר אים וווּנטשן אַ ווייטערדיקע פּרוכטבאַרע ליטעראַרישע טעטיקייט, וואָס די בעסטע גאַראַנטיע פאַר איר איז זיין קינסטלערישער טאַלאַנט און זיין ביזאַיצטיקער לעבנסוועג.

**ש. שווייצער**

# דער באַהאַלטענער ייִד

סטאַך מיכאַלסקי, אַ פּוילישער מויערער, אַ גיבור מיט אַ פּאָר ביסטרע, גרינע אויגן, ברייטער נאָז, ווי אַ פעסטע פויסט וואָלט זי אַריינגעפּלאַטשט אין זיין פולבלוטיק, קאַנטיק פּנים, האָט זיך אַ האַלב-שיכורער, די מאַרינאַרקע אָנגעהאָנגען אויפן לינקן אַקסל, אַרויסגעוואַקלט פון קאַראַלענקאָס שענק, ווו ער איז אָפּגעזעסן ביים קאָרטן-טיש ביז די פּאָליצייאישע שעהן האָבן זיך אונטערגערוקט און פאַרשפּילט אַלצדינג, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט.

עס איז געווען אַ לינדער יולי-אָוונט, 1942. דער טונקל-בלויער הימל, ערטערווייז אַדורכגעשטרייפט מיט מילך-ווייסע ליניעס, איז געווען געדיכט אויסגעשטערנט. די שטעטלדיקע גאַסן — אָפּגעליידיקט. דאָ און דאָרט האָבן איילקע, פענדזשענדיקע טריט, מיט אַ ווילדן ריטם, אַריינגעהילכט אין דער אומהיימלעכער אָוונט-שטילקייט. דער שטאָט-זייגער האָט פון אַ טורעמל אין ראָטהויז, אַראָפּגעקייקלט, מיט אַ צעצויגענעם מעטאַלענעם אָפּקלאַנג, די אויסגעלעבטע טאָג-שעהן. פון אינעווייניק, פונעם ראָטהויז, האָט זיך אַרויסגעהערט אַ געשאָרכעריי, אַ צוגעדושעטס; אַ געלווישפּע-ריי, אַ שרעקעוודיקס פון יידישע מענער און פרויען. אַ קינד, אַ פישטשענדיק עופהלע, האָט זיך וויינענדיק עפּעס געמאָנט ביי דער שטומער נאַכט...

פאַרן טויער פונעם ראָטהויז האָט זיך געדרייט, אַרויף און אַראָפּ, אַ דייטשער וואַכמייסטער. זיינע געקאָווטע שטיוואַלעס האָבן געשקרימפּלט אויפן ברוק. אַ הונט האָט זיך ערגעץ-ווו צע-האַווקעט, זיך רייסנדיק אויף אַ קייט, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבער אַ שטיין מיט אַ נאָכקלאַנג. אויף אַ טישל, האַרט ביים איינגאַנג פונעם ראָטהויז, איז געלעגן אַ דייטשע קאַסקע, וואָס

האָט צוגעהאַלטן אַ ליסטע מיט ייִדישע נעמען... די אַש-גרויע קאַסקע האָט עפּעס דערמאָנט אין אַ רונדיק בערגעלע ערד אויפֿן קאָפּ פֿון אַ מאַסן-קבר... די ליסטע האָט געפּלאַטערט אין דער לופֿט, ווי אַן איינגעקלעמטער פֿליגל פֿון אַ שוועבענדיק באַשע-פעניש.

סטאַך מיכאַלסקי האָט געשפּאַנט מיט אַ שווערן טראָט. אויף אַ רגע האָבן אים די שטיל-געוואָרענע גאַסן איבערגעשראָקן. ער האָט גענומען האַסטיקער שפּרייזן. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין ווייב, יאַדוויגאַ. און מחמת ער האָט נאָך פֿאַר איר נישט געהאַט צוגעטראַכט קיין תּירוץ אויפֿן פֿאַרשפּילטן געלט, האָבן זיך זיינע טריט צוביסלעך געהאַמעוועט.

באַמערקנדיק דעם דייטשן וואַכמייסטער ביים ראַטהויז, האָט זיך אין זיין מוח גענומען פּלאָנטערן דאָס לעצטע נייעס, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט ביים קאָרטן-טיש, אַז אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך כאַפּט מען שוין אויך אונטער פּאַליאַקן, ריינע אַריער און מען פירט זיי אַוועק קיין דייטשלאַנד אויף שווערער אַרבעט. צוליב דעם טאָקע איז ער דעם וואַכמייסטער ממש אַריינגעקראָכן אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, צי זיין ריי איז שוין געקומען.

דער וואַכמייסטער האָט אים ביי זיך באַלויכטן מיט אַ טאַשן-לעמפּל און אַ געשריי געטאָן:

— אַוועק מענטש!

„דערווייל בין איך נאָך אַ מענטש". — האָט סטאַך מיכאַלסקי אין זיך אַריינגעבורטשעט, שמייכלענדיק.

אָבער באַלד האָט זיך זיין רוי פּנים פֿאַרכמאַרעט. ער האָט פֿאַרביטערט גענומען שפּייען צווישן די ציין, מיטשפּייענדיק דאָס עק-שטיקל פֿון אַ גראָבער מאַכאָרקע-ציגאַרעט, וואָס איז אים שוין שעהן-לאַנג, געזעסן אַן אויסגעלאָשנס אין אַ מויל-ווינקל.

„צום טייוול מיט די באַבעס!" — האָט ער זיך פֿאַרקרומט. — „גיב איר אָפּ אַ רעכענונג, ווו כ'האָב אַהינגעטאָן ס'געלט! איך פֿאַרקויף דאָך אַלץ מיינע זאַכן. אירע האָב איך דאָך נאָך נישט אָנ-גערירט".

פונדעסטוועגן האָט ער גענומען נישטערן אין אַלע טאַשן זיי-

נע, צי ס׳איז אים נישט פֿאַרבליבן כאָטש אַביסל קליינגעלט צום קלימפּערן דערמיט ביים אַריינקומען אין דער שטוב אַריין.

גייענדיק אַזוי אָן אויפֿגערייצטער און גלייכצייטיק אַ פּראָס-טיק-קילער, האָט זיך אים געטראַכט:

„מלחמה-צייט איז בעסער פּריילײדיק, הפקר. הולטאַיעווסט, פֿאַרשפּילסט און ברויכסט קיינעם נישט אָפּצוגעבן קיין חשבון. פֿון בויען איז איצט אָפּגערעדט. מען צעוואַליעט דאָך אַ וועלט. נו, ווען כ׳האָב נישט קיין נאָכשלעפּעניש, וואָלט איך אַוועק קיין וואַרשע מיר עפּעס אויסזוכן אַ „לייכט-פֿאַרדינסטל״. וואָס האָט דען אַזאַ מענטש, ווי איך בין, מורא פֿאַר אַ מעסער? זאָל זיך נאָר ווער צו מיר טשעפּן! מעג ער אפֿילו האָבן אַ שטאָלענעם מאָגן! מיט איין דערזשע צעפּאָלט ער ווי אַ פּרוכנעוואַטע בעלקע. האָב איך דאָך אָבער אַ כאַלופּע מיט אַ גאָרטן. אין אַזאַ צייט קען עס דאָך ווער... און יאַדוויגאַ? איז זי צום טייוול נאָך אַ שיינע אויך... שטעלסט אַרויס אַ פּוס..״ — האָט דער געדאַנק אים אינערלעך אַ ברען געטאָן, ווי ער וואָלט אָקאָרשט אַראָפּגעצויגן אַ גרויס גלאָז וודקאַ — און וואָס אייגנטלעך האָב איך צו איר? געטריי ווי אַ הונט. און איך — איר? כ׳האָב זיך דאָך עפּעס אַרומגעשלאָגן מיט אַ דאָרף כלאָפּעס, ביז כ׳האָב זי באַקומען. אָבער דעמאָלט איז דאָך נישט געווען קיין מלחמה. נו, גיי פֿאַרלאָז זי! כ׳האָב דאָך גע-שווירן אין קאָשטשאָל בעת אונזער „שלוב״. אָבער צו אַלדע כאָ-לערעס! וואָס זאָל איך איר איצט זאָגן? ווידער אַמאָל פֿאַר-שפּילט -״

פֿון דער טונקלקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ שמאָלינק, פּרי-מיטיוו קירכעלע, וואָס האָט מער אָנגעהערט דעם שכנותדיקן דאָרף, ווי דעם שטעטל. דער גאָלדענער צלם אויפֿן קאָפּ פֿון אַ קאַנטיק טורעמל, וואָס האָט פֿלוצלינג אַ בלישטשע געטאָן אין מיכאַלסקיס אויגן, האָט אים געמאַכט אויפֿציטערן. הגם עס האָט אים קיינער נישט באַמערקט, האָט ער זיך מיט אַ פֿרומער מינע, אַראָפּגענומען ס׳היטל און אַ ווײַלע זיך פֿאַרקוקט אויף די אויסגע-לאָשענע וויטראַזשן, אַקוראַט ווי ער וואָלט אויף זיי זיך געזעגן שפּיגלען נשמה-פֿלעמלעך; דעם אַלטאַר; דעם שאָטן פֿון גלח, וואָס דראָט מיט אַ האַרבער שטראָף פֿאַר דער מינדסטער, זינדיקער מחשבה.

גראַד אין דער רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ פלעדער־מויז האָט געקרייצט זיין וועג... ער האָט אויסגעשפּיגן און איז ווייטער געגאַנגען.

צוקומענדיק צו זיין כאַלופּע, איז זיין בליק גלייך געפאַלן אויף די לאָדן־שפּאַרונעס, וואָס זענען צום ערשטן מאָל געווען אויסגע־פּילט מיט דיניטשקע שטרייפן פון טונקעלע קאָלדרעס. דאָס ער־שטע שטיבל איז געווען שוואַכלעך באַלויכטן מיט עפּעס אַן אומ־באַקאַנט שוויטשיקל; דאָס צווייטע — פאַרזונקען אין פינצטערניש. דער צוגאַנג צו זיין כאַלופּע איז געווען באַליגט מיט שאָטנס פון ביימלעך און פאַרלאָזטע, האַלב־צעטראָטענע קוסטעס. אַ גריל האָט ערגעץ־ווו מאָנאָטאָן געסקריעט. די סאַזשעלקע, עטלעכע שפּאַן פון זיין כאַלופּע, איז איצט געלעגן, ווי אַ שוואַרצער שפּיגל, ערטערווייז געשפּרענקלט מיט אַ זילבערנעם אָפּשיין. פון דער טונקלקייט האָט אַרויסגעבלענדט דאָס העלע, געבלימלטע קלייד פון יאַדוויגאַ. זי האָט זיך אַן אומרואיקע, אַן אומגעדולדיקע גע־דרייט פאַר דער שוועל. די גרינע „מאַרישקאַ" אויף איר בלאָנדן קאָפּ האָר האָט זיך געכוואַליעט אין דער לופט.

מיכאַלסקי האָט אַ פריידיקן ציטער געטאָן.

— יאַדוויגאַ ?

— סטאַך ? אַזוי שפּעט ? קום זיך דערוואַרט. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. מען קען דאָך דיר, גאָט באַהיט, נאָכשיסן.

— האָב נישט קיין מורא, וועט דיך אַ צווייטער טייוול נעמען.

— האָט ער צופרידן אַרויסגעלאַכט. — וואָס ביסטו עפּעס היינט אַזוי פאַרסמאַליעט אין מיר ? — האָט ער זי ברוטאַל איינגעקלעמט אין רעכטן אָרעם.

— רעד שטילער ! — האָט זי אים ביי די הענט אַריינגעצויגן אינעם פאָדער־הויז און גלייך פאַרשלאָסן די הויז־טיר.

— וואָס איז געשען ?

— גאָרנישט, סטאַך ! קום אַריין וועל איך דיר זאָגן.

מיכאַלסקי איז מיט איין שפּריז אַריין אין ערשטן שטיבל און האָט זיך מיט אַ ווילדן בליק אַרומגעקוקט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרינאַרקע, דאָס היטל און געבליבן זיצן אין אַ רויט געקעסטלט העמד. ער האָט מיט אַן אָפן מויל און איבערגעשראָ־קענע אויגן אָנגעקוקט זיין ווייב, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען

ווי אַ באַשולדיקטע נאָכן אָפּטאָן אַ זינד... זי האָט זיך צו אים געלאַשטשעט מיט אַ שמייכעלע, קעמענדיק מיט אירע פינגער זיי־נע פלאַקסענע פּאַסמעס האָר. זי האָט זיך צו אים געטוליעט מיט דער כוונה אַרויסצורופן אין זיין האַרטער נאַטור אַביסל ווייכקייט. און ווען ער האָט איר ענדלעך אָפּגעפּרעסט אַ קוש אויפן סאַמע האַרץ־ברעט, האָט איר שטימע אים אַריינגעשאַרכט אינעם אויער:

— כ׳האָב דאָ אין צווייטן צימער אַ ייד...

— אַ ייד? — האָט זיך מיכאַלסקי אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגע־בריטער און זיך פּאַוואָלינקע צוריק אַראָפּגעזעצט. — אַ ייד? — איז ער בלייך געוואָרן מער פאַר שנאה, ווי פאַר שרעק. — ביסט נישט אַמאָל משוגע געוואָרן, יאַדוויגאַ? — האָבן זיך זיינע צע־צונדענע אויגן אָפּגעשטעלט אויף דער קליאַמקע פונעם צווייטן שטיבל...

— לאָז צו דיר רעדן, סטאַך! — האָט זיך יאַדוויגאַ צו אים צוגעזעצט און אים גענומען גלעטן מיט ביידע הענט. — דער ייד בלאָנקעט זיך שוין אַרום חדשים אַזוי צווישן הימל און ערד. ער איז פאַרשטעלט פאַר אַ קריסטלעכן בעטלער. ווייסט ווער ס׳איז? דער גאָלדשמיד שטערנבערג, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט אויף די וואַרשאַווסקי גאַס, לעבן מאַגיסטראַט. ער האָט אַביסל אָפּגע־ראַטעוועט צירונג.

— צירונג?... — האָבן זיך מיכאַלסקיס אויגן צעבליאַסקעט ווי מעסער־שאַרפן. — אַהער דערמיט! אָבער וואָס וויל ער?

— פאַרשטייסט נישט? מען זאָל אים אויסבאַהאַלטן.

— אויסבאַהאַלטן? — האָט זיך מיכאַלסקי אויפגעשטעלט מיט אַ לאַנג־צעצויגענעם פּיף. — אַן איידעלע זאַך! — האָט ער גע־נומען שפּאַנען מיט די הענט אין די טאַשן, אָפּשטעלנדיק זיך עט־לעכע מאָל ביי יאַדוויגאַן מיט פאַרזשמורעטע אויגן...

אַ שווייגנדיקער איז ער צוגעגאַנגען צו זיין מאַרינאַרקע און אויסקראַצנדיק פון אַלע טאַשן אַביסל טאַבאַק־שטויב, האָט ער זיך געמאַכט אַ דיקע ציגאַרעט. אָנגעצונדן די ציגאַרעט, האָט ער זיך ווידער צוגעזעצט צו זיין ווייב, אַרויסלאָזנדיק מיט אַ לאַנגן אָטעם אַ וואָלקנדל רויך גלייך זיין ווייב אין פּנים אַריין, האָט זיך זיין קאָפּ אַביסל אויסגעבויגן אויף לינקס. ער האָט זיך גענומען קנייפּן זיינע דיקע ליפּן, טראַכטנדיק מיט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכל

וועגן צירונג און פילנדיק גלייכצייטיק ווי אין זיין האַרץ ברענט אַ רוצחישע שנאה צו דעם נאָך נישט געזעענעם יידן.

— דו ווילסט, הייסט עס, איינשטעלן אונזערביידנס לעבן פאַר אַ פאַרשיוון ייד ? — האָט ער אויסגעשפּיגן אַביסל טאַבאַק-שטויב.

— סטאָך, פאַרגעס נישט, אַז מיר האָבן שוין נישט פון וואָס צו לעבן. איצט וועט מען דאַרפן אָנהייבן צו פאַרקויפן מיינע זאַכן. אַ יקרות, אַ „שוואַרצער מאַרק". אַ היפּש ביסל געלט פאַרשפּיל-סטו נאָך אין קאָרטן אויך. איך שווייג, ווייל כ'וויל זיך מיט דיר נישט קריגן.

מיכאַלסקי האָט אויף אַ רגע אַ שמייכל געטאָן און באַלד איז ער ווידער ערנסט געוואָרן.

— און וויפל רעכנסטו, יאַדוויגאַ, האָט דאָס צירונג די ווערט ?

— כ'האָב עס נאָך נישט געזען.

— טאָ וואָס האַנדלסטו מיט מיר שוין אונטער, בהמה ? — האָט זיך מיכאַלסקי פאַרקרומט. — אפשר האָט עס נישט מער די ווערט, וויפל מען קען פאַר אַזאַ ייד אָפּנעמען ביי דער „גע-שטאַפּאָ ?"

— רעד נישט פון אַזעלכע זאַכן ! ס'ווערט מיר קאַלט.

— גוט. — האָט זיך מיכאַלסקי אויפגעשטעלט. — צינד אָן אַ ליכט, מאַך אויף די קעלער-דעק ! און לאָמיר דאָס וואָס-שנעלער אָפּפאַרטיקן ! אַריין אָדער אַרויס צום טייוול.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט יאַדוויגאַ, איינהאָרכנדיק זיך פריער צום דרויסן, לאַנגזאַם אויפגעשלאָסן די טיר פון צווייטן שטיבל. זיי האָבן זיך ביידע מיט שאַרכלאָזע טריט אַריינגעשלייכט און גע-בליבן שטיין ביי דער שוועל.

מיכאַלסקי, מיטן ליכט אין דער האַנט, האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן צום שאָטנדיקן ווינקל, האַרט ביי דער טיר צום הויף-צו, ווו דער ייד איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט מיט זיינע מח-שבות גאָר געווען אין גאַנץ אַנדערע וועלטן. דאָס ליכט-פלעמל האָט ווי אַ גאָלדיק פלאַטערל גענומען שוועבן אויף דער וואַנט, אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ, לויט דער באַוועגונג פון מיכאַלסקיס אומרואיקער האַנט...

באַלד האָט זיך, פון דער האַלב-טונקלקייט פאַר אים אַרויסגע-שיילט אַ ייד מיט אַ שיטערער, זילבערנער באָרד, וואָס האָט אים

כמעט דערגרייכט ביז צו דער גראָבער שטריק, אַ געכפּלטע אָרום אַן אַלטמאָדישן, העל־גרינעם סורדוט, געדיכט באַלייגט מיט לייוועג־טענע לאַטעס. אויף דער לינקער זייט האָט פון דער שטריק אַראָפּ־געבאָמבלט אַ פאַרזשאַווערט בלעכן פּושקעלע. דער שפּיץ פונעם יידס אָדלער־נאָז איז געלעגן טיפלעך פאַרנורעט אין זיינע אַרויפגע־שויבערטע וואָנסעס. אַן אַלטער פאַרפעטסטער, גראַנאַטענער קאַש־קעט, מיט אַ דאַשעק פון אָפּגעקראַכענעם לאַק, איז פרעמדלעך גע־לעגן אויף זיין הויכן, תלמיד־חכימדיקן, טיף־געקארבטן שטערן, אויף דער רעכטער האַנט האָט דעם ייד נאָכגעהאָנגען אַן אויסגע־קרוממטער בעטלער־שטעקן. אויף זיינע קניען — אַ טאָרבע. איןביי־דע הענט — אַ קליין תנ״כל, די טאָוולען באַשלאָגן מיט זילבער־שלעסער.

בעת די טיר האָט זיך געעפנט, האָט דער ייד אַ ציטער געטאָן אויפן גאַנצן קערפּער... ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף מי־כאַלסקין און האָט אים מיט שאַרפע בליקן באַטראַכט, ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט כאָטש אַ פונק פון רחמים. און געטראַכט האָט זיך דער ייד: „לאָמיך נאָר זען, ווען איך גיי דאָ, מ׳שטיינס גע־זאָגט, אָנגעטרויען מיין נשמה אויף אַזאַ לאַנגער, חושכדיקער נאַכט״...

אָבער מיכאַלסקי האָט דעם ייד לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן. ער האָט זיך צו אים דערנענטערט מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַזש דאָס ליכט אין זיין האַנט האָט גענומען שורשען, גלייך ווי ער וואָלט אין זיין גאַנג עפּעס איינגערוסן...

— ווייזט אַהער דאָס צירונג!

דער ייד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן... אָרומנעמענדיק זיך, ווי איין האַנט וואָלט געוואָלט ראַטעווען — די צווייטע, האָט ער אויפ־געהויבן זיין קאָפּ, אָנגעקוקט מיכאַלסקין מיט צווייפל אין די אויגן... דעם יידס שטומער בליק האָט עפּעס אויסגעשריגן... ער האָט זיך איינגעגראָבן אין דער וואַנט, ווי זיין האַרץ וואָלט אין דער רגע בעסער דערזען מיכאַלסקין, ווי זיין אויג... און דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט געזאָגט: „דער טויט איז מיר מער ניחא, ווי דאָס אויסקויפן זיך ביי אַזאַ נפש״... אָבער דערמאָנענדיק זיך אין די פאַרפאַלגונגען פון דרויסן, און נישט קענענדיק לענגער פאַרטראָגן מיכאַלסקים שניידיקן בליק, האָט זיך דער ייד מיט אַן אינערלעכן

ציטער אראפגעבויגן צו א כאלעווע פון זיין האלב-צעפוילטן שטיוול און ארויסגעשלעפט א לענגלעך קעסטעלע, עטוואס ברייטער ווי א שייד פון א חלף.

מיכאלסקי איז מיט גייציקע, לאכענדיקע אויגן צוגעגאנגען צום טיש און איינקלעמענדיק מיט נערוועזע פינגער דאס ליכט אין א גרויסע שאכטל שוועבעלעך, האט ער זיך, צוזאמען מיט יאדוויגאן, אראפגעזעצט מיטן רוקן צום ייד באטראכטן דאס צירונג.

דעם יידם קאפ האט זיך מיט א רים ארויסגעהויבן פון די שמא-טעס. זיין הארץ האט גענומען האסטיקער שלאגן... זיינע אומרו-איקע, בלאנדזשענדיקע אויגן האבן זיך אפגעשטעלט אויף דער וואנט, ווו עס זענען פלוצלונג אויסגעוואקסן צוויי אומגעהייער גרויסע שאטנס פון קעפ, וואס האבן זיך א רגע אנגעקוקט מיט אפענע מיילער... שאטנס פון צוויי פאר הענט האבן ארויסגעצויגן פון זיין קעסטעלע דאס צירונג. ארום דעם טיש האט זיך עפעס צע-בליאסקעט. שטיינדלעך האבן גענומען בלישטשען, בריליאנטעווען, שימערירן ווי קאלירטע פונקען וואלטן זיך צעפלויגן אין דער ארו-מיקער טונקלקייט. אויף דער וואנט האט זיך באוויזן א פרויען-האנט אין א בראסלעט. דער שאטן פון דער פרויען-האנט האט גע-נומען טאנצן. די פינף פינגער האבן געצאפלט פאר פרייד... צום יידם אויערן האט זיך דערטראגן אן אנטציקטער אויסגעשריי... ער האט א ציטער געטאן, ווי ער וואלט ערשט איצט דערפילט, אז דאס לעצטע פארמעגן זיינס איז שוין נישט מער אין זיין רשות...

נאך א ווײַלע האט דער ייד דערהערט יאדוויגאס קול:

— גיי צו און רעד אביסל העפלעכער!

— איך קען נישט. — האט זיך מיכאלסקי אויפגעשטעלט און איז מיט א צעשמייכלט פנים צוגעגאנגען צום יידן.

— איך בעט אייך פאניע, וויפל האט דאס די ווערט? — האט מיכאלסקי דאס צירונג געוואויגן אין זיין רעכטער האנט.

דער ייד האט דערפילט א טיפן שטאך אין הארצן... עס האט זיך אים געדאכט, ווי אין זיינע אויערן האט עפעס מיטאמאל א זלידנע פליג גענומען זשומען, בורבלען... ער האט א לענגערע ווײַלע אנגעקוקט מיכאלסקין מיט א שארפן בליק, אין וועלכן עס האט געהאנגען א טרער אויפן יידישן גורל...

„דו שאצסט מיין לעבן"... — האט דער ייד אן ווערטער גערעדט צו מיכאלסקין.

— נאָך נישט באַרעכנט ? — האָט זיך מיכאַלסקי אומגעדולדיק באַוויגן.

— איך ווייס נישט. — האָט דער ייד שטיל געזאָגט. — האָבן דען אַזעלכע זאַכן היינט אַ באַשטימטן פּרייז ? אָבער אויב אייך גייט נאָר אין דעם, צי דאָס געשעפט לוינט זיך, מעגט איר דאָס מאַכן פאַרן בלויזן בראַסלעט ! צוועלף שטיינער, פּרנסה בריווח אויף אַלע צוועלף חדשים. אַ פּאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך, אַ גאָלדן האַנט-זייגערל, אַ האַלדז-באַנד. אויסער די רינגלעך מיט שווערע שטיינער אויף מיין האַרצן... איר זייט אַ גביר — האָט דער ייד מיט מער דרייסטקייט ווי ביז איצט, אָנגעקוקט מיכאַלסקין.

— איר בלאָפט מיך נישט ?

— דאָס וועט אייך זאָגן דער אָפּשאַצער.

— אַ גביר ? — האָט מיכאַלסקי אַרויסגעלאָזט אַ לאַנג-צעצויגענעם פייף, און איבערווינקנדיק זיך מיט זיין ווייב, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, באַהאַלטן דאָס צירונג הינטערן קישן.

דער ייד האָט אים נאָכגעקוקט. באַמערקט איבערן געזימס פון בעט אַ הילצערנעם צלם מיט אַ מעטאַלן יעזוסל אינדערמיט, האָט ער אַן אינערלעכן צאַפּל געטאָן און זיך אויפגעשטעלט.

אין מיכאַלסקיס אויגן האָט זיך נאָכן באַהאַלטן דאָס צירונג, אָנגעצונדן אַ ניי פייערל... ער האָט זיך גענומען וואַקלען אויף די פיס, אַרומקוקן זיך מיט אַ צעשטרייטן בליק, ווי ער וואָלט אין זיין אייגן שטיבל געבלאָנדזשעט. אָט האָט ער געמאַכט אַ טראָט אין דער ריכטונג צום פענצטער; אָט אַ טראָט צוריק צום בעט. זיין האַנט האָט, ווי אַ ווילדע חיה מיט פינף פיסלעך, זיך נאָכאַמאָל גענורעט הינטערן קישן און באַרירט דעם אוצר... דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגליייכט. געוואָרפן אַ פינצטערן בליק צום יידן, וואָס האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ ווייסטע, בלינדע קאַליקע, וואָס האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט, וואָס בעט זיך ביי מיכאַלסקין, ער זאָל זי אַרומפירן אַ לעבן-לאַנג... און עפּעס ווי אויפגערעגט פונעם יידס מאָנענדיקן בליק, האָט מיכאַלסקי בייזלעך אַ מרוקע געטאָן צום ווייב און איז אַרויס פונעם שטיבל. יאַדוויגאַ איז אים אַ פאַרזאָרגטע נאָכגעגאַנגען.

דער ייד איז געבליבן שטיין אין דער פינצטער, אָנגעלענט אויפן שטעקן, אַ פאַרטייעטער. פונעם שוואַרצן פלעק, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט איבערן שטיבל, האָט אַרויסגעפינקלט דאָס מע-

טאָלענע יעזוסל, וואָס האָט זיך איצט אין דעם יידס אויגן צעוואַקסן און איז מיט יעדער רגע אַלץ גרעסער און ברייטער גע-וואָרן...

„מיט דיר האָט עס זיך אָנגעהויבן"... — האָט זיך דעם ייד גע-טראַכט, קוקנדיק אויפן בלישטשענדיקן יעזוסל. — „און עס דויערט שוין באַלד אַזוי צוויי טויזנט יאָר. צוליב דיר שטיי איך דאָ ביים ראַנד פון אַ תהום און קויף פאַר גאָלד אַביסל מיטגעפיל ביי דיינס אַ ברודער, אין וועמען דו האָסט געוואָלט איינפלאַנצן דעם „והאבת לרעך כמוך" און עס האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ שטעכיקער דאָרן פון בלוטיקער שנאה וואָס פאַרפאָלגט אונז דור-איין, דור-אויס... און אפשר ביסטו גאָר קיינמאָל נישט געווען, נאָר דאָס האָבן פינצטערע מוחות דיך אויסגעטראַכט פאַר אַן אויסרייד, כדי אונז צו פייניקן און צו מאָרדן?"...

און דער ייד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן... געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק... אין זיין מוח האָבן מיטאַמאָל אויפגעבליצט שוידער-לעכע סצענעס פון יידישער אויסראָטונג... פאַר זיינע אויגן האָט זיך עפּעס גענומען פאַנאַנדערפלאַנטערן אַ גאַנצער קנויל געשטאַלטן מיט איינגעבלוטיקטע פנימער... אויפגעריסענע, מאָנענדיקע אויגן פון קידוש-השם-יידן, אין טליתים און קיטלען, יידן פון וווייטע דו-רות קוקן צו אים אַרויס פון שוואַרץ-רויטע פלאַמען, וואָס קנאַקן, בוכניען אין זיינע באַטויבטע אויערן... און דעם ייד דאַכט זיך, אַז אָט-אָ, אין דער איינער רגע האָט ער דערהערט פון אַלע ליידנדיקע דורות, די אויסגעשרייען, וואָס האָבן זיך ווי בלוטיקע כוואַליעס אָפּגעשלאָגן אין די ווענטלעך פון זיין אויפגעשטורעמט האַרץ... און אַ שוידער גייט אים אַדורך איבערן לייב... דער ייד גיט אַזאַ טיפן צאַפּל, אַז דער שטעקן פאַלט אים אַזש אַרויס פון דער האַנט, גיט אַ טראַמאַסקע אין דער פאַדלאָגע.

מיכאַלסקי מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט שטייט אין דער טיר ווי איבערגעשראָקן:

— וואָס איז?...

— גאָרנישט... דער שטעקן..

— וואַרפט אים שוין אַוועק! — האָט ער זיך דערנענטערט צום יידן — איר דאַרפט אים מער נישט האָבן. איך פיר אייך באַלד אַראָפּ אין אייער באַהעלטעניש. מיין ווייב פאַרעט זיך פאַר אייך, ווי פאַר אַ פריץ. דערווייל וועט איר וווינען אין קעלער. דאָס פערד האָבן

מיר די „קאַטאַנים‟ צוגענומען, וועט איר האָבן אַ פּלאַץ אין שטאַל. איך וועל אייך אפשר אויסבויען אַ בונקער. דעם הונט האָבן זיי מיר אויך צוגענומען. ער וואָלט איצט דערשפּירנדיק אַ פרעמדן, זיך געריסן אויף דער קייט. דאָס וואָלט פאַר מיר געווען געפערלעך.

דער ייד האָט זיך אַ שווייגנדיקער איינגעהאָרכט, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן כאָטש אַן אָפּקלאַנג פון אַ מענטשלעך גע- פיל. אָבער הערנדיק אַזעלכע האַרטע רייד, האָט ער זיך געטראַכט, אַז אפשר דאַרף ער גאָר מיכאַלסקין אַרויסווייזן מער דאַנקבאַר- קייט, וועלן זיינע רייד ווערן אַביסל ווייכער. און הגם דער ייד איז געשטאַנען אַן איינגעבראָכענער, מער געבייגט צו דער ערד ווי צום הימל, זיין געמיט אַזוי שוואַך ווי ביי אַ פאַראור- טיילטן צום טויט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אָנגעשטרענגט אַרויסצוברענגען כאָטש אַ בלאַסן שמייכל אויף זיינע ציטערדיקע ליפּן, זאָגנדיק :

— איך גלויב, אַז מיין גאָט האָט מיך אַריינגעפירט צו גוט- האַרציקע מענטשן. איך בין אייך דאַנקבאַר, פאַן... פאַן...

— איר ווייסט נישט ווי כ׳הייס ? בעסער אַזוי. איר דאַנקט מיר ? — האָט מיכאַלסקי אַרויסגעלאַכט. — וואָס מיינט איר, איך האַלט דאָס פאַר אַ מצווה ? כ׳דאַרף האָבן געלט. כ׳האָב אייך טאַקע געוואָלט פרעגן, ווו איר האָט אַהינגעטאָן אייער פּעקל טויזנ- טערס ?... ווייל ביז מ׳וועט פאַרקויפן דאָס צירונג...

דער ייד האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען, אַקוראַט ווי מי- כאַלסקים פראַגע וואָלט אים מיט אַ דין ריטל אַ שמיץ געטאָן אי- בערן גאָלן שאַרבן. פונדעסטוועגן האָט ער מיט פאַרביטערונג אַרויסגעשלעפּט פון דער טאַש אַ פולע זשמעניע קליין-געלט און עס אַריינגעשיט אין מיכאַלסקים דלאָניעס.

— דאָס איז אַלץ, — האָט דער ייד געזאָגט. — קריסטלעכע נדבות. איר הערט. יעדע מטבע האָט דעם אָפּקלאַנג פון אַ מענטש- לעך מיטגעפיל...

מיכאַלסקי האָט דעם ייד אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיינע רייד נישט באַנומען.

אין דער רגע האָט זיך יאַדוויגאַ שטיל אַריינגעשלייכט, האַלטנ- דיק אין איר האַנט עפּעס אַן אַלטמאָדיש שוויטשיקל.

— דאָס געלעגער איז פאַרטיק. — האָט יאַדוויגאַ אַרויסגעזיפצט,

ווי נאָך אַן אָפּגעטועגער שווערער אַרבעט. — ווער איז דאָס קליין־געלט, סמאָך ?

— כ׳צייל מיר איבער וויפל כ׳האָב היינט געוואונען אין קאָרטן.

— האָט מיכאַלסקי נצחונדיק געשמייכלט.

— האָסט טאַקע געוואונען, אָבער נישט אין די קאָרטן... — האָט יאַדוויגאַ איבערגעפּירט איר בליק פון מיכאַלסקין צום יידן. — קומט ס׳ווערט שפּעט !

דער ייד האָט געשפּאַנט צווישן צוויי פלאַמען און אויסגעזען ווי אַן אויסגעלאָשענער...

דערבליקנדיק די אָפענע קעלער־דעק, האָט ער זיך אַ שמאַרקן טרייסל געטאָן... איבער זיינע אויגן־דעקלעך האָט זיך פאַרשפּרייט אַזאַ כמאַרנע בלענדעניש, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך שוין געפונען אינעם אָפענעם גרוב, איידער נאָך זיינע פיס האָבן באַטרעטן די ערשטע לייטער־שטאַפל.

— די טאַרבע וועש לאָזט דאָ איבער ! — האָט יאַדוויגאַס שטימע שטילינקע געשאַרכט.

די טאַרבע איז אַרויסגעפאַלן פונעם יידס האַנט. מיכאַלסקי האָט זי מיטן לינקן פוס באַטאַפּט אין אַלע זייטן. בורטשענדיק עפּעס צווישן די ציין, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַריין און געבליבן שטיין מיט דער לאָמטערן אין דער הייך, באַלייכטנדיק די לייטער־שטאַפּלען.

דער ייד האָט זיך לאַנגזאַם, פּאַוואָלינקע אַראָפּגעלאָזט. ער האָט עפּעס געפילט ווי דינע נאָדלען שטעכן אַדורך זיין מוח... און מיט יעדן שטאַפּל זינקט ער אַלץ נידעריקער, אַלץ טיפער אין אַ תהום אַריין... דער פלאַם פון מיכאַלסקיס לאָמטערן איז אים, אַראָפּזינקענדיק, געשטאַנען אין די אויגן, ווי די שאַרף פון אַ בלאַנקענדיק מעסער...

נאָכן לעצטן שטאַפּל האָט זיך פאַר דעם יידס אויגן אַוועקגעשטעלט אַ נעפּל... ער האָט ממש נישט געזען וואָס אינעם קעלער טוט זיך. ער האָט נאָר געפילט דעם עיפּושדיקן ריח פון פאַרפוילטע קאַרטאָפל־וואָרצלען, אַ קילקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון די צעמענטענע ווענט, האָט אַריינגעדרונגען אין זיינע ביינער. אין די אויערן זיינע האָט עפּעס געזשומעט. אַ צישען פון מייז און אַ ראַ־

ציקער געסקריטש פון שטשורעס, פאַרשפּאַרטע אין לעכער, האָבן געעגבערט די לופט.

דאָס פּוילישע פּאָרל האָט דעם יידן אָנגעוויזן זיין נאָרע. ער איז געשטאַנען ווי באַטויבט, באַרירנדיק זיין געלענדער מיטן שטעקן. ער האָט קוים-קוים אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן אים דערמאָנט, אַז ער איז גאָר אַ מענטש...

די צוויי פלעמלעך זענען אַוועק. דער ייד איז געבליבן שטיין אַ צאַפּלדיקער צווישן חשכות און טויט-שרעק. זיינע אומרואיקע אויגן זענען דאָ אַרומגעפלויגן ווי צוויי לעבעדיקע פונקען אין אַ טויטער חורבה. בעת ער האָט דערהערט די קעלער-דעק זיך פאַר-מאַכן ווי אַ שלאָס, האָט ער זיך אַ רים געטאָן פונעם אָרט... ער האָט האַסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ... עס האָט אים עפּעס גענו-מען יאָגן... און ווי ער וואָלט נאָכגעלאָפן דעם אָפּקלאַנג פון דער פאַרהאַקטער קעלער-דעק, האָט ער זיך אַן איינגעבויגענער צוגע-שלייכט צו דער לייטער. ער האָט באַרירט די שטאַפּלען מיט פאַר-חלשטע הענט. און ווי געטריבן פון עפּעס אַ געהיימען לעבנס-דראַנג, וואָס רייסט זיך צום דרויסן, האָט ער גענומען זיך ווילד צוריק אַרויפדראַפּען אויף דער לייטער, ביז דער קאָפּ זיינער האָט באַרירט די קעלער-דעק, וואָס האָט לאַנגזאַם געעפנט אַ שמאָלע, לאַנגע שפּאַרונע, ווי אַ פינצטער מויל. און באַלד פאַרמאַכט זיך, ווי נאָכן איינשלינגען אַ לעבן...

— .2 —

צומאָרגנס, בעת מיכאַלסקי איז אַרוים אין גאַס, איז אַלץ אַרום נאָך געווען מער פאַרשאָטנט ווי באַלויכטן. אויפן פּנים פונעם הימל האָט נאָך געשוועבט דער נאַכטישער, ראָזעווער חלום פון אַ ניי-געבוירענעם טאָג. די אַרומיקע לאַנדשאַפט איז קוים-קוים געווען באַגאָסן מיט די ערשטע זילבער-ראָזע טענער. די בלאַסלעכע שטראַלן זענען געפאַלן אויף די אין טוי-באַדעקטע גרעזער און קאַר-בירטע גרודעס ערד, ווי דינע פעדעס, וואָס וואָלטן זיך נאָכגעשלעפּט דעם נעכטיקן טאָג. דער גערויש פונעם טאָג-לעבן האָט ערשט קוים געהאַט געעפנט ס׳מויל. ערגעץ-ווייט האָט געקרייעט אַ האָן. פו-נעם שכנותדיקן קירכעלע האָבן די בראָנזענע גלאָקן אויפן טורעמל אַריינגעברעמזעט אין דער פרימאָרגן-שטילקייט מאָרודנע קלאַנ-

גען, וואָס זענען זיך צעפאַלן אין דער לופט מיט צוויי סתירותדיקע ווידערקולות : די דערוואַכונג צום לעבן און די באַגלייטונג צום טויט...

מיכאַלסקי האָט זיך אַרומגעקוקט. פון דער גאַנצער אַרומיקייט איז זיין בליק צופעליק געפאַלן אויף די אָפענע טראַנשייען, וואָס זענען צופוסנס פון די ליים-בערג אויסגעגראָבן געוואָרן באַלד ביים מלחמה-אויסברוך. ער האָט נישט באַנומען פאַרוואָס זיין בליק האָט זיך גראָד אָפגעשטעלט אויף די אָפענע גריבער...

שפּאַנענדיק מיט אַ שווערן טראָט איבער שטילע, שלאָפנדיקע געסלעך מיט פאַרהאַמערטע טירן-פענצטער, האָט ער זיך עפּעס ווי דערמאָנט, אַז נעכטן פאַרן שלאָפן-גיין, בעת יאַדוויגאַ האָט אַוועק-געקניט מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט זאָגן איר נאַכט-תפילה, האָט איר גוף פּלוצלונג אַ שטאַרקן ציטער געטאָן... און דער ציטער איז ווי אַ קאַלטער ווינט אַריין אין זיין געביין... און פון דער רגע אָן האָט ער פאַר עפּעס נישט זעעוודיקעס מורא געקריגן...

באַמערקענדיק אויף אַ האַלב-איינגעוואַליעטן פּלויט אַרומ-קריכן אַ פאַרוואָרלאָזטע שוואַרצע קאַץ מיט אַ פּאָר בלישטשענדיקע פאָספאָר-אויגן, האָט ער איר מיט אויפרעגונג געוואָרפן אַ שטיין...

גייענדיק צום שטעטל צו, האָט מיכאַלסקי נאָכאַנאַנד באַרירט דעם בראַסלעט, וואָס איז איצט געלעגן אין זיין טאַש, איינגעפּאַקט אין אַ נאָזטיכל.

„אפשר זאָל איך אַוועקפאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין דאָס אָפּשאַצן און פאַרקויפן ? דאָ, אין שטעטל, קען דאָך אַזאַ זאַך ווערן פאַרדעכטיק". — האָט זיך מיכאַלסקי געטראַכט. — „האָב איך, הייסט עס, מורא. אַבי איך האָב געמיינט, אַז די גאַנצע גבורה ליגט נאָר אין דער פויסט".

צוקומענדיק נענטער צום שטעטל צו, האָט ער זיך געחידושט, וואָס אַזוי פרי טראָגט זיך שוין פונעם צענטער אַ גרויס גערויש. עס פלאַטערט אַהער אַ ווידערקול פון ווייבערישע געשרייען, קינ-דערישע געוויינען...

ער האָט האַסטיק גענומען אַדורכשניידן געשלענגלטע געסלעך און שליימיקע, בלינדע לוקלעך, און איז אַ פאַרסאָפּעטער אָנגעקו-מען צום פּירקאַנטיקן מאַרק. אַרום דעם ראַטהויז, געדיכט באַ-וואָרפן מיט שטיקער פּאַפּיר און שטריקלעך פון אין-איילעניש אי-

בערגעבונדענע פעקלעך, זענען געשטאַנען אַ היפּש ביסל פּאָליאַקן, מענער און ווייבער, און האָבן נאָכגעקוקט די אַוועקגעפירטע יידן. די לעצטע יידישע טריט האָבן זיך אָקאָרשט געהאַט אויסגעלאָשן ביים ראָג פון אַ געסל, וואָס פירט צו דער באַן-ליניע... פּאַר מיכאַל־סקים אויגן האָט זיך פון דער פאַרשידנפאַרביקער מאַסע אַרויסגע־שיילט אַ שוואַרצע גלחישע סוטאַנע. ער האָט דערקענט דעם גלח פון שכנותדיקן קירכעלע, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי פאַר־שטיינערט, מיט די אויגן געווענדעט צום אַפּגייענדיקן טראַנספּאָרט. זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט... אַ קראַנקן-שוועסטער האָט זיך דאָ אפילו אויסגעווישט אַ טרער אויך. אָבער די מערהייט איז, לויטן גערעדעריי אויפן קול, מער געווען באַהערשט פון שרעק פאַרן אייגענעם לעבן ווי פון מיטלייד צו די אַוועקגעפירטע יידן.

מיכאַלסקי האָט זיך צווישן עולם אַרומגעדרייט אַ צעשטריי־טער. ער האָט זיך צופעליק אַוועקגעשטעלט ביי איינעם, וואָס האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף יידן. און רעדנדיק אַזוי מיט גאַלי־קער שנאה, האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיכאַלסקין. ביי וועמען ס׳האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, מיינענדיק, אַז יענער ווייסט שוין מסתמא, אַז ער האָט באַהאַלטן אַ יידן...

און איידער נאָך די פּוילישע גראַנאַטענע פּאָליציי האָט גענו־מען צעיאָגן דעם עולם, האָט זיך שוין מיכאַלסקי אַוועקגעדרייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָכקוקן דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט דאָ ווי אַ בליץ אַדורכגעשניטן די גאַס, איבערלאָזנדיק אין מיכאַל־סקים אויגן רונדיקע ליניעס פון מיליטערישע היטלען מיט האַקנ־קרייצן...

אַפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, נישט ווויסנדיק גענוי אין וועלכער ריכטונג ער פאַרנעמט זיך, האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט נאָכ־קוקן דעם לאַנגען צוג פון פערד, באַזעצטע מיט ציווילע פּאָליאַקן, וואָס האָט דאָ פאַרבייגעצויגן פון איין עק גאַס צו דער צווייטער. די פערד האָבן מיט אויסגעצויגענע העלדזער און מיט רעמלעך שוים אַרום די מאָרדעס, געהירזשעט, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז פרעמדע הענט האָבן זיי געפאַנגען. אַ פּאָר פערדישע, פאַרבענקטע אויגן האָבן מיכאַלסקין אָנגעקוקט. אין דער רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין פערד האָט אים דערקענט. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זיין פערד האָט נישט געהאַט קיין ווייסע

שפּרענקעלעך אויף אַ ברוינער פעל. אין זיינע אויערן האָט גע-רוישט. די פערדישע פּאַטקאָוועס האָבן, ווי אַראָפּגעשאָסענע פיילן, זיך אָפּגעשלאָגן אין די ברוק-שטיינער, פון וועלכע עס האָבן ערטער-ווייז אַרויסגעזעצט פונקען. דאָס טלימען פון די פּאַטקאָוועס האָט זיך נאָך שוואַכלעך געהערט, בעת די פערד האָבן שוין אויפן שאָסיי געהאַט אויפגעהויבן אַ געדיכטן וואָלקן שטויב.

מיכאַלסקי האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו קאַראַלענקאָס שענק; באַמערקנדיק אָבער די פאַרמאַכטע לאָדן, האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל און זיך אַריינגעלאָזט צו בול-זאַצקין אין דער בעקעריי, וואָס האָט איצט געאַרבעט פאַר די דייטשן, קויפן אויף „שוואַרץ״ אַ מיליטעריש ברייטל, נאָר וואָס פון אויוון אַרויס.

בולזאַצקי האָט אים ווי דער שטייגער איז אין די פרימאָרגן-שעהן, אויפגענומען מיט אַן איינגעמעלט פּנים, רויטע אויגן, אויס-געקראַכענע וויעס און מיט אַ ווייסער „ראָגוווקע״ אויפן האַלדז.

— אַ, סטאַך! — האָט אים דער בעקער אַראָפּגעלאָזט אַ האַנט, ווי אַ לאָפּאַטע איבער דער פּלייצע. — ביסט דאָך עפּעס היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלעמאָל...

— כ׳וויל אָוועקפאָרן זוכן אַרבעט...

— ברויכסט נישט פאָרן זוכן. די „קאַטאַנים״ וועלן דיך שוין באַשטאַטן. — האָט בולזאַצקי געלאַכט, אַראָפּקראַצנדיק פון זיינע הענט שטיקער טייג.

— איך האָב זיי טיף אין ד׳ערד. מיין פערד האָבן זיי געקענט אָוועקשיקן; מיך — נישט. — האָט מיכאַלסקי אַרויסגענומען אַ זשמעניע קליינגעלט, וואָס ער האָט נעכטן אָפּגענומען ביים יידן און באַצאָלט פאַרן ברייטל.

באַמערקנדיק ביי מיכאַלסקין בלויז קליינגעלט, האָט אים בול-זאַצקי אָנגעקוקט מיט צעשמייכלטע אויגן.

— מען קען דאָך מיינען, סטאַך, אַז דו האָסט דערהרגעט אַ בעטלער...

מיכאַלסקי האָט אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם דאָס קאָכעדיקע ברייטל, פון וועלכן עס האָט נאָך געזעצט אַ פּאַרע און זיך אויף גיך אָפּגעטראָגן.

נאָך אַ היפּשער ווײַלע אַרומבלאָנקעווען זיך, האָט מיכאַלסקי

דערבליקט די רויטע דאַכלקעס פון זיין כאַלופע. און דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס, האָט ער אויפגעציטערט און זיך אומגעקוקט, צי ס'איז אים נישט וועך נאָכגעגאַנגען...

יאַדוויגאַ איז אין נאַכט־העמד געשטאַנען ביים שפּיגל און מיט לאַכענדיקע אויגן האָט זי באַוווּנדערט איר שיינקייט, באַצירט מיט אַ פּאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך און מיט אַ האַלדזבאַנד, וואָס האָט מיט אַ שוואַרץ סאַמעט־באַנד האַלבירט איר ראָזלעך־ווייסן האַלדז און אַריינגעפּאַסט אינעם חן־גריבל פון איר האַרץ־ברעט — אַ גאָלדענעם מעדאַליאָניק.

די קליידער־שאַנק איז געשטאַנען אָן אויפגעפּראַלטע. מיט עטלעכע מינוט פריער האָט זיך יאַדוויגאַ געהאַט איבערגעקוקט אירע אַלטע זאַכן...

— סטאַך ! — האָט יאַדוויגאַ אויסגערופן אַ שיינענדיקע, בעת מיכאַלסקי האָט געעפנט די טיר. — האָסט מיטגענומען דעם בראַסלעט ?

— כ'האָב. — האָט מיכאַלסקי ביי־זלעך אַנידערגעטראַסקעט דאָס ברייטל. — אומעטום נאָך פאַרמאַכט.כ'האָב נישט וואָס צו רויכערן.

— זע בעסער וויפל טייערע שטיינער מיר פאַרמאָגן ! — האָט זיך יאַדוויגאַ אויסגעטאָן דאָס צירונג. — אַזויפיל פּרעכטיקע קאָלירן ! אַלץ עכט צירונג. דו פריידסט דיך גאַרנישט ?

— מאַך בעסער צו די לאָדן ! די זון הייבט אָן באַלייכטן דעם קעלער...

יאַדוויגאַ האָט אָנגעקוקט איר מאַן, ווי זי וואָלט אים נישט דערקענט...

— שרעקסטו זיך ?

— כ'בין געווען ביים ראָטהויז. מען האָט זיי דאָרטן אַוועקגעפירט צו דער באַן... מען קען אַמאָל אַזאַ פאַרשווונדענעם יידן זוכן...

— כ'בעט דיך, סטאַך, נעם דיר נישט אַזעלכע נאַרישקייטן אין קאָפּ אַריין ! דער ייד איז דאָך שוין לאַנג אַנטלאָפן. זיי האָבן אים שוין פאַרגעסן. ווייז מיר דעם בראַסלעט ! — האָט יאַדוויגאַ געפלאַמט פאַר נייגעריקייט. — איך וויל אים זען ביים טאָג־ליכט.

— נאַ ! — האָט מיכאַלסקי אַ שמייס געטאָן דאָס נאָז־טיכל מיטן בראַסלעט. אַ גאָלד־קלאַנג האָט זיך געהערט פון דער פּאָד-

לאָגע. יאַדוויגאַ האָט דעם בראַסלעט אויפגעהויבן און אים גענו-מען באַקוקן מיט צוויי שמייכלען איןביידע מויל-ווינקלען. מי-כאַלסקי האָט ווידער גענומען אַרויסשיטן אַביסל טאַבאַק-שטויב פון זיינע טאַשן אַרויס, אָבער ער האָט עס גלייך אָוועקגעשמיסן.

— גאָט מיינער ! — האָט יאַדוויגאַ אויסגערופן אַן איבער-ראַשטע. — זע די צוועלף קאָלירטע שטיינער !

— שוין ווידער שטיינער ! — האָט מיכאַלסקי דערלאַנגט דעם טיש מיט דער פויסט. — הער אויף צו פּלאַפּלען ! די וועגט האָבן דאָך היינט אויערן...

יאַדוויגאַ האָט אויפגעציטערט פון מיכאַלסקיס אויפרעגונג און האָט אים אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט.

— כ׳פאַרשטיי דיך גאָרנישט. אַזאַ מאַיאָנטעק... און דו זעסט אויס נאָך מער פאַרזאָרגט ווי פריער... וואָס איז דיר ?

דערפילנדיק יאַדוויגאַס שרעק אין איר שטימע, האָט זיך מי-כאַלסקי אַראָפּגעזעצט.

— כ׳וויים נישט. — האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען. — איך בין אַ פויער. כ׳קען קיינמאָל נישט זאָגן וואָס כ׳פיל... איך בין נישט געוווינט פאַר עפּעס מורא צו האָבן... פאַרשטייסט ?... איך וואָלט אַ שטייגער געווען צופרידן, ווען מען זאָל דאָס אַלץ פּראָסט פשוט האָבן געראַבעוועט אין אַ לײדיק יידיש הויז. אַזוי ווי אַנדערע פּאַ-ליאַקן האָבן זיך אַריינגעריסן אין יידישע הייזער, באַלד ביים מל-חמה-אויסברוך און צוגענומען דאָס גאָלד. אָבער אַ ייד זאָל זיך מיר נאָכשלעפּן... אַזאַ עול אויפן קאָפּ... באַהאַלט אַ שונא... אַ באָבע זעסטו. ס׳גיט איר אַ פינקל אין אויג... וואָס טוסטו אַזוי ?... טפו... — האָט ער אויסגעשפּיגן, זיך אויפגעשטעלט און אַריין אין ערשטן צימער, לאָזנדיק נאָך זיך אַן אויפגעפּראַלטע טיר.

יאַדוויגאַ האָט זיך מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט ווי בעת אַ געבעט אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט. אירע אויגן זענען געווען אויפגעריסן... עס האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט אַ מורא פאַר אַ נאָך-נישט דערזעענער זאַך... די הויט אירע האָט זיך גע-גרינצלט, ווי עס וואָלט איר מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן ביז צו די שפּיץ פינגער פון אירע פיס... זי האָט זיך מיט אַ ציטער איינגע-האָרכט ווי מיכאַלסקי שפּאַנט דערינגען איבער דער קעלער-דעק,

אַקוראַט ווי זיין כוונה וואָלט געווען דעם יידן איבערצושרעקן צום טויט...

דערנאָך איז ער אַריינגעקומען און אַרומשפּאַנענדיק איבער דער שטוב מיט די הענט אין די טאַשן, האָט ער זיך לסוף אָפּגעשטעלט ביים בעט, איינגעבויגן זיך און מיט אַ ראַציקן אָפּקלאַנג אָפּערגעשלעפּט אַ וואַליזקע.

— וואָס גייסטו טאָן, סטאַך ?

— איך פֿאָר קיין וואַרשע פּאַרקויפֿן אַביסל צירונג. האָב איך יאָ שוין אַ ייד אויף מיין קאָפּ, טאָ לאָמיר כאָטש לעבן אין ווילטאָג.

— אפשר זאָל איך פֿאָרן ? — האָט יאַדוויגאַ עפּעס נאָכגעטראַכט...

— אויב דו באַשטייסט, יאַדוויגאַ, אַז כ׳זאָל דאָ דעם יידן לאָזן קראַפּירן...

— וואָס האָסטו אַזוי אַ מענטש, וואָס דו קענסט כמעט נישט ?

— פֿאַרוואָס איך האָס אים ? פֿרעג קלוגערע מענטשן פֿון מיר ! אַזוי האָט מיך מיין טאַטע געלערנט. אַ ייד...

— שווייג, סטאַך ! — איז יאַדוויגאַ צו אים צוגעפֿאַלן און זיך גענומען טוליען צו מיכאַלסקים ברוסט, ווי זי וואָלט זיך מיט אַ טיפֿן אומרו שוין איצט מיט אים געזעגנט.

## 3.

די מיטאָג-שעה איז שוין לאַנג געווען פֿאַראיבער. און דער ייד הינטן אין קעלער איז נאָך אַלץ געלעגן אַ פֿאַרגעסענער. ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט אַרויפֿגעדראַפּעט אויף דער לייטער און מיטן קאָפּ באַרירט די קעלער-דעק, מאָנענדיק זיך שטומערהייט כאָטש אַ ביסן טרוקן ברויט. אָבער געמאַכט האָט ער דאָס גראָד בעת זיינע באַלעבאַטים זענען אַרוים פֿון שטוב. אויף זיין שטומער מאָנונג האָט קיינער נישט מער אָפּגעענטפֿערט ווי דער אָפּקלאַנג פֿון דער קעלער-דעק, וואָס האָט עפּעס איבערגעלאָזט אין דעם יידס באַטויבטע אויערן אַזאַ מאָדנע ווידערקול, אַקוראַט ווי מען וואָלט מיט אַן אָפּהילך געשיט האַרטע שאָפּלען ערד אויף פֿרישע קרשים, איבערן קאָפּ פֿון אַ נאָר-וואָס באַהאַלטענעם „בר-מינן”...

דער ייד האָט זיך צוריקגעשלייכט צו זיין נאָרע און זיך שווער-

אָטעמדיק אַראָפגעזעצט. זיין מאַטראַץ פון ברעטער האָט געקרעכצט. דעם שטעקן האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויף אים אפילו זיצנדיק אויך אָנגעלענט. דעם קאָפ האָט דער ייד פאַרוואָרפן אויף דער וואַנט, וואָס איז ערטערווייז געווען געשטרייפט מיט אַ שוואַרצן, דורכזיכטיקן טיול פון שפינעןגעוועב. ער האָט מיט זיינע מידע אויגן, נאָך אַ קאָשמאַרפולער נאַכט, אַרומגענומען אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך אינעם קעלער איצט אַרויסאַנטפלעקט פון דער טונקלקייט, ווערנדיק באַגאָסן מיטן אָפשיין פונעם טאָג-ליכט, וואָס האָט קאַרגלעך אַריינגעדרונגען דורכן פאַרשטויבטן פענצטערל. פון אַלע אַרומיקע זאַכן, פונעם גאַנצן ביסל אָפפאַל פון אַ פויערישער באַלעבאַטישקייט, האָט זיך דעם יידם צאַנקענדיקער בליק, אַביסל לענגער ווי געוויינלעך, פאַרהאַלטן אויף דער גראָבער שטריק, וואָס איז דאָ געווען אָנגעצויגן פון איין עק קעלער צום צווייטן און ס'האָט זיך אויף איר געהוידעט אַ וויימלייווענטענע אַרבעט-בלוזע, אַ באַשפריצטע מיט כלערליי פאַרבן, וועמענס אַרבל, ווי צוויי אויסגעהוילטע הענט, האָבן ביים מינדסטן ריר זיך נענטער געשטרעקט צו דער ערד...

יעדעס מאָל ווען די גראָבע שטריק האָט זיך שאַרף אַריינגעשניטן אין דעם יידס אויגן, האָט ער אַ ציטער געטאָן... ער האָט זיך גופא דערזען ווי אַ דינעם פאָדעם — מער צונויפגעגאָסן מיט דער שטריק-ליניע, ווי מיט די שטראַלן, וואָס האָבן אים געשטאָכן, דערמאָנענדיק אין דער דרויסנדיקער וועלט...

„גיי באַהאַלט זיך, אַז דער טויט לויערט אויף דיין יעדן שפאַן"... — האָט זיך דעם ייד געטראַכט. — ווי לאַנג וועל איך דען דאָ קענען אויסהאַלטן ?" עפעם אַזוי שטיל געוואָרן אויבן... זאָלן זיי אין מיר האָבן געגצלעך פאַרגעסן ?"... — האָט דער ייד גענומען שפייען פאַר האַרץ-ווייטיק.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען אַרומנישטערן מיטן שטעקן... לעבן אַ קויש האָט ער אויסגעגראָבן אַן אַלטע ציבעלע, אויפגעהויבן, אַרומגעווישט מיט דער פאָלע, האָט זי דער ייד צוגעטראָגן צו זיינע ליפן. אָבער דערפילנדיק איר ריח, איז די ציבעלע אַראָפגעפאַלן מיט אַ שווערער געוויכט, ווי דער ייד האָט זי געהאַט אויפגעהויבן...

ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער נאַרע.

אַלע מיטגלידער פון זיין הויז-געזינט, האָט זיך דעם ייד גע-דאַכטן, שפּאַנען פאַר אים פאַרביי... זיין אַלטינקע גייט פאַרביי און זוכט זיין שאָטן... ביידע טעכטער, זעט ער, ראַנגלען זיך מיט פרעמדע הענט, וואָס רייסן זיי אַרויס די אייניקלעך... זיין איידימל, אהרן-משה, גייט פאַרביי און ברומט אַ ניגון אַריין אין טויט... נאָר איין איידעם, איציק, הויבט, דאַכט זיך, אויף אַ האַנט בעת מען שלעפּט אים ערגעץ-ווו...

דער ייד האָט זיך אַ וויש געטאָן איבערן פּנים, ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגענומען אַ שוואַרצע שפּין... פון אַלע מחשבות, וואָס זענען שוין היינט, ווי שפּיזיקע נאָדלען, אַדורך זיין מוח, איז דער ייד געבליבן ביי דער ערשטער מחשבה, וואָס האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט ווי אַ באַרג.

„אין וועמענס רשות זענען מיר היינט? אין גאָטס רשות? וואָלט דאָך דער שטן נישט געהאַט קיין שליטה איבער אונזערע לעבנס. הייסט עס — אין די הענט פון שטן, וועמען דער בורא-עולם האָט איבערגעגעבן אונזער האָב און גוטס און אונזערע גופים צו אַ נסיון. און ער טאַקע, דער שטן, קען מיט אונז מאַכן וואָס ער וויל... ברע-נען און בראָטן אונזערע לייבער, כדי צו לייטערן אונזערע נשמות... טאָ ווער-זשע, ווער-זשע וועט אויסהאַלטן? איך דאָ, דער איוב אין קעלער, צי גאָר זיי דאָרט, וואָס מען האָט ערגעץ-ווו אַוועקגעפירט? און צו וואָס אייגנטלעך טוט דאָס דער רבונו-של-עולם? ווייסט ער דען נישט ווער ס'איז אין האַרצן גוט און ווער שלעכט? און צו וואָס האָט גאָט בכלל באַשאַפן דעם שטן, וואָס אין יעדן דור האָט ער דאָ אויף דער ערד אַן אַנדערן נאָמען און אַן אַנדער געשטאַלט? און בעת ער באַקומט די מאַכט איבער אונז, גרייט ער צו פון אונ-זער אומשולדיק בלוט אַ פעטע מאַלצייט פאַר אונזערע שונאים, וואָס זייער בעסטער וויין איז אַ בעכער טרערן... זייער גרעסטער כבוד — אונזער שאַנדע... וואָס בין איך דען דאָ אין קעלער, מער ווי אַ וואָרעם? דאַרף איך טאַקע דאָ בלייבן ליגן ביז צום אויס-גיין, צי ס'וואָלט גאָר געווען בכבודיקער צוריק אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך און אויפצונעמען דעם טויט, אויב ער איז באַ-שערט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ?"

ביי דער לעצטער פראַגע האָט דער ייד פלוצלונג דערהערט ווי די קעלער-דעק האָט זיך געעפנט און יאַדוויגאַ מיט אַ קיישל

שפּייז אין דער רעכטער האַנט, איז מיט אַ פּאָר צעפּלאַמטע באַקן, שטילינטשקע, פאַרזיכטיק אַראָפּגעקומען.

— אַנטשולדיקט מיר, פאַניע שטערנבערג, וואָס כ׳האָב אייך היינט אַביסל פאַרנאַכלעסיקט. מיין מאַן איז לעצטנס זייער גע-קוועלט. ביז מען באַקומט היינט אַ שלעפּ-צוג... דערביי האָב איך צעטרענצלט אַ היפּש ביסל צייט אויפן אַלטן-מאַרק, ביים איינקויפן. מאָרגן וועט שוין זיין געקעכטס צו דער צייט. — האָט זי איבער-געדרייט אַן אַלט קעסטל מיטן דנאָ אינדערהייך, צוגערוקט עס צום יידס נאַרע און אַוועקגעלייגט דאָס עסן.

דער ייד האָט עפּעס ווי אויפגעוואַכט פון אַ חלום. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין קעלער איז ליכטיקער געוואָרן. יאַדוויגאַס געבלימלטע קלייד פון שרייענדיקע פאַרבן, וואָס האָט גענומען אַרומפלאַטערן, האָט אים געבלענדט. אירע פאַרשולדיקטע אויגן האָבן זיך אויף אים אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט מיטלייד. די גאַנצע געשיכטע איז אים עפּעס פאָרגעקומען מאָדנע. איר מענטש-לעך קול האָט אים לאַנג געקלונגען אין די אויערן. און יאַדוויגאַס פאַרענטפערן זיך, האָט אויף אַזוי פיל דערהויבן זיין שפּלדיקייט, אַז ער האָט זיך ממש נישט געקענט צורירן צו זיין מאַלצייט אויף אַזאַ הינטישן שטייגער.

— איר עסט נישט?

— יאָ... אָבער...

— איר ווילט בעסער כ׳זאָל אַרויסגיין? איר האָט מורא? איך האָב געוואָלט ס׳זאָל אויף אַ רגע אייך זיין היימלעכער. עס איז דאָ שרעקלעך דושנע. נעמט אַ טרינק! איך וועל אַרויסגיין זען, צי מען באַמערקט נישט אייער שאָטן דורכן פענצטערל, וועל איך אַריינלאָזן אַביסל לופט.

דער ייד האָט זיך איינגעהאָרכט.

— איר זענט אַ גוט מענטש. אייער מאַן אָבער... כ׳וויים...

— גלויבט מיר, אַז ער איז נישט קיין שלעכטער. ער איז נאָר ווייניק געלערנט.

— די געלערנטע האָבן דאָך די דייטשן גלייך ביים אַריינקומען אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין אַ ברונעם. די איבריקע — דערשאָסן. אייער מאַן איז פּאָר זיי, ווייזט אויס, נישט שעדלעך...

— געלויבט צו גאָט! — האָט זיך יאַדוויגאַ צוגעשאַרט צו דער

קעלער-דעק, און האַלטנדיק אַ ווײַלע דעם קאָפּ פּאַריסן אין דער הייך, האָט זי זיך מיט צוקנדיקע אויערן אין עפּעס אײַנגעהערט...

דער ייד האָט דערווײַל עפּעס טועם-געווען. ער האָט מער דער-פילט ווי דערזען, אַז יאַדוויגאַ דערנענטערט זיך צו אים.

— איך בעט אײַך, באַלעבאָסטע, מען האָט הײַנט עפּעס אַוועק-געפירט יידן ? דעם לעצטן טאָג, פאַרן קומען דאָ אַהער, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ בעטלער. יענער איז געווען אַן עכטער בעט-לער. אָבער פאַרקערט גאָר : ער איז געווען אַ פּרינץ, ווײַל ער האָט זיך פרײַ געקענט באַוועגן. און דער עכטער בעטלער בין איך... נישט דאָס איז וויכטיק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז הײַנט אינדערפרי האָט געזאָלט ווערן אַוועקגעשיקט אַ נײַער טראַנספּאָרט.

— יאָ, איך האָב נאָך דעם טראַנספּאָרט געטראָפן אויפן וואַק-זאַל, אין פלאָמבירטע וואַגאָנען פון פערד. אָבער איך וויל זיך בע-סער נישט דערמאָנען... — האָט זיך יאַדוויגאַ פּלוצלינג אַ ריס געטאָן פון אָרט און פלינק, ווי אַ קאַץ, אַרויפגעדראַפּעט זיך. די קעלער-דעק האָט זיך ווידער פאַרמאַכט. דער ייד האָט עפּעס ווי נאָכגע-זוכט איר פאַרשווונדענע שטימע...

## 4.

זענען אַזוי אָפּגעפלאָסן גאַנצע זעקס אומרואיקע טעג פאַר יאַד-וויגאַן ביז מיכאַלסקי איז צוריקגעקומען פון זײַן רײַזע.

דורך די זעקס טעג איז יאַדוויגאַ יעדן פאַרנאַכט געלאָפן צום באַן-הויף אַ פאַרסאָפּעטע.

בעת דער צוג איז אָנגעקומען פון וואַרשע און עס איז געוואָרן אַ געדראַנג ביים אַרויסגאַנג, האָבן אירע אויסגעבענקטע, איבער-געשראָקענע אויגן אַרומגעצאַפּלט איבער צענדליקער און צענד-ליקער ציווילע מענער. טײלמאָל איז זי אַן אַנטוישטע נאָך אַ לענגע-רער ווײַלע געבליבן שטיין אויפן פעראָן, זי האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם צוג מיט אָפענע וואַגאָנען, וואָס זענען מיט עפּעס געווען געלאָדן און איבערגעדעקט מיט העל-גרינע פלאַכטעס — אינמיטן אַ רויטער קרײַץ... פון אַ פּאַסאַזשיר-וואַגאָן האָט זיך דערטראָגן אַ געפילדער פון דײַטשע קולות. עס האָט ווער געשפּילט אויף אַ מאַנ-דאָלין און אַ צווייטער, מיט אַ באַסאָווער שטימע, האָט אים באַגלייט.

אַ מיליטער-מאַן, אָן מונדיר, וואָס האָט יאַדוויגאַן באַמערקט דורכן וואַגאָן-פענצטערל, האָט אויף איר חשבון גענומען שיטן מיט פרעכע וויצן. די ליידיקע ראָם פון וואַגאָן-פענצטערל איז אין איין רגע אויסגעפילט געוואָרן מיטן מיליטערישע קעפּ, פון וועמענס אויגן עס האָט אַרוסגעשלאָגן אַן אומגעצוימטער הונגער נאָך פרויען-לייב... ערשט דעמאָלט איז יאַדוויגאַ אַוועק מיט לויפנדיקע שריט, ווי מען וואָלט זי נאָכגעיאָגט.

אויפן וועג צום שטעטל צו האָט איר האַרץ שטאַרק גע-קלאַפּט.

„אפשר האָט מען אים אַרעסטירט? — האָט יאַדוויגאַ גע-טראַכט. — אויב איז מיט אים גאָרנישט געשען, נאָר אַנשטאָט מיר צו לאָזן אָנשרייבן אַ בריוו, האָט ער געהולטאַיעוועט, וועל איך מיט אים זיין ברוגז וואָכן-לאַנג. ווען נישט דער ייד, וואָלט איך אַביסל אַהיימגעפאָרן צו מיינע עלטערן. און לאָז ער מיך קומען איבער-בעטן, אַזוי ווי עס איז עטלעכע מאָל געשען, באַלד נאָך דער חתונה"...

אָבער בעת מיכאַלסקי האָט זיך אַן אומגעריכטער אין אַ נאָכ-מיטאָג, אויפן זיבעטן טאָג, אַריינגעשטעלט אַן אויסגעסטראַיעטער פון קאָפּ ביז פיס, באַלאָדן מיט צוויי שווערע וואַליזעס, און מיט אַ רוק-זאַק אויף די פּלייצעס, האָט יאַדוויגאַ פאַרגעסן אין איר ברוגז. זי איז צו אים צוגעפאַלן אַ באַרואיקטע און מיט לייב און לעבן אים אַרומגעהאַלדזט און אויסגעקושט.

דערנאָך האָט יאַדוויגאַ, אַ פאַרצאַפּלטע פאַר פרייד, פאַרשלאָסן די טיר.

— בולוואַן! — האָט זי געזאָגט אַ לאַכנדיקע. — ווי שרייבט מען נישט אַ פּרוי כאָטש אַ וואָרט. היינטיקע צייטן. — האָט זי אָנגעגאָסן אַ שיסל וואַסער און געהייסן מיכאַלסקין זיך אַרומוואַשן.

— נאַרישע קאָזע, דו ווייסט נישט וואָס אין דער גרויסער שטאָט טוט זיך היינט. וויפל מאָל מיינסטו האָט מען מיך לעגי-טימירט? מיינסט דאָרט איז אַזוי שטיל ווי דאָ? דאָרטן רוישט ווי אויף אַ שלאַכט-פעלד. רעוויזיעס אין די גאַסן, רעוויזיעס אין די שטובן. פאַרטיזאַנער רייסן אויף דייטשע צוגן. מוזיקאַנטן גייען אַרום אין די גאַסן אָפּשפּילן. דערוויל ווייזט זיך אַרויס, אַז אין די פידל-שיידן האָבן זיי גאָר גראַנאַטן. און ווו מען דאַרף, איז

ט-ר-א-ך! פאַרשטייסט שוין? — האָט מיכאַלסקי אַריינגעלאָזט זיין צעשויבערטן קאָפּ האָר אין דער שיסל וואַסער און געגומען פּריסקען קאַלטע שטראָמלעך איבער זיין נאַקעטן ביוסט.

יאַדוויגאַ איז געשטאַנען מיט אַ האַנטוך אין דער האַנט אַ פאַר־טראַכטע... זי האָט זיך פאַרקוקט אויף דער קעלער־דעק... און הגם מיכאַלסקי האָט עפּעס גאָרנישט וועגן דעם דערמאָנט, האָט זי געפילט, אַז די שרעק, וואָס האָט אים באַהערשט פאַרן אַוועקפאָרן, האָט זיך איבערגעטראָגן צו איר אין האַרצן...

אַ האַלב־נאַקעטער האָט זיך מיכאַלסקי ברייטלעך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אַ פּאַטש טוענדיק זיך אין אַ קני אַריין, האָט ער גאַוהדיק אויסגערופן:

— שלעפּ מיר נאָר אַרויס פון אויבערטעשל אין רוקזאַק דאָס פלעשל שנאַפּס! געקויפט אויפן צוג. עסנוואַרג וועסטו אין איצטיקן וואַרשע פאַר קיין גאָלד נישט באַקומען. אַנדערע זאַכן — וויפל דיין האַרץ פאַרלאַנגט. אַלץ האַנדלט דאָרט. באָרוועסע קינדער אין די גאַסן האַנדלען. דער ייד האָט אונז נישט אָפּגענאַרט. דו קענסט דיר פאַרגינען צו לעבן אַביסל ברייטער.

יאַדוויגאַ איז געבליבן שטיין מיטן פלעשל שנאַפּס אין דער האַנט.

— האָסט אַלץ פאַרקויפט?

— דעם בראַסלעט און דאָס גאָלדענע האַנט־זייגערל האָב איך צוריקגעבראַכט. כ׳האָב נישט געקענט לענגער בלייבן. כ׳וועל פאָרן אַ צווייט מאָל.

— און וויפל געלט האָסטו איינגענומען פאַר די זאַכן?

— וועסט באַלד זען. קודם גיב נאָר עפּעס אָפּצועסן! כ׳וועל דיר אַנידערלייגן אַ פּעקל טויזנטערס, צום טייוול, וועסטו זיך פאַר מיר ביקן ווי פאַר אַ גראַף.

יאַדוויגאַ האָט נישט געקענט באַנעמען פאַרוואָס דאָס אַלץ איבעראַשט זי גאָרנישט. זי האָט אויסגעזען צו זיין גלייכגילטיק... אַרומקוקנדיק זיך, האָט זי שטיל געפרעגט:

— אפשר פאַרמאַכן די לאָדן?... עס האָט דיך נאָר קיינער נישט באַמערקט מיט די וואַליזעס?...

— יאָ באַמערקט, נישט באַמערקט. ווער האָט איצט מורא? טאָמער, צום טייוול, אַ שטיקל אומגליק, האָב איך זיך מיט וואָס

אויסצוקויפן. — האָט מיכאַלסקי גענומען דאָס פלעשל און אָנגעגאָסן צוויי גלעזער. אַראָפּגעלאָזט אַ גלאָז מיט איין צי, האָבן אים פלאַמען אַרויסגעטרעטן אויף די באַקן. ער האָט זיך פאַרקרעקט, פאַרביסן אַ קניפּקע ברויט, אַ שטיק אומגעשיילטן וווּרשט און געזאָגט מיט לאַכענדיקע אויגן:

— איצט, יאַדוויגאַ, זע איך, ביסטו איבערגעשראָקן. אין וואַרשע, אויף דער „אַרישער-זייט״, מאַכן פּאָליאַקן גאָלדענע געשעפטן פון יידן. פאַר אַ באַהעלטעניש ציט מען פון זיי אַראָפּ די הויט... דערנאָך... דערנאָך באַקן די יידן בייגל אויף יענער וועלט... — האָט זיך מיכאַלסקי איינגעגאָסן אַ צווייט גלאָז און אונטערהאַלטנדיק זיך דעם קאָפּ, האָט ער עס ווידער אַראָפּגעצויגן, פּאַטשענדיק אַ לענגערע ווײַלע מיט די ליפּן.

— דאָס בעסטע אַרטיקל, הערסטו, איז אויפן מאַרק היינט לומינאַל און ציאַנקאַלי, צי גאָר שמאַנקאַלי? די שוואַרצע יאָר ווייסט עס. כ׳האָב זיך ערשט איצט דערוווּסט, אַז דאָס איז סם, פאַר וועלכן יידן צאָלן מיט גאָלד. געזען אַ שטיק צירק. אַ יידישן דאָקטאָר, וואָס האָט מיטן רויטן-קרייץ פאַרדעקט זיין געלע-לאַטע, האָט מען געפירט איבער די גאַסן אין אַ ווייס-שוואַרצן קאָסטיום פון אַ פּאַיאַץ. קינדער זענען נאָכגעלאָפן מיט אַ געפייפערײַ. און דערוואַקסענע האָבן געקראַכט פאַר געלעכטער...

יאַדוויגאַ איז געשטאַנען אַ פאַרשטומטע. איר האַרץ האָט זיך געוואָרפן הינטער איר ברוסט... אין איר מוח האָט עפּעס גערוישט, געזשומעט... זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט אַן אָפּזיפץ...

מיכאַלסקי האָט געעפנט אַ זילבערנע ציגאַרעטניצע מיט אַ גראַווירט דעקל, אויף וועלכן אַ געניטער מעטאַל-שטעכער האָט אויסגעקריצט אַ נאָמען, איינגערעמט אין זילבערנע פּאַלמען-בלעטלעך. ער האָט פאַרויכערט אויסציענדיק די פּיס. און בעת ער האָט פאַרקלאַפּט די ציגאַרעטניצע, האָט יאַדוויגאַ פון דעם אָפּקלאַנג אַ צאַפּל געטאָן...

— אַן אַנטיק! דו הערסט, גראַפינע מיינע? — האָט מיכאַלסקי אָנגעוויזן אויף דער ציגאַרעטניצע. — פאַר געלט קריגט מען צוקער. צו דער חתונה האָסטו מיר נישט געקויפט אַזאַ מתנה. כאַ-כאַ-כאָ! — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איז אַריין אין צווייטן שטיבל.

אַראַפּציענדיק פון זיך די שטיוול, האָט ער זיך ברייטלעך אויסגעלייגט אויפן בעט, אַרויסלאָזנדיק איינמאָל אַ וואָלקנדל רויך; דאָס צווייטע מאָל — אַ הירזשענדיק געלעכטער.

יאַדוויגאַ איז אַרויסגעגאַנגען פאַרמאַכן די לאָדן. צוריקוועגס האָט זי מיטגעבראַכט אין צווייטן שטיבל אַריין די צוויי וואַליזעס, דערנאָך — דעם רוקזאַק.

וואַרפנדיק אַ בליק צו מיכאַלסקין האָט זי ערשט איצט באַמערקט זיינע געלע אָפיצערסקע שטיוול. זי האָט זיי אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט.

— אין אַזעלכע היצן שטיוול ?

— זיי וועלן צונויץ־קומען אויפן ווינטער. ווי זאָגט דער פויער ?

— האָט מיכאַלסקי אַרויסגעלאַכט. — געלט לאָזט נישט אַרומגיין אין קיין פלאַכטעס. פּאַק אויף די גרויסע וואַליזקע, יאַדוויגאַ !

נאָך אַ ווײַלע האָט יאַדוויגאַ אַרויסגעלאָזט אַן אַנטציקטן אויסגעשריי, האַלטנדיק אין אירע הענט אַ קאַראַקול־מאַנטל מיט אַ גרויסן שאַלאַווע קאָלנער. מיט אויפגעלויכטענע אויגן האָט זי דעם מאַנטל געדרייט אין אַלע זייטן.

— פאַרוואָס זענען עפּעס די אַקסל־קישעלעך אויפגעטרענט ?

— מענטשן האָבן דאָ געזוכט גאָלד־דאָלאַרן. סוחרים דערציילן, אַז פון די אַקסל־קישעלעך זענען זיי רייך געוואָרן. ווייל נאָר דאָ האָבן יידישע פרויען באַהאַלטן ווערט־זאַכן.

ביי די ווערטער האָט זיך דער מאַנטל אַרויסגעגליטשט פון יאַדוויגאַס הענט...

— קענסט אים פאַרקויפן... איך וועל אים נישט טראָגן... — האָט איר שטימע זיך געקלעמט.

— דו ווילסט זיין הייליקער ווי דער פויפּסט ? — איז מיכאַלסקי אַן אויפגערעגטער אַרויס פון בעט. — ווען איך ווער אַ גוטער, ווערסטו אַ שלאָק. נאַ זע ! — איז ער האַסטיק צוגעשפּרונגען צום רוקזאַק און אַרויסגעשלעפּט צוויי זאַכן. — אפילו פאַר דיינע עלטערן האָב איך עפּעס מיטגעבראַכט. אָט איז אַ קאָסטבאַרע ליולקע פאַר דיין טאַטן און אַ שאַל פאַר דיין מאַמען, וועט איר דאָס גאַנצע דאָרף נאָכלויפן, ווען זי וועט אים אָנטאָן.

מיט אַ צעשמייכלט פּנים האָט יאַדוויגאַ באַטראַכט ביידע מתנות. דעם שאַל האָט זי זיך אָנגעמאָסטן עטלעכע מאָל. און די ליולקע

אפילו האָט זי באַקוקט פון אַלע זייטן. זי האָט פונדעסטוועגן אויס־געזען צו זיין גערירט פון דעם, וואָס איר מאַן האָט אפילו פון אירע עלטערן אויך געטראַכט.

זי איז האַסטיק צוגעפאַלן צו איר מאַן און אים גענומען קושן.

— וועסט מיך לאָזן אַהיימפאָרן אויף אַ צוויי־דריי טעג ? האַ, סטאַך ? — האָט זי אים צערטלעך געשנעלט אין דער נאָז אַריין.

— אויב דו וועסט מיר צושווערן, אַז דו וועסט גאָרנישט פלאַפּלען...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן !

— און ווער וועט זיך דערווייל אָפּגעבן מיטן קעלער ?...

דאָ איז יאַדוויגאַ געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע... זי האָט זיך איינגעקוקט ווי מיכאַלסקי האָט אַנידערגעקניט, איינגעבויגן איבער אַ וואַליזע. און אַריינשטעקנדיק די האַנט אין אַן אַרבל פון אַן אַלט פוטער־פעלצל, שלעפּט ער אַרויס אַ שווערן פּאַק באַנקנאָטן.

— אָט האָסטו ! — האָט ער דאָס פּעקל געלט לאַכנדיק אַנידער־געלייגט ביי יאַדוויגאַס פיס.

יאַדוויגאַ האָט אויפגעהויבן דאָס פּעקל געלט און ווענגדיק עס מיטביידע הענט, האָט זיך איר שטימע געבעטן :

— נו, זאָג דו אַליין, סטאַך ! דער מענטש האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער הויז אַזאַ רייכטום. כ׳ווייס אפילו נישט וויפל דאָ איז. נו, האָט ער נישט פאַרדינט, אַז דו זאָלסט אים מענטשלעך באַ־האַנדלען, כאָטש די צוויי־דריי טעג, וואָס איך וועל זיין ביי מיינע עלטערן ?

— נו, גוט. — האָט מיכאַלסקי געזאָגט. — איך וועל אים דאָ נישט אויפעסן. אָבער דו קענסט דאָך פון מיר נישט פאַרלאַנגען, כ׳זאָל אים נאָך קאָכן אַ מיטאָג אויך.

— ווער פאַרלאַנגט דען דאָס פון דיר ?

— נו, שוין פאַרסטו, ווען ס׳וועט אונטערקומען אַ געלעגנהייט. נאַ, זע נאָר די בלוזקע ! דאָס וועסטו אויך נישט טראָגן ? — האָט מיכאַלסקי געהאַלטן אין איין אויספּאַקן די זאַכן.

באַמערקנדיק אַן אונגאַרישע בלוזקע, מיט קאָלירנרייכע העפּ־טערייען אויפן האַרץ־ברעט, דאָס רוסישע שטייענדיקע קעלנערל,

געדיכט אויסגעשטעפּט מיט דינישקע טאַשמעלעך פון אַנדערע פאַרבן-טענער, האָט זיך יאַדוויגאַ אַ צעשמייכלטע צוגעשטעלט צו דער שפּיגל-שאַנק, אַרויפגעלייגט אויף איר ביוסט דעם פאָדער-טייל פון דער בלוזקע און אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש :

— ווונ-דער-באַר ! — פּרעכטיק !

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ. — האָט מיכאַלסקי געקוואָלן. — אַ פּאָר „שניעגאָוצעס״, אַ מופּקעלע און אַ קאַזאַצקע היטעלע פון טי-גער. אפילו אַ שנור פאַלשע פּערל מיט אַ גראָבן קניפּ, אַז דו זאָלסט מיך נישט יאַדען, וואָס כ'האָב פאַרקויפט דעם האַלדז-באַנד.

פאַר צופרידנקייט האָט זיך יאַדוויגאַ אַראָפּגעבויגן און מיכאַל-סקי מיטביידע הענט אַרומגעכאַפּט ביים האַלדז. מיכאַלסקים האַלב-שיכורע אויגן האָבן ביי דער געלעגנהייט דערבליקט אַ העלן פלעק פון אַ נאַקעטער ברוסט, וואָס האָט אים עפּעס אַזאַ ברען געטאָן מיטאַמאָל, אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע...

ער האָט זיך ממש איינגעביסן אין איר אַקסל. יאַדוויגאַ האָט ווילד געלאַכט און געקוויטשעט, ווי דער וויטיק וואָלט זי גאָר געררייצט... זי האָט געפילט, ווי מיכאַלסקי האָט זיך מיט איר אויפ-געכאַפּט און ער טראָגט זי אין די הענט. אַ לעטשל איז איר איבערן וועג אַראָפּגעשפּרונגען פון פוס און אַ פּאַטש געטאָן דער פּאָדלאָגע.

אין דער רגע, גראָד האָט ווער גענומען פעסט קלאַפּן אין אַ הויז-טיר.

— ווער קען דאָס זיין ? — האָט יאַדוויגאַ אָנגעקוקט איר מאַן.

— איך ווייס ? — האָט מיכאַלסקי אויסגעזען איבערגעשראָקן.

— לאָמיר אויף גיך איינפּאַקן די זאַכן ! און דו גיי זיך פרעגן !

מיכאַלסקי איז געבליבן שטיין מיט פאַרזשמורעטע אויגן און נאָכגעקוקט יאַדוויגאַן ווי זי שפּאַנט מיט פאַרזיכטיקע טריט צו דער טיר.

נאָך אַ ווײַלע איז יאַדוויגאַ אַריין אין צימער מיט אַ שמייכל :

— עס האָט זיך אונז ביידע אויסגעדאַכט, אַז מען קלאַפּט ביי אונז. מען קלאַפּט גאָר ביים סאַדאָווניק, אויף יענער זייט פּלויט. שרעק איז אַ פּאַסקודנע זאַך.

מיכאַלסקי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט און האָט עפּעס נאָכגעטראַכט...

## 5

יאַדוויגאַס שכנות, וואָס האָבן גלייך אויף צומאָרגנס געגומען אַרומשמעקן איר נייעם לעבנס-שטייגער מיט כיטרע אייגעלעך, קו-מענדיק אַלע ווײַלע עפּעס באָרגן אָדער עפּעס פרעגן, האָבן איבער-געלאָזט אין איר געמיט אַ נאָך טיפערן אומרו ווי ביז איצט... זי האָט ממש נישט געוווסט ווי אַזוי צו האַנדלען. זאָל זי יעדע איינע עפּעס באָרגן, קען דאָס אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט, אַז זי האָט פאַר עפּעס מורא... זאָל זי אָפּזאָגן, וועט זי זיך פאַרשאַפן שונאים, ווען א גוט וואָרט זי קען אין אַ טאָג דאַרפן... נישט קומענדיק צו קיין באַשלוס, האָט זי גענומען יאַדען איר מאַן וועגן אויסבויען אַ טאָפּלט-וואַנט אין שטאַל. מיכאַלסקי האָט זיך וואָס אַן אמת אַמאָל אויפ-געכאַפּט אין אַ פרימאָרגן און אַרויסגעפירט אין שטאַל אַריין זיין קעסטל כלים. אָבער לאַנג איינשטיין אויף אַן אָרט, אפילו דערמיט בלויז צו באַרואיקן זיין ווייב, האָט ער אויך נישט געקענט. זיין רויע נאַטור האָט איצט מיט אַ טאָפּלטער קראַפט געצויגן צו קאָ-ראַלענקאָס שענק און צום קאָרטן-טיש. אויסער דעם, האָט זיך מי-כאַלסקי איבערגענומען דערמיט, וואָס ער קען זיך פאַרגינען צו שפּילן אויף גרעסערע סומעס ווי זיינע „גוטע-ברידער״.

פונדעסטוועגן אַז אַ וואָך איז אַריבער און „פונדרויסן״ איז גאָר-נישט געשען, האָט זיך יאַדוויגאַ צוביסלעך באַרואיקט. זי האָט זיך דערמאָנט אין די מתנות, וואָס זי דאַרף אָוועקפירן אירע עלטערן. עס איז איר נישט אַזוי ווייט געגאַנגען אין איבער-געבן די מתנות, ווי אין איר מאַניע צו שפּילן די מלחמה-נגידתטע. זי האָט גוט געדענקט, איצט נאָך שאַרפער ווי פריער, אַז בעת איר לעצטן באַזוך ביי אירע עלטערן, האָבן זיי איר אָפּגע-זאָגט מיטאַהיימצוגעבן אַביסל מעל, וואָס וואָלט אין זייער פאָל-וואַרק היינט-מאָרגן נאָך נישט אויסגעפעלט.

איצט וועלן אירע עלטערן איבערלעבן אַן אַנטוישונג. זיי וועלן מיינען, אַז זי איז ווידער געקומען ביי זיי עפּעס בעטן; לסוף וועט זי גאָר אַרויסנעמען די מתנות און אַביסל געלט אויך און עס אָוועק-לייגן אויפן טיש מיט אַ נצחונדיקן שמייכל...

באַהערשט פון דעם געדאַנק, האָט זיך יאַדוויגאַ טאַקע אויפ-געכאַפּט אין אַ פרימאָרגן, איינגעשלאָסן איר קאַפּיטאַל אין אַ שופ-

לאַד, איבערגעלאָזט געלט צום לעבן און זיך צופוס אַוועקגעלאָזט צו אירע עלטערן אין דאָרף אַריין.

דערבליקנדיק פונדערווייטנס, נאָך קאַרגע צוויי שעה גאַנג, די אָראַפּגעשיפּטע שטרויענע דעכלעך, קליינע פענצטערלעך פון די פּויערישע כאַטעס, וואָס אין איינע פון זיי איז געשטאַנען איר וויגל, האָט איר האַרץ אַ פריידיקן ציטער געטאָן... זי האָט געשפּאַנט מיט אַ לעבהאַפטן שמייכל. אויסגעוויזן האָט זיך איר, אַז זי שפּרייזט מיט באָרוועסע פיס נאָכאַמאָל אַריין אין איר יוגנט...

אויפן קרייץ-וועג האָט זי, אויף אַן אונטערגעזעגטן דעמב, באַמערקט זיצן דעם פּאַסטוך, יוזשעק, ביי וועמען די דייטשן האָבן צוגענומען די סטאַדע און זינט דעמאָלט גייט ער אַרום אַ פּאַר-יתומטער, אויסשפּילנדיק אויף זיין פּישטשאַלקע די בענקשאַפט נאָך זיינע אויסגעקוילעטע שאָף...

פונעם דאָרף האָט זיך דערטראָגן אַ געוויש פון בלעטער, וואָס האָט איבערגעשריגן די מענטשן-קולות. די לופט איז פול געווען מיט פייגל-געצוויטשער. פון אַלע צעוואָרפענע כאַטקעס מיט אָפּ-געשאָסענע מאַליעוואַנקעס, האָט זיך אַרויסגעהויבן דער צלם אויפן געזימס פון דאָרפישן קירכעלע, וועמענס לעכער זענען געווען אויס-געפילט מיט ווייסע פליגל פון לעבעדיקע טויבן. יאַדוויגאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז אויף די שטיגן פון קירכעלע האָט זי זיך אַמאָל גע-לערנט אירע לעקציעס.

אַ פּאַס פונעם דאָרפישן טייכל, ווי אַ שטיק פון אַ געשפּאָלטע-נעם שפּיגל, האָט אַ בליץ געטאָן אין איר אויג. ביים ברעג טייכל זענען אויף קאַנטיקע שטיינער געזעסן אַ צוויי-דריי פיש-כאַפּערס אין ברייטע שטרויענע קאַפּעליושן. איינער האָט געדרויכערט אַ ליולקע און אַרום דעם ברייטן ראַנד פון זיין קאַפּעליוש זענען אַרום-געקראָכן שלאַנגען-רויך, וואָס האָבן זיך איינציקווייז צעדריוולט אין דער לופט. קוקנדיק צום טייכל איז יאַדוויגאַן געקומען אויפן געדאַנק איר ערשטער קאָכאַנעק, דאַוועטשע לאָפּאַטע, וועמענס על-טערן האָבן דאַ אין דאָרף געהאַלטן אַ קרעטשמע. און דאַוועטשע דער בעסטער שווימער אין דאָרף האָט דאָ אין דעם טייכל טאַקע געפונען דעם טויט... אויף אַ רגע איז דאַוועטשע אויפגעשטאַנען פאַר אירע אויגן אַ לעבעדיקער און האָט זי באַגלייט מיט זיין בראָנז-פּנים און לאַכענדיקע אויגן, ווי אַמאָל, ביז צו אירע עלטערנס כאַטקע.

אויף אַ באַנק איז דאָ געזעסן, אַ באָרוועסער איר ברודער קאַראָל, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ מויל-האַרמאָשקע, אַרומגעקראַנצט מיט אַ כאַפּטע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדער.

— יאַדוויגאַ ! — האָט קאַראָל אויסגערופן אַן איבעראַשטער און האָט די שוועסטער זיינע אַ כאַפּ געטאָן ביי די אָרעמס און זי געהויבן אין דער לופטן.

דער הויף, וואָס האָט מיט אַ רגע פריער אויסגעזען ווי אַ שטיק פון אַ דאָרפּיש לאַנדשאַפט, האָט זיך גענומען באַוועגן. דאָס טירל האָט זיך אויפגעפּראַלט מיט אַן אָפּקלאַנג פון פאַרזשאַווערטע קייטעלעך. דער הונט האָט זיך צעהאַווקעט און איז צוגעשפּרונגען אַרומלעקן יאַדוויגאַן. די מוטער אירע, וואָס איז געקומען אָנצולויפן אין אַ ווייסער „מאַרישקע" אַרום אַ טיף-צעאַקערט פּנים מיט שמאַלציקע, קליינע אייגעלעך, האָט מיט אַ געפּאַטשעריי פון האַלבעטרעפּעס אויף באָרוועסע פיס, איבערגעשראָקן די קוואָקע מיט אירע קורטשיקלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַ געפּישטשעריי צעפליגלט איבערן הויף. די קאָזע האָט אַ ווילדן שפּרונג געטאָן און איינגעוואַליעט אַ טורעם פון שייבעס האָלץ, וואָס איז דאָ געווען אויפגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ ברונעם, צום טריקענען.

— צעקריגט זיך מיט סטאַכן ? — האָט יאַדוויגאַס מוטער גלייך געפרעגט נאָכן אָפּקושן זיך.

— ניין, מאַמע ! — האָט יאַדוויגאַ געשמייכלט. — איך בין זיך געקומען מיט אייך אַביסל זען.

— בין איך זייער צופרידן, טאָכטער. — האָט די מוטער אירע זי פונדעסטוועגן אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. — קאַראָל, ברענג אַריין פריש וואַסער, וועט זיך יאַדוויגאַ אַרומוואַשן.

דערנאָך, שוין זיצנדיק אין דער כאַטע, האָט איר די מוטער אַוועקגעשטעלט אַ שיסל קאַרטאָפל, געדיכט באַלייגט מיט זויערמילך, אָפּגעשניטן אַ פּאַצענע ברויט, אַזוי גרויס ווי אַ ראָד, אָנגעשמירט דאָס ברויט מיט אַ שיטערן, ווייסן קעז און געזאָגט, גלעטנדיק יאַדוויגאַס קאָפּ.

— עס, טאָכטערשי ! קיין הונגער ליידט מען דערוויול נישט. זאָל גאָט געבן, אַז עס זאָל אַזוי נישט פעלן ביז ענדע מלחמה.

— דער טאַטע איז אויפן פעלד ?

— ער מליטשעט אַביסל אין דער שאָפּע. רוף אים אַריין, קאַראָל !

— און ווו איז מיין שוועסטער, זאָשאַ ?

— זי אַרבעט ביים גוט-באַזעצער, קאַצבאַרעק. די פראַנטאָווע געביידע האָבן די דייטשן צוגענומען פאַר זיך. יאָ. און וואָס מאַכט עפּעס סטאַך ?

— ער האָט זיך גענומען צום האַנדל.

— צום האַנדל ? און געלט ?

— קאַראָלענקאַ האָט אים געבאָרגט. — האָט יאַדוויגאַ באַמערקט ווי דער מוטער אירער איז אַביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן.

— אַזוי גאָר ? טאָ פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט געשריבן ?

— ווייל כ׳האָב געוואָלט אַביסל אַהיימקומען.

— זאָלסטו מיר זיין געזונט און שטאַרק, יאַדוויגאַ.

ביי די ווערטער איז יאַדוויגאַס פאָטער אַנגעקומען. אַ באַיאָרטער פויער מיט אַ פּאָר גרויע וואָנסעס, ווי אַ האַלבע רייף. זיין געלאַטעט העמד — באַלייגט מיט שניטקעס שטרוי, אין דער רעכטער האַנט — אַ באַהאַק-מעסער. פון זיין אָטעם האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון סטאַדאָלע.

דער פאָטער האָט פאַר צופרידנקייט אַריינגעכיקעט אין זיך. איבערווישנדיק זיך די שפּיץ וואָנסע, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַראָפּלאָזן אַ גלאָז „וודקע״, האָט ער אַרומגענומען יאַדוויגאַן, איר פּאַטשנדיק אויף דער פּלייצע, ווי ער וואָלט געפּאַטשט אויף דעם גלאַטיקן האַלדז פון אַ באַליבט פערד.

— וואָס מאַכסטו, טאָכטער ? סטאַך האָט אוודאי נישט פאַרוואָס צו שיכורן. מיר האָבן די דייטשע כּאָלערעס צוגענומען די אַקערפערד. גיי גראָב מיט די הענט ! די ערד, אויב מען פלעגט נישט, איז זי ביים שניט אַ שטיף-מוטער. אַ מלחמה אויף אונזערע קעפּ... סעזאָן פאַרן טייוול... די שטאָטישע איז נאָך ערגער. זיבן דעקע ברויט...

— דו הערסט דאָך, אַז סטאַך האַנדלט. — האָט די פויערטע זיך אָוועקגעשטעלט ביים טיש מיט די הענט אויף די באַקעס.

— ער האַנדלט ? טאָ זאָל ער מיר שאַפן עפּעס אַן אַלטע „אָ-בראַניע״ צו גיין אין קאָשטשאָל אַריין !

דאָ האָט יאַדוויגאַ אויסגעפּאַקט אירע מתנות און זיי דערלאַנגט אירע עלטערן. צום פאָטערס ליולקע האָט זי נאָך בייגעלייגט צוויי פּעקלעך טאַבאַק. דעם ברודער קאַראָל האָט יאַדוויגאַ איבערגעגעבן

איר מאַנס אַ פּאָר איבערגעגאַנגענע הויזן, וואָס ער האָט זיי באַלד אויף זיך אַרויפגעצויגן און איז אַרויס זיך באַווייזן פאַר זיינע קאָלעגן. פאַר איר שוועסטער, זאָשאַ, האָט יאַדוויגאַ אַוועקגעלייגט אַ רויטע בלוזקע מיט דריבנע ווייסע גראַשעלעך.

דער פויער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער ליולקע און צום טאַבאַק מיט אַזאַ איבעראַשונג, אַז די צונג זיינע האָט זיך אים גענומען פּלאָנטערן, ביז ער האָט עפּעס געקענט זאָגן.

— איך האָב באַלד געוווּסט, אַז סטאַך איז אַן אָגער, וואָס וועט אַ שווערן וואָגן אויך קענען שלעפּן. — האָט דער פויער אַרויסגעלאַכט.

די אַלטינקע דאַקעגן האָט באַטראַכט דעם שאַל און געזאָגט:

— איך וועל זיך גאָר שעמען אין אַזאַ זאַך זיך צו באַווייזן אין דאָרף. ווען דו ברענגסט מיר, טאָכטערשי, דאָס געלט, וואָס דאָס האָט געקאָסט, וואָלט איך געוועזן מער צופרידן.

— איך האָב אַביסל געלט אויך געבראַכט. — האָט יאַדוויגאַ אַ שאָרך געטאָן מיט עטלעכע קנאַקעדיקע באַנקנאָטן, אַוועקלייגנדיק זיי אויפן טיש.

דאָס פויערישע פּאָרפאָלק האָט זיך צערשט איבערגעקוקט... דערנאָך האָבן זיי אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן אויף יאַדוויגאַן.

— שוין רייך געוואָרן? — האָט דער פויער מיט צוויי פינגער זיך געקעמט די וואָנסעס.

— אפשר האָבן זיי גאָר געפונען אַן אוצר?... — האָט די אַלטינקע אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן געלט.

— איך באַצאָל אייך פאַרן מעל, וואָס איר האָט מיר דעמאָלט אַהיימגעגעבן. — האָט יאַדוויגאַ אָנגעקוקט אירע עלטערן מיט אַן איראָנישן שמייכל.

די אַלטינקע האָט אַראָפּגעכאַפּט די האַנט פונעם געלט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבריט. און אַוועקלייגנדיק דעם שאַל אויפן טיש, האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע:

— נעם נישט פאַר אומגוט, טאָכטער. אין אַ מלחמה ווערן מענטשן בידלעס... קאַראָל דערציילט, אַז אויפן שלאַכטפעלד האָט אַ סאָלדאַט, נאָכן באַקומען עטלעכע קוילן, נאָך אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער קאָנסערוון־פּושקע... כ׳וועל דיר שוין איצט מיטגעבן אַ היפּש ביסל שפּייז.

— קודם בראָט איר אָפּ אַ קורטשיקל! — האָט דער פויער

פאַרויכערט זיין נייע ליולקע און זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ קלעצל מיט טיפע איינשניטן פון אַ שאַרפער האַק און גענומען שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע.

יאַדוויגאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבערקעמען ביים קליי־נעם שפּיגעלע מיטן רויטן רעמל, וואָס האָט, זינט איר רייף־ווערן ביז צו דער חתונה, איר תמיד געוויזן דעם שאָטן פון איר בענק־שאַפט צו אַ מאַן... איצט אָבער האָט איר שאָטן אינעם שפּיגעלע זיך איר אויסגעוויזן ווי פאַרבענקט נאָך איר יוגנט, וואָס איז פריי געווען פון שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג...

דערנאָך האָט זיך יאַדוויגאַ אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר. זי האָט זיך מיט נייגער אַרומגעקוקט; הגם עס איז דאָ גאָרנישט גע־ווען וואָס צו זען. אַ גרופּע יינגלעך האָבן ביי אַ פּלויט געשפּילט אין מיליטערישע קנעפּ. אַ פאַרלאָזטער אַקער־וואָגן צווישן קזשאַ־קעס. אַ פויערטע פירט אויף אַן אַלטן וואָזעק אַביסל צוזאַמענגע־קראַצטע לאַבעס. אַ פויער אַהין, אַ פויער אַהער. יינגלעך לויפן מיט וויטשקעס אין די הענט און קלינגען אַריין אין די צוויי מעשענע טעלער, וואָס זענען אויסגעהאַנגען ביים סטאַרשע־פעלדשער. אין אַ ראָג — אַ לייטער־וואָגן מיט אַ צוויי־דריי מיסט־גאָפּלען, וועמענס ציינער בליצן אויף דער זון. אויפן שאָסיי, האַרט ביים ליימענעם יעזוים, וועמענס האַלדז איז געווען איינגערעמט אין צענדליקער פאַרוויאַנעטע בלומען־קראַנצן, ליגן צוויי דייטשע מיליטער־לייט אויפן ברוק און פאַריכטן אַ מאָטאָציקל.

יאַדוויגאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק לעבן קירכעלע. די באַנק איז דאָ געשטאַנען אינעם שאָטן פון אַ קאַשטאַנען־בוים, וואָס האָט פון צייט צו צייט געטריפט מיט אַ געל איינגעשאָכניעט בלאַט.

דאָווטשע לאַפּאַטע איז איר ווידער געקומען אויפן געדאַנק. זי האָט גערן געוואָלט וויסן, ווען מען האָט זיינע עלטערן און זיין שוועסטער מאַשע דעפּאָרטירט. „ווי וואָלט געווען, ווען ער ווערט נישט דערטרונקען?" — האָט זי געטראַכט. — ווען ער לעבט, וואָלט איך דאָך זיכער מיט אים חתונה געהאַט און צוזאַמען מיט אים אַוועקגעפירט געוואָרן אויף דעפּאָרטאַציע. איז מיר היינט בעסער?"

טראַכטנדיק אַזוי, האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם באַהאַלטענעם ייד אין קעלער. און הגם די זון האָט געגליט, האָט זי מיטאַמאָל דערפילט ווי אַ שוידער גייט איר אַדורך איבער די ביינער...

פלוצלינג האָט זי עפּעס באַמערקט, ווי ביי איר באַנק איז אויס-געוואַקסן אַ שאָטן. זי האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַמערקט איר לערער, אַדאַם גרושעק, אַ געלהאָריקער מאַן אין די יאָרן, אין אַ פּאָר קאַנטיקע ברילן-גלעזער, אָן ראַמען.

— יאַדוויגאַ! — האָט ער אַ דערפרייטער אויסגערופן. — וואָס מאַכסטו?

— אַ־גאַדאַנק. כ׳בין זיך געקומען אַביסל זען מיט מיינע עלטערן.

— זייער פיין... — האָט דער לערער יאַדוויגאַן באַטראַכט מיט אויפגעלעבטע אויגן. — ביסט שענער געוואָרן, יאַדוויגאַ.

— דער לערער שפּאַסט...

— איך שווער דיר! — האָבן זיינע אויגן געפלאַמט הינטער זיינע ברילן-גלעזער. — אָבער אין דיין בליק ליגט אַן אומרו...

— ווי אַזוי ווייסט דאָס דער לערער? — האָט זיך יאַדוויגאַ איבערגעזעצט פון איין עק באַנק צו דער צווייטער.

— דו פרעגסט און דו ענטפערסט, יאַדוויגאַ. — האָט דער לע-רער געלאַכט. — פאַרוואָס האָסטו דיך עפּעס גראָד איצט איבער-געזעצט?

— סתם אַזוי...

— עס איז נישט פאַראַן קיין סתם. יעדע באַוועגונג קומט פון אַ געמיט-צושטאַנד...

— אפשר? ס׳איז דאָך אַ מלחמה. יעדער האָט פּאָר עפּעס מורא... כ׳וואָלט געוואָלט פרעגן דעם לערער, צי ער גלייבט אין אַ חלום. — האָט זיך יאַדוויגאַ עפּעס דערמאַנט.

— עס האָט זיך דיר עפּעס געחלומט, יאַדוויגאַ?

— יאָ. די לעצטע נאַכט פאַר מיין אַרויסגיין פון דער היים.

— דערצייל! קען איך זיך צוזעצן?

— אָ, איך אַנטשולדיק זיך פאַרן לערער, וואָס כ׳האָב אים נישט געבעטן זיצן.

— איך הער דיך. — האָט זיך דער לערער אַוועקגעזעצט, אויפ-געהויבן אַ בלעטל און עס גענומען שיילן ביז דאָס נאַקעטע שטענ-געלע איז אים געבליבן אין דער האַנט.

— איך האָב אין חלום געזען אַ טריומף-טויער. — האָט יאַד-וויגאַ דערציילט, קוקנדיק אויפן לערער. — אַ מיליטער-מאַן אויף אַ ווייס פערד האָט אַדורכגעריטן. אַן אָרקעסטער האָט געשאַלט. אַ צעיושעטע מאַסע האָט ווילד געשריגן: „זאָל לעבן דער זיגער!!!"

צווישן דער מאַסע איז געשטאַנען אַ ווונדערשיינע יונגע אלמנה אין שוואַרצן, האַלטנדיק אין דער רעכטער האַנט אַ גרויסן קויש בלומען. בעת דער רייטער אויפֿן ווייסן פֿערד האָט זיך צו איר דערנעענטערט און מיט אַ שמייכל אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך די בלומען, איז די אלמנה לאַנגזאַם צוגעגאַנגען און האָט אַנגעטאָן דעם קויש בלומען אויפֿן פֿערדס האַלדז... „פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?" — האָט דער מיליטער-מאַן מיט דערשטוינונג געפֿרעגט. — „ווייל כ'בין איבערצייגט" — האָט די אלמנה געענטפֿערט — אַז דאָס פֿערד איז זיכער נישט שולדיק אין מיין מאַנס טויט"... דאָס איז עס אינגאַנצן.

— כ'פֿאַרשטיי נישט ווי אַזוי עס קען אַ מענטש חלומען אַזאַ פּלאַסטיש בילד. — האָט דער לערער אַנגעכאַפּט יאַדוויגאַס הענט. — איך מיין, אַז אָדער דו האָסט דאָס געלייענט אין אַ בוך, אָדער דו האָסט דאָס געזען אין אַ קינאָ. עס איז באמת אַ פֿיינע אַנטי-מלחמה-סאַטירע.

— ניין, ניין! — האָט יאַדוויגאַ געזאָגט נאָכטראַכטנדיק. — איך האָב עס אין ערגעץ נישט געזען. איך פֿאַרזיכער דעם לערער, אַז עס איז אַ חלום. און כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס דאָס באַדייט.

— איך ווייס נישט. — האָט זיך דער לערער אויפֿגעשטעלט, באַמערקנדיק פֿאַרבייגיין דעם דאָרפֿס-גלח. און יאַדוויגאַ האָט זיך אויך אויפֿגעכאַפּט און זיך פֿאַרנייגט מיט אַ קניקס.

דערנאָך, האָבנדיק דערזען דעם גלח, איז יאַדוויגאַ געוואָרן באַ-הערשט פֿון אַזאַ געוואַלטיקן אומרו, אַז זי האָט זיך גאָר פֿלוצלינג געזעגנט מיטן לערער און איז אַוועק.

דער לערער איז נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין און האָט איר נאָכגעקוקט...

— 6 —

דעם ערשטן טאָג נאָך יאַדוויגאַס אַהיימפֿאָרן, איז דער ייד ווי-דער געבליבן זיצן אין קעלער אַ פֿאַרגעסענער. די שטילקייט פֿון אויבן האָט אויף אים אַנגעוואָרפֿן אַ טויט-שרעק.

ער האָט פֿאַריסן דעם קאָפּ צו דער קעלער-דעק און איז אַזוי אין דער פּויזע געבליבן שטיין, איינהאָרכנדיק זיך אין דער מורא-דיקער אַנטשוויגנקייט, וואָס האָט אין זיינע אויערן געזשומזשעט מיט צאַפּלדיקע פֿליגל פֿון אַ גיפֿטיקער בין, פּיקענדיק זיין געהירן...

ער האָט מער נישט דערהערט יאַדוויגאַס דריבנע טריטלעך, צו וועלכע ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט און זיי האָבן תמיד געקלונגען אין זיינע אויערן ווי טרייסט-ווערטער. שטייענדיק אַזוי אַן אומבאַהאָלפענער ביי די לייטער-שטאַפּלען, האָט ער זיך שטי־לינקערהייט אַרויפגעשלעפּט העכער און העכער מיט עטלעכע שטי־גלעך, מיינענדיק, אַז ער וועט פאָרט עפּעס דערהערן אַן אָפּקלאַנג פון אויבן.

די שרעק זיינע האָט אין אים אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט אפילו צו מיכאַלסקיס שווערע טריט, וואָס זענען תמיד געפאַלן ווי שטיי־נער איבער זיין קאָפּ. אָבער ער האָט מער פון אויבן נישט דער־הערט דעם מינדסטן קלאַנג.

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער... פאַרשידענע מחשבות, איינע טרויעריקער ווי די אַנדערע, האָבן זיך געשפּאַרט צו זיין מוח...

„אפשר בין איך טויב געוואָרן ?...

און כדי זיך איבערצוצייגן, צי ער האָט נישט פאַרלוירן דעם געהער, האָט זיך דער ייד גענומען שלאָגן דעם קאָפּ אין דער וואַנט...

דערהערנדיק אַן אָפּהילך, האָט זיך דער ייד ערשט איצט, נאָך מער ווי פריער, דערשראָקן פאַר דעם פּוסט-געוואָרענעם הויז. ער האָט זיך, ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה, צוריק אַראָפּגעדראַפּעט פון דער לייטער און גענומען אַרומשפּאַנען אין קעלער מיט אַזאַ האַסטי־קייט, אַז ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָנגעשטויסן אין דער וואַנט, וואָס האָט זיין גאַנג אין דער וועלט אַריין — פאַרהאַלטן.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט קוקן, מיט אַ צאַפּל־דיקן בליק, אויפן קעלער-פענצטערל, וואָס איז מיט דער אַרומי־קער טונקלקייט געווען איינגערעמט, ווי אַ פּירקאַנטיק שפּיגעלע, איבערלאָזנדיק אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע אַ שאָטן, פאָר־מירט ווי אַ קישעלע — נאָר דערויף אַרויפצוואַרפן דעם האַלב־טויטן קאָפּ.

לויטן פענצטערל האָט דער ייד דערקענט, אַז די מיטאָג-שעה איז שוין פאַרביי. אין זיין האַרץ האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן... אַ נייע שרעק, וואָס איז דערגאַנגען ביז גלייכגילטיקייט, האָט אים אויפגעטרייסלט. די שרעק זיינע האָט אויפגעגעסן דעם הונגער, וואָס האָט אים גאַנץ נישקשהדיק גענאָגט ביים האַרצן, גענורקע־וועט. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט ער דערהערט אַ געקווי־

טשערייִ פֿון זײַנע געדערים. ער האָט אויסגעגנייגט די לעצטע טראָפּן וואַסער פֿון דער פֿלאַש און האָט זיך ווי אַ תשעה־באָב־ייִד אַראָפּגעזעצט בײַם קעסטעלע־טישל.

עס האָט זיך אים עפּעס דערמאָנט:

„און מיט אַזאַ אָרעם, שוואַך ווערעמל פֿירט גאָט זײַנע חשבונות, רעכנט זיך מיט אים: געזינדיקט? נישט געזינדיקט? ער, דער אַלמעכטיקער, פֿון וועמען אַלץ שטאַמט אָפּ, וואָס באַשטימט יעדן שריט פֿון דעם מענטש, וואָס איז ממילא, אין דער לעצטער שורה, אויך די סיבה פֿון די מענטשלעכע זינד — ער האָט נאָך טענות און פֿאָדערונגען צו דעם מענטשן! קוק צו מיר אַראָפּ, גאָט, און זע מיך דאָ אין מײַן שאול־תחתית! זאָג מיר, וואָס איז דער זין פֿון מײַן דאָ־זײַן!? צו וואָס שענקסטו מיר נאָך לעבעדיקע שעהן, בעת זיי זענען דאָך סײַ־ווי נישט מער ווערט ווי די שעהן פֿון אַ מת אין אַ קבר, וואָס קען פֿון דײַן שיינע וועלט מער נישט געניסן. און אויב דו האַלטסט נאָך מײַנע אויגן אָפֿן, שענק מיר כאָטש אַ טרינק וואַסער!"

מיט אַ שווערן זיפֿץ האָט זיך דער ייִד אויפֿגעכאַפּט פֿונעם קעסטעלע־טיש. ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן נאַרע און זיך אַוועקגעוואָרפֿן ווי אַן איבעריקע זאַך.

„אפֿשר האָט מען זיי אַרעסטירט? אפֿשר זענען זיי טאַקע אויבן און איך דערהער נישט פֿונדערווײַטן? וואָלטן זיי גראָד היינט זיך אין מיר נוקם געווען און מיך איבערגעלאָזט אויף הפקר? נשכחתי כמת מלב... און ווו איז די באַלעבאָסטע? און אפֿשר קומט ווער?..."
— האָט ער זיך ווילד אויפֿגעכאַפּט און צוריק פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויפֿן פּעקל שמאַטעס, פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, ווי ער וואָלט שוין אויף אייביק אַזוי געוואָלט אַנטשלאָפֿן ווערן.

## 7

אין אַ נאָכמיטאָג, נאָך קאַרגע פֿיר טעג לעבן אין דאָרף, איז יאַדוויגאַ אַהיימגעפֿאָרן. איר ברודער קאַראָל האָט איר באַזאָרגט אַ פֿויעריש פֿורל, וואָס האָט געהאַלטן אין איר געשפּאַן פֿון העלע שטריק, אַ יונג באָרוועס לאַשיקל אָן פּאָדקאָוועס. דער פֿויער האָט גראָד געדאַרפֿט צו זײַן אין שטאָט און האָט יאַדוויגאַן מיט איר ביסל שפּײַז, גערן מיטגענומען.

דער טאָג איז געווען אַ פאַרכמאַרעטער. די זונענקרוין איז גע-לעגן באַהאַלטן אין אַ וואָלקן, וואָס איז געווען גערדיכט געשפּרענגלט מיט גאָלדענע פלעקן. דער אויסגעלאָשענער הימל איז געווען פאַר-צויגן מיט כמאַרעס פון אַ וואַסערדיקן טונקל-בלוי, געמישט מיט אַ שווערן ברוין. ערטערווייז האָבן זיך אויפן הימל-פלאַך געמערקט אומגעהייער-לאַנגע, פאַרשידנפאַרמיקע טומאַנען, וואָס האָבן גע-פּויזעט אויף די בייכער, איינשלינגענדיק זיך ווי וואַל-פיש. אויף די פעלדער איז געלעגן אַ טעמנער אָפּשיין. ביים האָריזאָנט האָבן זיך די פאַרשאָטנטע הימלישע ליכטרינגען געקייטלט מיט די טונ-קעלע ליכטקרייזן פון דער ערד, ווי צוזאַמענגעגאָסן פון איין מאַ-טעריע.

יאַדוויגאַ האָט זיך אומגעקוקט און געפרעגט:

— ווי מיינט דער גאָספּאָדאַרזש, עס וועט רעגענען?

— נאָך נישט אַזוי גיך, מיכאַלם טאָכטער. — האָט דער פּויער זי גערופן אויפן פאָטערס נאָמען.

דאָס פורל האָט זיך לאַנגזאַם געטרעסקעט.

יאַדוויגאַן איז געקומען אויפן געדאַנק איר מאַן. דערנאָך — דער באַהאַלטענער ייד... גראָד אין דער רגע האָט אַ בליץ, ווי אַ בלאַנקענדיק מעסער, אַ שניט געטאָן אַ שוואַרצע כמאַרע. און יאַד-וויגאַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די כמאַרע איז רויט געוואָרן, ווי בלוט און קראַכט מיט אַ דונער-קול פאַר ווייטיק... זי האָט זיך איבערגעצלמט און ווידער געפרעגט:

— אפשר קען דער גאָספּאָדאַרזש פאָרן אַביסל שנעלער?

— נישט מעגלעך, מיכאַלם טאָכטער. מיין לאָשיקל איז בלינד אויפן לינקן אויג. די דייטשן האָבן אויף אונזער פּאַשע געשאָסן האָזן און געטראָפן צום לינקן אויג פון מיין זשערעבטשיק. דאָס איז דאָך אַן איידימל אויף האָבער. ווען איך האָב מיין אַמאָליקע מאַטשערע, וואָלט אייך די פולקאָשקע שוין לאַנג געלעגן אויפן קאָפּ.

— כאַפּט זיי דער טייוול, די „קאַטאַנים"! — האָט יאַדוויגאַ אַריינגעקוקט אין דער ווייטקייט מיט אַן איבערגעשראָקענעם בליק... און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז וואָס נענטער זי קומט צו איר שטעטל, אַלץ גרעסער ווערט דער אומרו ביי איר אין האַרצן...

און ענדלעך, דערבליקנדיק דעם שפּיץ פון איר קלויסטערל, וואָס שטייט בשכנות מיט איר כאַטקע, האָט זי זיך גאָרנישט געקענט

דערקלערן, פאַרוואָס איר האַרץ האָט זיך אַזאַ שטאַרקן וואָרף געטאָן ?...

און באותו-רגע האָט אַ שטורעם-ווינט מיט אַ מעכטיקער קראַפט צעטרייסלט, ביז צו די שטאַמען, אַלע אַרומיקע ביימער. אַ לאָדן האָט ערגעץ-ווו אַ טראַסקע געטאָן. אַ שטיק פּאַפּע איז אַראָפּ פון אַ פויערישער כאַטע. אַ בליץ, ווי אַ ליכטבויגן האָט זיך אויף אַן אויגנבליק האַלב-רונדיק געצייכנט אויפן האָריזאָנט. אַ דונער האָט זיך צעשיט ווי אַ ריזיקער באַרג שטיינער, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַן אַנדערן ערד-ווינקל, אַקוראַט ווי דאָרט וואָלט דער אויפרייס פאַרגעקומען.

דער פויער האָט זיך איינגעהילט אין אַ זאַק. און איידער יאַדוויגאַ האָט באַוויזן זיך איינצונורן אין דעם בינטל היי, וואָס איז אויפן פורל געלעגן, האָבן דיקע רעגן-בייטשן גענומען שמייסן די ערד מיט אַ ווילדער קראַפט. אין דער לופט האָט זיך געהערט דער ציטער פון שויבן און אַ געפּאַטשעריי איבער די גאַלע שאַרבנס פון גרעסערע און קלענערע שטיינער, האָט זיך שאַרף אַריינגעריסן איינעם אויער.

— דרייט אוים אויף לינקס ! — האָט יאַדוויגאַ געשריגן מיט שטראָמען וואַסער אויף די ליפּן.

און אַרויסבליקנדיק, האָט זי מיט איבעראַשונג באַמערקט ווי אין איר ערשטן שטיבל איז ליכטיק. אַ באַווייז, אַז מיכאַלסקי איז אַזוי פרי שוין אינדערהיים, אַקוראַט ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז זי קומט איצט אָן...

— סטאַך ! — האָט יאַדוויגאַ געוואַלדעוועט, ווי נאָר דאָס פורל האָט זיך דערנענטערט צו איר כאַטע.

זי האָט עטלעכע מאָל גערופן איר מאַנס נאָמען, ביז ער האָט ענדלעך דערהערט. ער איז אַרוים פון דער כאַטע און אַ כאַפּ געטאָן יאַדוויגאָן אויף די הענט.

זי האָט אַריינגעבראַכט אין איר שטיבל אַ פריש קלינגענדיק געלעכטער. אַנידערוואַרפנדיק די צוויי שפּייז-פּעקלעך, איז זי געלאָפן איבער דער שטוב, צייכענענדיק אויף דער פּאָדלאָגע זיגזאַגישע וואַסער-ליניעס, וואָס האָבן אַראָפּגעטריפט פון אירע קליידער און פון אירע אַדורכגעווייקטע פּאַסמעס האָר.

— העלף מיר זיך איבערטאָן, סטאַך ! — איז זי גלייך אַריין אין צווייטן שטיבל.

סטאַך האָט אַ שווייגנדיקער געעפנט די שאַנק. זיינע בליקן זענען געווען פינצטער, ווי דער דרויסנדיקער הימל. ער האָט זיך שטייפלעך באַוועגן, בלאָזנדיק דורך די נאָז-לעכער וואָלקנדלעך רויך, נישט אַרויסנעמענדיק די ציגאַרעט פון מויל.

— האָסט געזען אַ כליאַפּ. כ׳וועל מיר אַלץ מוזן איבערוואַשן. מיינע עלטערן קושן דיך פאַר די מתנות, סטאַך. אַ פרייד אַבּיסל דאָרט געווען. זיי האָבן מיר מיטגעגעבן אַ שפּאָר ביסל שפּייז. פאַר אַביסל שוואָמען גיסטו דאָך אַוועק דעם קאָפּ. וואָס הערט זיך דאָ? וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פרי אינדערהיים?

— כ׳האָב זיך צעקריגט מיט קאָלטשאַקן... — האָט מיכאַלסקי געענטפערט, אַראָפּקוקנדיק אויף דער ערד. — ער האָט מיך חושד געווען, אַז כ׳האָב אַ פּיפּטל פּיק אַריינגעוואָרפן צו וואַנדאַן אין בוזעם, ווייל כ׳האָב געהאַט פּוטש.

— ווער איז די וואַנדאַ? — האָט יאַדוויגאַ אָפּגעשטעלט אירע הענט, וואָס האָבן געהאַלטן ביים אַרויפציען אויף זיך אַ ווייס קיכן-שירצל מיט שעלקעס.

— אַ טליק, וואָס דרייט זיך דאָרט אַרום אין דער שענק און נעמט אַהיים געסט...

— טאָ ווי קומסטו צו איר בוזעם?

— וואָס? דו רעדסט נאָך קאָלטשאַקן? דו הערסט דאָך, אַז ס׳איז אַ בילבול.

— שיינע געשעפטן, סטאַך. — האָט יאַדוויגאַ געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אין קעלער האָסטו אוודאי פאַרגעסן. — איז יאַדוויגאַ צוריק אַריין אין ערשטן שטיבל און זיך גענומען פאָרען ביי די שפּייזפּעקלעך.

מיכאַלסקי איז איר נאָכגעגאַנגען.

— כ׳האָב נישט פאַרגעסן...

— האָסט דיך, זע איך, מיט קאָלטשאַקן געשלאָגן.

— ניין. מיר האָבן זיך בלויז אָנגעכאַפּט ביי די העלדזער. מען האָט אונז צעריסן.

— הייב נישט מיט אים אָן, סטאַך! האָסט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ גנב, אַ מוסר און אַ מעסער-שטעכער.

מיכאַלסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים צוגעמאַכטן פענצטער און פאַרויכערט אַ פרישע ציגאַרעט. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער אין דער רגע האָט אַ בליץ אַ בליאַסקע געטאָן אויף דער

שויב, ווי אַ זילבער-אָדערל וואָלט זיך אַ ווילע געשלענגלט און פאַרשווונדן. און בעת אַ דונער האָט גלייך דערנאָך געקראַכט, האָט זיך מיכאַלסקי אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן...

— כאַ-כאַ-כאַ ! — האָט יאַדוויגאַ אַרויסגעלאַכט. און צוזאַמען מיט איר געלעכטער האָבן האַרטע אַרבעס זיך געשיט פון איר האַנט אין אַ טעלער אַריין. — פון ווען אָן, סטאַך, שרעקסטו זיך אַזוי איבער פאַר אַ דונער ?...

— כ'שרעק זיך נישט...

— גיי אַרויס פאַרמאַכן די לאָדן !

בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט אים יאַדוויגאַ נאָכגעקוקט. און ווען ער איז צוריק אַריין און זיך אַוועקגעזעצט, האָט יאַדוויגאַ געזאָגט מיט אַ פול מויל געלעכטער :

— מיר דאַכט זיך, סטאַך, אַז קאָלטשאַק האָט דיך גוט צורעכט געמאַכט. דו גייסט, ווי דו וואָלטסט געהאַט אונטערגעהאַקטע זייטן. גיי ברענג אַריין וואַסער און גיס אַריין אין די אַרבעס. זאָלן זיי זיך ווייקן, וועט מען מאָרגן האָבן אַ גוט מיטאָג. כ'וועל באַלד עפּעס מאַכן אויף אָוונט-ברויט. וועסט זען, אַז אַ באַלעבאַסטע איז דאָ אין שטוב, איז אַלץ אַנדערש. וואָס זיצסטו ?

מיכאַלסקי האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנשטאָט וואַסער, האָט ער פון דער קיך אַריינגעבראַכט אַן אָנגעהויבענע פלאַש שנאַפּס און פאַרגעסנדיק זיך, האָט ער דעם שנאַפּס געוואָלט אַריינגיסן אין די אַרבעס.

יאַדוויגאַ האָט ערשט איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים גוט אָנגעקוקט...

— וואָס קומט דאָ פאָר ?... ביסט דאָך עפּעס אינגאַנצן צעדרייט... ביי מיר שפּילט נישט קיין ראָל אַלץ צו לאָזן שטיין און ליגן, אַריבערלויפן צו קאָראָלענקאָן, וועל איך אַלץ וויסן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

— גיי נישט ! — האָט מיכאַלסקי מיט אַ פויסט אַ זעץ געטאָן אין טיש אַריין. — קאָלטשאַק האָט מיר שוין ביים קאָרטן-טיש אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ער וועט נאָך אויסשמעקן פון וואָס איך בין אַזוי רייך געוואָרן.

— טרויעריקער גורל ! — האָט יאַדוויגאַ פאַרבראָכן די הענט.

— פאַרוואָס האָסטו אַזאַ פאַרשוין געטשעפּעט ?

— דו הערסט דאָך, אַז ער האָט זיך צו מיר געטשעפּעט. ער

איז דאָך נאָך פאַר דער מלחמה געזעסן אין תפיסה פאַר שלאָגן ייִדן. קען זײַן, אַז ער האָט זיך עפּעס דערוווּסט. און פון דעמאָלט אָן, קען ער מיך פאַר שנאה מער נישט פאַרטראָגן. ער שפּיזט מיך אַדורך מיט די אויגן.

— טאָ צו וואָס גייסטו דאָרט אַהין ?

— אויב כ׳וועל נישט קומען, וועט זײַן ערגער. ער וועט מיי־נען, אַז כ׳האָב פאַר אים טאַקע מורא.

— וואָס דען טוט מען ? — איז יאַדוויגאַ געבליבן שטיין פאַר־צווייפלט.

— וואָס ציטערסטו ? כ׳האָב דאָך מיך מיט אים איבערגעבעטן.

— גלויב מיר, סטאַך, זינט כ׳וווין מיט דיר, ביסטו מיר נאָך נישט פאָרגעקומען אַזוי אומפאַרשטענדלעך, ווי היינט. אַז דו האָסט דיך ווידער מיט אים איבערגעבעטן, טאָ צו וואָס צאַפּסטו מיר דאָס בלוט ?... אַהיימגעיאָגט זיך. כ׳בין קראַנק געווען נאָך צו ליגן דאָרט אַ פּאָר וואָכן.

— טאָ רעד מער נישט דערפון און פאַרטיק ! — האָט זיך מי־כאַלסקי איינגעגאָסן אַביסל שנאַפּס, אַראָפּגעצויגן דאָס גלאָז האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט יאַדוויגאַס פאַרטראַכטע אויגן...

— סטאַך, האָסט נישט אַמאָל אַלץ פאַרשפּילט און דעם קע־לער געלאָזט הונגערן ?

ער האָט אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן...

— הונגערן ?... כ׳האָב טאַקע אַלץ פאַרשפּילט און אפשר נישט ? ווײַל כ׳האָב אַ היפּש ביסל געלט פאַרטרונקען.

— איצט ווײס איך דאָך כאָטש, וואָס דו ביסט אַזוי צעדרייט, פאַרפאַלן. אַבי עס איז נאָר אויסגעגאַנגען צו געלט. די שכנות זע־נען נאָר נישט געווען עפּעס שמעקן ?

— איך מאַך צו די טיר פאַר זייער נאָז. ביי מיר קענען זיי שמעקן צום מיסט־קאַסטן.

יאַדוויגאַ האָט זיך צעלאַכט מיט אַ געצוווּנגען געלעכטער און זיך גענומען עפּעס צוגרייטן אויף אָוונט־ברויט. אַרויסרעדנדיק פון דער קיך, האָט זי איר מאַן גענומען דערציילן ווי אַזוי זי האָט זיך ביי אירע עלטערן גוט געהאַלטן, נישט אַרויסגעכאַפּט זיך מיט קיין איבעריק וואָרט...

מיכאַלסקי האָט גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב. ער האָט זיך אויף אַ רגע אָוועקגעזעצט. איבערגעווישט די שויב. געקוקט

אין גאַס אַריין דורך די שפּאַרונעס פון לאָדן. ווידער אויפגעכאַפּט זיך און גענומען טרעטן אויף דער קעלער-דעק. אַריינגעבליקט צו זיין ווייב אין קיך אַריין. אויסגעטרונקען אַ גאַנצע שעפּ וואַסער און זיך ווידער אַוועקגעזעצט ביים טיש, וואַרפנדיק קליינע ווער־פּעלעך און ציילנדיק די „אויגן״, גלייך ווי ער וואָלט מיט וועמען גע־שפּילט... דערנאָך, אַז דאָס שפּיל איז אים מיאוס געוואָרן, האָט ער אַרויסגענומען דאָס טאַשן-מעסער און עס געוואָרפן אויפן טיש. און יעדעס מאָל, ווען דאָס קלינגל איז טיף אַריין אינעם האָלץ, האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט אויסגעשפּיגן.

פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַריין אין צווייטן צימער. אַוועקגעשטעלט זיך ביי דער שפּיגל-שאַנק און זיך אַריינ־געקוקט אין די אויגן, ביז ער האָט דערהערט יאַדוויגאַס קול:

— ווו ביסטו, סטאַך ? אָפּגעקאָכט אַ זופּ קען מען זי שטעלן פאַרן קעניג.

ער האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און איז מיט שווערע טריט געגאַנגען צום טיש...

בעת יאַדוויגאַ האָט איינגעגאָסן דעם דריטן טעלער זופּ, האָט זיך מיכאַלסקים שטול אַ רוק געטאָן... ער האָט זיך האַלבלעך אויפ־געשטעלט און צוריק אַראָפּגעזעצט. עס האָט אים באַשלאָגן אַ היץ... ער האָט זיך מיט אַ נערוועזער האַנט אויפגעמאַכט דאָס האַלדז־קנעפּל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן און אַ קלונג געטאָן אויף דער שויב. יאַדוויגאַ האָט זיך אומגעקוקט :

— וואָס איז ? רייסט די קנעפּלעך פון די העמדער ?

— גאָרנישט... ס׳ווערט ענג... אַ דושנעקייט נאָכן רעגן... — האָט ער זיך אויפגעשנאַלט דעם פּאַסעק.

— און פאַרוואָס איז עפּעס דער פּריץ נישט ראַזירט ? — האָט אים יאַדוויגאַ אָנגעקוקט.

— כ׳וויים ? דו ביסט נישט געווען אינדערהיים.

— כאַ-כאַ-כאַ ! דאָס איז גאָר שיין. נו, מאַך מיר אויף די קע־לער-דעק ! און באַגלייט מיך מיטן ליכט ! — האָט יאַדוויגאַ זיך פאַרקוקט אויפן ליכט, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעטרוקנטע קנויט... — היינט איז מיין ריי... נו, וואָס זיצסטו ? יאָ. כ׳האָב זיך דערמאָנט. כ׳וועל דעם ייד אַראָפּטראָגן אַן עפּל פון אונזער גאָרטן. דו זיצסט נאָך אַלץ, סטאַך ?...

מיכאַלסקי האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, ווי ס׳וואָלט ווער

אין אים אַריינגעשטאָכן אַ מעסער. ער האָט שווער געאָטעמט... געהאַלטן אַ ווײַלע ס׳מויל אָפן... אַרויסגעקוקט, צי ס׳דרייט זיך נישט ווער פאַרן פענצטער... און זעענדיק ווי יאַדוויגאַ האָט אויפ-געהויבן דעם יידס טעלער, האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט גערעדט לויפנדיק :

— מען ברויכט מער גאָרנישט אַראָפּצוטראָגן... דער ייד... דער ייד... איז געסמט...

— ליבער יעזוס ! — האָט יאַדוויגאַ אויסגערופן און דער טע-לער איז איר אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט מיט אַ שטאַרקן אָפּהילך און זיך צעבראַזגעט אויף קריזשקעס.

מיכאַלסקי האָט אַ שפּרונג געטאָן אויפן שטול און מיט אַ שטאַרקן אָטעם-הויך אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין יאַדוויגאַס האַנט.

— געסמט ? — האָט יאַדוויגאַ זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים קאָפּ און זיך אַראָפּגעזעצט. — פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן ?

— האָט זי זיך גענומען ברעכן די פינגער, ציטערנדיק מיט הענט און פיס.

— פאַר דיר, יאַדוויגאַ, האָב איך דאָס געטאָן. כ׳האָב נישט גע-וואָלט, זאָלסט כסדר לעבן אין שרעק. — האָט זי געהערט זיין שטימע, וואָס האָט זיך ווי געוואָרגן אין זיין קעל. — איצט וועסטו מער נישט קיין מורא האָבן פאַר מענטשן.

— און פאַר גאָט האָסטו קיין מורא נישט ? דו מיינסט, אַז ער האָט נישט געזען ? — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אים גענומען דראָען מיט אַ פינגער. — געוואָלט וואָלט איך גערן געוואָלט פון מיר אַרויסשרייען, קען איך דאָס אויך נישט. — איז זי שטיל גע-וואָרן, איינהאָרכנדיק זיך צום דרויסן.

— און ווו האָסטו אים באַגראָבן, מער-דער ! ? — האָט איר שטימע גענומען קרייען אין איר האַלדז.

— באַגראָבן אין די טראַנשייען...

— און דו ביסט נישט משוגע געוואָרן פאַר שרעק צו מאַכן אַזאַ אַרבעט ?

— זעסט דאָך, אַז כ׳בין געווען צעטומלט. כ׳האָב פאַרגעסן צו-ריקצוברענגען דעם נייעם זאַק...

— דעם נייעם זאַק !... — האָט זיך יאַדוויגאַ גערוקט עטלעכע טריט אויף צוריק. און נעמענדיק זיך רייסן ביים האַלדז, האָט זיך איר שנור פאַלשע פערל צעשאָטן. זיי זענען זיך מיט אַ געפּויקערײ

צעפּאַלן איבער דער פּאָדלאָגע, ווי מען וואָלט צעשיט אַ שיסל אַרבעס.

— הער אויף! — האָט מיכאַלסקי אַ זעץ געטאָן אין טיש אַריין. און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרויס אין פּאָדער־הויז זיך אָפּקילן.

יאַדוויגאַ איז אַ רגע געבליבן שטיין, ווי באַהערשט פון אַ ווילד משוגעת. זי האָט גענומען לויפן אַהין און צוריק. אַהין און צוריק. דערנאָך האָט זי מיט ציטערנדיקע פינגער אָנגעצונדן דאָס ליכט און איז אַראָפּ אין קעלער. דעם יידס שטעקן איז געשטאַנען אַ פּאַרלאָזטער, איינגעבויגן איבערן קעסטל, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עסטיש. דאָס הענטל פון שטעקן האָט איצט אין יאַדוויגאַס אויגן אויסגעזען, ווי אַן אַראָפּגעבויגענער קאָפּ... דאָס העמד, וואָס יאַדוויגאַ האָט פאַר דעם ייד אויסגעוואַשן, איידער זי איז אַהיימגעפאָרן, האָט געהאַנגען אויף דער שטריק אַן אויסגעטריקנטס, און די הוילע אַרבל האָבן זיך באַוווינגן, ווי בעטנדיקע הענט...

אינדערהייך האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן אַכט צעצויגענע קלאַנגען, וואָס זענען געפאַלן ווי האַמער־שלאָגן איבער יאַדוויגאַס קאָפּ...

— די פּאָליציייאישע שעה האָט זיך אונטערגערוקט. כ׳קען איצט אינערגעץ נישט לויפן. — האָבן אירע ליפּן געמורמלט. און ווי זי וואָלט זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר דעם יידס שאָטן, איז זי ווי פון וועמען נאָכגעיאָגט אַרויס פון קעלער און אַרויפקומענדיק, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט מיטן פּנים אַראָפּ, צוהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט די שלייפן, וואָס האָבן איר שרעקלעך געהאַמערט...

## — 8 —

צומאָרגנס, בעת יאַדוויגאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי זיך ווילד אַרומגעקוקט איבער איר שלאָפצימערל... דערמאָנענדיק זיך, אַז די שרעקלעכע קאָשמאַרן, וואָס האָבן זיך אין חלום אָפּגעשפּילט פאַר אירע אויגן, זענען ווירקלעכע געשעענישן, פאַרגעקומענע ביי איר אין הויז, האָט זי עפּעס אַן ווערטער אויסגעשריגן און איז גלייך אַרויס פון בעט.

אַריינקומענדיק אין איר ערשטן שטיבל האָבן אירע פיס גע־

נומען צעקרישלען די פּערל, וואָס זי האָט נעכטן אָוונט צעריסן אויף איר האַלדז... אַראָפּבליקנדיק מיט אַ ציטער צו די פּערל, האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעלעבט דעם אויפבּרויז, וואָס מיכאַלסקים מאָרד האָט ביי איר אַרויסגערופן.

אַריינקוקנדיק אין פאָדער-הויז, האָט זי באַמערקט, אַז דער שליסל אויפן ברעטל הענגט נישט — מיכאַלסקי איז אַוועק. ביי דער וואַנט איז נאָך געבליבן ליגן זיין אַלטע וואַטעווקע צוזאַמענגעקנוילט ווי אַ קישן. און עטלעכע פערדם-דערעס זענען געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. ביי דער רעכטער זייט פונעם „קאַפּ-קישעלע" האָט יאַדוויגאַ באַמערקט אַ צענדליק באַגילדעטע מויל-שטיקלעך פון די ציגאַרעטן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מיכאַלסקי האָט דאָ איבערגענעכטיקט. און איר איז נאָך נישט קלאָר געווען צי דאָס איז דער אָנהייב פון זייער צעשיידונג...

„וועל איך דען מיט אים נאָך קענען וווינען צוזאַמען ?" — האָט זיך איר געטראַכט, בעת זי האָט זיך אַ צעטומלטע אָנגעטאָן. — „ווי קען מען אַזאַ מענטש נאָך צולאָזן צו זיך, ער זאָל דיך האַלדזן און קושן ?"...

ביי דעם געדאַנק האָט זי אויפגעשוידערט. דערהערנדיק פעסטע, מענערישע טריט, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אירע אויערן פון די שכנותדיקע שטיבלעך, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אָט אין דער רגע הערט זי מיכאַלסקין אַראָפּשטאַפּלען אין קעלער אַריין מיטן פלעשעלע סם אין דער האַנט...

— וואַג נישט ! — האָט זי אַריינגעשריגן אין דער לופט אַריין. און האָט זיך דערביי איינגעקאָרטשעט, ווי זי וואָלט זיך דער-שראָקן פאַר איר אייגן קול...

וואָס מער יאַדוויגאַ האָט זיך אַריינגעלעבט אין דעם געשעע-נעם, האָבנדיק נאָכאַנאַנד פאַר אירע אויגן די טראַנשיי, וווּ דער ייד ליגט אין זאַק אַ פאַרשאָטענער מיט זאַמד און ליים, אַלץ מער האָט עס זי גענומען יאָגן פונדאַנען...

און ווי נאָר זי איז געווען אָנגעטאָן, נישט באַמערקנדיק אפילו וואָס פאַראַ קלייד זי ציט אויף זיך אַרויף, האָט זי זיך אַוועקגע-שטעלט איינפּאַקן אירע זאַכן אין צוויי שווערע וואַליזעס.

ביים אָפּענעם שופלאָד, וווּ עס איז געלעגן דאָס געלט און צי-רונג, איז זי אַ לענגערע וויילע געבליבן קניען. איר איז שווער גע-ווען זיך צוצורירן צו די צוויי פּעקלעך...

„וואָלט דער ייִד געלעבט?"...

אָבער דערטראַכטנדיק זיך, אַז דאָס וועט אַריינפּאַלן צו מי-כאַלסקין, וואָס האָט נאָך וויניקער רעכט דערצו ווי זי, האָט זי די צוויי פּעקלעך לאַנגזאַם אַרויסגענומען. ביים איבערציילן דאָס געלט, איז איר איינגעפאַלן, אַז אויב זי וועט מיכאַלסקין נישט עפּעס איבערלאָזן צום לעבן, וועט ער אַהינקומען צו אירע עלטערן און דאָס גאַנצע דאָרף קען זיך חלילה דערוויסן...

בעת יאַדוויגאַ איז שוין געווען גרייט צו פאַרלאָזן איר וווינונג, האָט זי זיך שווער-אָטעמדיק אַראָפּגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, געקרייצט די הענט אויף איר ברוסט און געקוקט צום פענצטער מיט שרעק פאַרן מאָרגענדיקן טאָג... איר איז שווער געווען צו פאַרלאָזן די וווינונג און נאָך שווערער — צו בלייבן.

לסוף האָט זי זיך אַ הויב געטאָן און איז מיט שווערע טריט אַרויס פון איר כאַטע. און אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, האָט זי זיך מיט אירע וואַליזעס צוגעשלייכט צום קרייץ-וועג און זיך אוועקגעשטעלט וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט, אָפּצופאָרן אין דאָרף אַריין צו אירע עלטערן.

אין עטלעכע שעה אַרום איז מיכאַלסקי אַהיימגעקומען. ער האָט באַמערקט דאָס געלט אויפן טיש און גלייך פאַרשטאַנען, אַז יאַד-וויגאַ איז אַוועק. דאָס געלט האָט ער צוגענומען מיט פאַרביסענע ליפּן. ער איז לאַנג געבליבן שטיין ביי דער אָפענער שאַנק. אויף דער מעטאַלענער שטאַנג האָבן זיך געוויגט ליידיקע שטעקעלעך, וואָס פלעגן טראָגן אויף זייערע הילצערנע אַקסלען יאַדוויגאַס קליידער. דאָס שופלאַד איז נאָך געווען אויפגעשפּאַרט. זיין האַנט, וואָס איז אַ פאַרצאַפּלטע אַריינגעשפּרונגען אין אָפענעם שופלאַד, האָט נישט מער אַרויסגעכאַפּט ווי אַ ביסל שפּינען-געוועב, וואָס מי-כאַלסקי האָט עם אָנגעקוקט און האָט אַ ציטער געטאָן...

ער האָט עפּעס מיטאַמאָל דערפילט, אַז זיין אַמאָליקער כוח איז פון אים אַוועק... ער האָט נישט געוווּסט גענוי, צי זיין שוואַך ווערן נעמט זיך דערפון, וואָס יאַדוויגאַ האָט אים פאַרלאָזט און נאָך איר אַוועקגיין זעט זיין פאַרברעכן אויס גרעסער אין זיינע אויגן?... צי זיין אָפּהענטיקייט נעמט זיך דערפון, וואָס אין זיין קריסטלעכער, פרומער נאַטור האָט זיך אַריינגעריסן אַ געוואַלטיקע מורא פאַר גאָט, וואָס האָט אין דער טונקלקייט אפילו דערזען זיין פאַרברעכן?...

צעריסן פון ספקות, פאַרפּלאָנטערט אין געדאַנקען, וואָס שטייען העכער ווי זיין פּויערישער שכל, האָט זיך מיכאַלסקי צוגעכאַפּט צום פלעשל שנאַפּס, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט. אָנגעשיכורט זיך, ביז ער האָט ממש נישט געקענט מער דערשטיין אויף די פיס, האָט ער דערבליקט דאָס אָפענע בעט, וואָס האָט נאָך געצייכנט קאָנטורן פון יאַדוויגאַס קערפּער... ער האָט זיך אַנידערגעוואַליעט אויפן בעט און איינגעשלאָפן, סאָפּענדיק ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, ביז שפּעט אין נאָכמיטאָג אַריין.

אויפגעכאַפּט זיך, דערמאָנט זיך וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין מיט דער כוונה צוצוגיין צו יאַדוויגאַס עלטערן. אַרויפקומענדיק אויפן שאָסיי האָט ער גענומען אַזוי האַסטיק שפּאַנען, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן דעם וועג איינצושלינגען אין געציילטע מינוטן. ער איז אָבער באַלד געבליבן שטיין, גלייך ווי עס וואָלט אים וועמער איבערגעשניטן דעם וועג...

„וואָס לויף איך ? זאָל זי זיך אַביסל אָפּקילן !... זאָל זי נישט מיינען, אַז כ׳קען קיין טאָג נישט לעבן אָן איר... און אפשר האָט יאַדוויגאַ אַלץ דערציילט אירע עלטערן ? טאָ ווי אַזוי וועלן זיי מיך אויפנעמען ?״

אַרומקוקנדיק זיך האָט מיכאַלסקי באַמערקט אַ וואָלקן שטויב. אַן אויטאָמאָביל איז אָנגעפאָרן און הגם ער האָט נישט דערזען ווער ס׳זיצט אינעווייניק, האָט ער זיך אַן אויפגעטרייסלטער אַריינגעוואָרפן אינעם טיפן רינשטאָק, וואָס איז פון ביידע זייטן געווען אויסגעבעט מיט אַ גרינעם פּליוש פון גלאַנציקע גרעזער, ערטערווייז געשפּרענקלט מיט ווייסע מעך-בלימלעך. ער האָט אויסגעריסן אַ בלימל און מיט איין בלאָז עס צעפּראָשעט אין דער לופט. ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן נאַקעטן שטענגעלע אין זיין האַנט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ טויט פייגעלע... דערנאָך האָט ער באַמערקט אַרומקריכן צווישן די גרעזער אַ קאָלירנרייך ווערימל. ער האָט עס גענומען אויף דער האַנט-פלאַך און עס אַ ווײַלע געלאָזט אַרומקריכן. באַלד האָט ער צוגעמאַכט ביידע דלאָניעס ווי אַ באַלאָן. און געטראַכט האָט ער: „איין קוועטש און דו ביסט טויט״. אָבער דאָס מאָל האָט ער געעפנט די הענט און דאָס ווערימל צוריקגעוואָרפן אין די גרעזער אַריין אַ לעבעדיקעס.

„וואָס, צום טייוול, שרעקט מיך אַזוי ?... ס׳האָט דאָך מיך קיינער נישט געכאַפּט ביים פאַרברעכן... און דאָך דאַכט זיך מיר, אַז

אַלע ווייסן... און אפשר איז גאָר די שרעק גרעסער, ווען דער מענטש פֿאַרפֿאָלגט זיך אַליין ?... אפשר ווען יאַדוויגאַ וואָלט געזאָגט, אַז כ׳האָב גוט געטאָן, וואָלט איך שוין איצט נישט געטראַכט דער-פֿון ?... און אפשר איז מיין מורא פֿאַר גאָט שטאַרקער ווי פֿאַר מענטשן ?... אָבער פֿאַרוואָס, צום טייוול, האָב איך גאָרנישט קיין חרטה, וואָס דער ייד איז טויט, נאָר ס׳קרעקט מיך, פֿאַרוואָס איך קען נישט לעבן אַזוי רואיק ווי פֿריער, איידער דער ייד איז אַריין צו מיר אין הויז...״

און טראַכטנדיק אַזוי, האָט מיכאַלסקי דערפֿילט, אַז הגם ער טראָגט די מאַרינאַרקע אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען און דאָס העמד זיינס איז אויפֿגעשפּיליעט ביים האַלדז, שלענגלט זיך עפּעס אַ פֿראָסטיק שטראָמל איבער זיין רוקנביין...

ער האָט געווענדעט זיינע אויגן צום הימל. די זון איז שוין גע-ווען היפּשלעך וויט אויפֿן וועג צו מערב. זי האָט געשוועבט אויף אַ פּערל-בלויען, מאַזאַאיש-קאַרירטן דיוואַן, וואָס אָט האָט ער זיך געקעסטלט מיט רויט-גרין; און אָט — מיט אַ געקאַרבטער ים-קאָ-ליר. די פּיסטרע שטרייפֿן ביים האָריזאָנט האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן איינגערעמט סיי די ערדישע לאַנדשאַפֿט, סיי די הימלישע.

מיכאַלסקי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, געטריבן פֿון אַן אומרו... ער האָט אַליין נישט געוווּסט, אין וועלכער ריכטונג ער גייט... אַרום-קוקנדיק זיך, האָט ער ווידער אַמאָל דערבליקט די טראַנשייַ, וווּ דער ייד ליגט פֿאַרשאָטן... און די פֿאַרזונקענע שטילקייט, וואָס האָט זיך פֿון דאָרטן דערטראָגן, האָט אים גענומען שאַרף זשום-זשען אין די אויערן...

צוקומענדיק צום קלויסטערל, האָט ער אַ טיפֿן ציטער געטאָן... ער האָט באַמערקט ביים פֿלעטל דאָס יתומל, וואָס באַדינט דעם גלח. און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ האָט ער זיך דערנענטערט צום יינגל :

— סטעפֿאַן, נאַדיר געלט און ברענג מיר אַ נשמה-ליכטל ! גיי זאָג דעם גלח, אַז... אַז... איך, מיכאַלסקי בין זיך געקומען מתוודה-זיין.

דערנאָך האָט מיכאַלסקי מיטן ליכטל אין דער האַנט געעפֿנט דאָס טירל פֿון קלויסטערל. די בין-השמשותדיקע אַטמאָספֿער האָט זיך געלייגט שווער אויף זיין געמיט... דער אָפּשיין פֿון די פֿאַרבנ-רייכע שייבלעך, וואָס האָבן אַריינגעפֿינקלט אין דער אַרומיקער

טונקלקייט, האָבן נאָך מער אַרויסגעצויגן פון אים דעם געטלעכן פּחד... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בעקן, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט פון אַ גרינלעך-ברוינעם פעלדזן-שטיין. פון אַ דינעם, קרומלעכן שנאָבל, האָבן געטריפט געציילטע טראָפּן וואַסער. דעם בעקן האָט שוין מיכאַלסקי געקענט זינט ער וווינט דאָ בשכנות מיט דעם קלויסטערל. אָבער איצט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז צומערשטן מאָל זעט ער דאָס שטיינערנע געזימסל איבערן בעקן, וואָס דערמאָנט אין אַ מאַסקע פון אַ סקעלעט, מיט אויסגעהוילטע אויגן-לעכער, שאַרפע קינען פון נאַקעטעביינער און אַן אָפן מויל מיט געציילטע ציינער שרייט עפּעס אויס...

„אַזוי מוז אוודאי אויסזען דער מענטש נאָכן טויט"... — איז אים געקומען אויפן געדאַנק.

ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל און זיך דערנענטערט טראָט ביי טראָט צום אַלטאַר און עס אַריינגעשטעלט אין אַ לייכטערל.

בעת ער האָט דערהערט דעם גלחס טריט, האָט עס אים אַ וואָרף געטאָן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען מיט אַן אָפּהילך, ווי עס וואָלט זיך עפּעס איינגעבראָכן.

— וואָס ליגט דיר אויפן האַרצן, מיין זון ? — האָט ער דערהערט דעם גלחס שטימע, וואָס האָט אין דער אַרומיקער ליידיקייט אָפּגעהילכט.

— פּאַטערל... פּאַטערל...

— רעד, מיין זון, רעד ! — האָט זיך דער גלח אָנגעלענט אויף אַ שטענדער, קוקנדיק מיט מיטלייד אויף מיכאַלסקיס פּנים, אויף זיינע ציטערנדיקע הענט, וואָס האָבן נערוועז געקנייטשט זיין היטל.

— איך... איך... כ'האָב פאַרסמט אַ ייד און באַגראָבן.

— פאַרסמט אַ ייד ? — האָט זיך דער גלח אַ רוק געטאָן אויף צוריק. — היינט, בעת מען ראָט זיי אויס מאַסנווייז ? ווו איז דען אין שטעטל בכלל פאַראַן יידן ?

— ביי מיר געווען באַהאַלטן אין קעלער, פּאַטערל ! — האָבן ביי מיכאַלסקין געציטערט הענט און פּיס. — געהאַט צירונג...

— אַזוי. האַסטו, הייסט עס, צומערשט גערויבט, דערנאָך דערמאָרדעט. איצט ווילסטו, אַז אונזער הייליקער יעזוס זאָל דיר מוחל זיין ? — האָב איך דיר דען נישט יעדן זונטיק געזאָגט — האָט דער גלח געקלאַפּט אין שטענדער אַריין — אַז אונזער הייליקער יעזוס איז דאָ אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון גאָט, פון זייער גאָט, כדי

מיט זיין אומשולדיק בלוט אָפּצוווישן די זינד, וואָס מענטשן זענען באַגאַנגען צוליב דעם נישטיקן עולם-הזה, אָבער נישט קיין מאָרדן. זייער „לא תרצח״ איז אויך אונזערער. מיר האַלטן אים הייליק.

און אַרומקוקנדיק זיך אַן אויפגערעגטער, האָט דער גלח זיך אַ טרייסל געטאָן און באַמערקט, ווי מיכאַלסקים ליכטל איז אויסגע-גאַנגען...

— פּאַטערל, פּאַטערל ! — האָט זיך מיכאַלסקים געבראָכענע שטימע געבעטן.

אָבער זיין מויל און אויגן האָבן זיך אויפגעריסן, באַמערקנדיק, אַז דער גלח איז פאַרשוווּנדן און זיין אויסגעלאָשן ליכטל רוּיכערט זיך...

מיט אונטערגעבראָכענע קניען האָט זיך מיכאַלסקי קוים אויפ-געשטעלט און איז אַרויס פון קלויסטערל. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טונקעלער נעפּל... דאָס האַרץ האָט אים שרעקלעך געהאַמערט... ער האָט זיך פאַר יעדן פאַרבייגייענדיקן מענטשן צוריקגעצויגן, מיינענדיק, אַז יענער ווייסט וואָס אין אים קומט פאָר...

אויפן וועג צו קאַראָלענקאָס שענק האָט ער אָנגעטראָפן וואַנ-דאַן, אַ קאַזאַצקע ברונעטקע, מיט אַ שוואַרצן לאָק און אַ פּרעך אויג, וואָס האָט יעדן מאַן עפּעס צוגעזאָגט...

— אָ, מיכאַלסקי ! דו זעסט דאָך עפּעס אוים ווי דו וואָלסט גע-ווען קראַנק ?...

מיכאַלסקי האָט זי אַ רגע אָנגעקוקט אַ צעטומלטער... און פילנ-דיק, אַז ער מוז זיך איצט פאַר ווּעמען אויסרעדן, האָט ער אָנגע-כאַפּט וואַנדאַס הענט מיט אַ געבעט :

— נעם מיך אַרויף צו זיך, וואַנדאַ !

— כאַ-כאַ-כאַ ! האָסט דיר ערשט איצט איבערגעקלערט ?... האָסט דיך, זע איך, צעקריגט מיט יאַדוויגאַן.

— יאָ.

וויסנדיק, אַז מיכאַלסקי איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, האָט אים וואַנדאַ גענומען אונטערן אָרעם מיט אַ פאַרפירערישן שמייכל, באַ-נוצנדיק זיך מיט חניפה-ריידלעך, אַז זי וואָלט גאָר געוואָלט, אַז מיכאַלסקי זאָל בלייבן איר שטענדיקער ליובאָווניק.

אָבער מיכאַלסקי האָט געשפּאַנט מיט אַ שווערן טראָט. אין זיין געביין איז נאָך געלעגן דער געטלעכער פּחד, וואָס ער האָט

איינגעזאַפּט אין קלויסטערל. ער האָט נישט געהערט וואַנדאַס רייד. און ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי באַקאַנטע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אים נאָכקוקן...

אַריינקומענדיק אין וואַנדאַס וווינונג, האָט זיך מיכאַלסקי צו-געשטעלט צום פענצטער, ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט לופט צום אָטעמען... ער האָט עפּעס יאָ און נישט דערקענט די יידישע מיל פון קעגנאיבער, וואָס איז איצט געשטאַנען אַן אַנטשוויגענע, מיט אומבאַוועגלעכע פליגל. בלויז אַ מחנה פייגעלעך, וואָס האָט זיך אין די פליגל פון דער ווינט-מיל אויסגעבויט נעסטן, האָט אַרומגע-פלאַטערט מיט צעשפּרייטע פליגעלעך און געטשיריקעט, ווי מען וואָלט געצופּט די דינע סטרונע פון אַ פידל.

מיכאַלסקי האָט נערוועז פאַרוקט דעם פאָרהאַנג און זיך שווער אַנידערגעוואָרפן אויף דער קאַנאַפּע.

— האָסט עפּעס צו טרינקען, וואַנדאַ?

— כ׳וועל דיר באַלד געבן. זע נאָר דעם שיינעם שטאָף, וואָס קאַלטשאַק האָט מיר געקויפט... — האָט וואַנדאַ אויפגעפּאַקט אַ פּעקעלע.

עס האָט מיכאַלסקין עפּעס אַ בלענד געטאָן אַ שטיק פאַרביקער שטאָף, וואָס ער האָט אַוועקגעשטופּט מיט דער האַנט.

— האָסט אים נישט ליב?

— אַזוי ווי ער מיך. גיב אַהער אַביסל וווּדקאַ!

וואַנדאַ האָט זיך אַ ווײַלע געפּאָרעט הינטער אַ פאָרהאַנג און באַלד איז זי אַרויס פון איר באַהעלטעניש מיט אַ פלאַש און איינ-געגאָסן אַ גרויס גלאָז וווּדקאַ, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גאַסט ווי מיכאַלסקי איז. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט דאָס גלאָז און פאַרביסן מיט אַ פּויליש זידל-וואָרט...

— באַצאָל מיר, סטאַך, וועל איך זיך פאַר דיר אויסטאָן נאַקעט.

— האָט וואַנדאַ אַנידערגעקניט פאַר מיכאַלסקין מיט האַלב-אַנט-פּלעקטע ברוסטן און אים גענומען גלעטן די האָר.

מיכאַלסקי האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פייכטע אויגן...

— כ׳ברויך נישט דיין נאַקעטקייט. כ׳וועל דיר באַצאָלן וויפל דו ווילסט, נאָר מאַך מיך פריילעך! זינג! טאַנץ! לאַך! שריי, אַז דו האָסט נישט קיין מורא פאַרן טויט! לאַך! — האָט זיך מיכאַל-סקי גענומען שלענגלען אויף דער קאַנאַפּע, זיך רייסנדיק דאָס העמד ביים האַלדז... ער האָט אַרויסגעשלעפּט צוויי באַנקנאָטן צו פינף

זלאַטעם און זיי ווילד געשליידערט צו וואַנדאַס פּים. דערביי האָט ער וואַנדאַן אָנגעקוקט, בלאָזנדיק פון זיך, ווי ער וואָלט געלעגן אין קאָכעדיק וואַסער...

וואַנדאַ איז געבליבן שטיין מיט צוויי גרויסע צעשראָקענע אויגן...

— ביסט שיכור, צי משוגע, סטאַך? איך פאַרשטיי גאָרנישט פון וואָס די נעמסט זיך אַזוי איבער? ווייל יאַדוויגאַ...

— שווייג! — האָט זיך מיכאַלסקים קאָפּ אַ הויב געטאָן און איז שווער צוריקגעפאַלן אויפן קישעלע. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און וואַנדאַן צוגעצויגן צו זיך. ער האָט איר אַ ווײַלע טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן. דערנאָך שטיל געזאָגט, ווי יעדעס וואָרט וואָלט אים געוואָרגן.

— קענסט האַלטן אַ סוד, וואַנדאַ? נעם אַראָפּ פון דער וואַנט דאָס בילד פון דער „מאַטקאַ־באָסקאַ" און שווער מיר, אַז דו וועסט האַלטן דעם פיסק!

— מען טאָר נישט שווערן ביי דער „מאַטקאַ־באָסקאַ". — האָט וואַנדאַ געגעבן אַ פרומען ציטער.

אָבער מיכאַלסקי האָט נישט געהערט איר ענטפער. ער האָט אַליין גענומען דערציילן אַלצדינג, וואָס ביי אים אין הויז איז פאָר־געקומען, זינט ער האָט באַהאַלטן דעם ייד. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געפּלאָנטערט, אָפּגעהאַקט, ווידער אָנגעהויבן און דערציילט, קנייפּנדיק זיך דאָס העמד ביים האַרץ...

וואַנדאַ האָט זיך צוגעזעצט נאָענט צו מיכאַלסקין און אים אָנ־געקוקט מיט אַ בליק, ווי די געשיכטע זיינע וואָלט ביי איר אַרויס־גערופן אַ שוידער. זי האָט אַראָפּגענומען פונעם טיש אַ ציגאַרעט צו פאַרויכערן. אָבער זי האָט די ציגאַרעט בלויז נערוועז געקנעטן צווישן די פינגער און נישט פאַרויכערט.

מיכאַלסקים שטימע האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ נידעריקער אַראָפּ־געזעצט. ביים פאַרענדיקן האָט ער אַ ציטער געטאָן...

— מיין ליכטל אין קלויסטערל האָט זיך אויסגעלאָשן...

מיכאַלסקי איז שטיל געוואָרן. ער האָט אָנגעהאָנגען זיינע אַרויסגעקוגלטע אויגן אויף וואַנדאַס ליפּן. זי האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ הייליקע מאַדאָנע. ער האָט שווער געאָטעמט, וואַרטנדיק, אַז וואַנדאַס פאַרשלאָסענע ליפּן זאָלן זיך עפענען און אַרויסברענגען טרייסט־ווערטער, וואָס זאָלן זיין בכוח אים צו באַ־

רואיקן... אָבער וואַנדאַ איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט... איר אויבערשטע ליפּ איז געלעגן איינגעביסן צווישן אירע ציינער... און זי האָט געקוקט צו דער קאַנאַפּע מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי עס וואָלט אויף איר אַרומגעקראָכן אַן עקלדיקער וואָרעם...

אויפגעברויזט פון וואַנדאַס שווייגן האָט זיך מיכאַלסקי אויפגע-כאַפּט מיט אַזאַ רציחה, אַז אַ שטול איז אומגעפאַלן מיט אַ טראַסק. מיט בלוט-פאַרלאָפענע אויגן האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו וואַנדאַס האַלדז, ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערווערגן.

— נישט דער הייליקער און נישט די זינדיקע וויל מיר עפּעס זאָגן. גיי מסר מיך, ווען דו האָבן געלט! — האָט ער געוווּמען טרייסלען וואַנדאַס אַקסלען. דערנאָך האָט ער זיך ווי אַ טייוול אַראָפּגעלאָזט פון די שטיגן.

אַריינקומענדיק אין קאַראָלענקאַס שענק, האָט זיך מיכאַלסקי צוגעזעצט צום קאָרטן-טיש. די „באַנק״ האָט גראָד געהאַלטן קאַל-טשאַק, אַ פלינקער יונגער יאַט מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ האָר, גנבישע, גרינע אייגעלעך און מיט אַ פאַרוואַקסענעם מעסער-שניט ביים לינקן מויל-ווינקל. קאַלטשאַקס אייגעלעך האָבן איצט מי-כאַלסקין אַדורכגעשפּיזט... איבערן טיש, ביי וועלכן עס האָבן גע-שפּילט פינף פּאַליאַקן, האָט געהאַנגען אַ געדיכטער וואָלקן ציגאַ-רעטן-רויך. אַ שפּיל-שאַנק איז דאַ געשטאַנען אין אַ ווינקל און גע-גרימפּלט אַ מאַזורקע מיטן אָפּקלאַנג פון אַ קאַטערינקע, וואָס עט-לעכע שיכורים מיט רויטע נעזער אין זומער, האָבן באַגלייט, צו-טופּנדיק מיט די פיס צום טאַקט.

דורך דער שויב פון דער שפּיל-שאַנק האָט מען באַמערקט ווי ראָלקעס געלעכערט פּאַפּיר, ענלעך צו אַ שריפט פאַר בלינדע, דרייען זיך אויף אַ רונדיקן וואַלץ. אַ געל-ווייסער הונט, אַזוי גרויס ווי אַ קעלבל, האָט זיך דאַ צוגענורעט צו די געסט, אַרום די צוויי-דריי טישלעך, באַשטעלטע מיט געטראַנקען, וואָס קאַראָלענקאַ האָט אַליין אויסגעאַרבעט.

— העי, קאַראָלענקאַ, אַ פלאַש! — האָט מיכאַלסקי אויסגערופן און זיך אָנגעצונדן אַ ציגאַרעט.

אַראָפּציענדיק עטלעכע גלעזלעך, האָט זיך מיכאַלסקי אַרומגע-ווישט דעם שווייס, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן צו קאַלטשאַקן:

— גיב מיר אויך אַ קאָרט!

— איך שפּיל נישט מיט דיר. — האָט קאָלטשאַק אָנגעהויבן פּאָכן מיט די נאָז-פליגל, אָפּשטעלנדיק זיינע הענט, וואָס האָבן גע-טעשט די קאָרטן.

— פאַרוואָס? — האָט אים מיכאַלסקי אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך אויף אים גרייט געווען צו וואַרפן.

— פאַרוואָס? — האָט זיך קאָלטשאַק אויפגעשטעלט, פּאַטשנ-דיק אין טעשל קאָרטן אַריין — ווייל דו ביסט אַ פאַרקויפטע נשמה. האָסט געמיינט, דו הינטישער זון, אַז קיינער וועט זיך נישט דער-וויסן, פאַרוואָס דער אויפגעקומענער פריץ האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט געלט? וואָס מאַכט עפּעס דיין באַהאַלטן מוישעקל? — האָט זיך קאָלטשאַק פאַרקרומט. און די איבעריקע חברה קאָרטן-שפּילער האָבן אַרויסגעזעצט אַ געלעכטער.

מיכאַלסקי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ ווי אַ ווילדער אָקס, וואָס גרייט זיך וועמען אַרויפצוכאַפּן אויף די הערנער. זיינע אויגן, געווענדעט צו קאָלטשאַקן, האָבן געבליצט ווי קאַלטער שטאָל. בעת מיכאַלסקי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך קאָלטשאַק אויך אויפ-געכאַפּט פונעם טיש און פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מאַרינאַרקע. עס איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך איבער-געקוקט, אַדורכשטעכנדיק זיך מיט אַן אומגעצוימטן האַס. באַלד האָט מיכאַלסקי קראַמפּהאַפּטער אָנגעגריפן דעם טיש און עס האָט זיך דערהערט אַ קראַך. דער טיש האָט זיך איבערגעדרייט מיט די פיס אינדערהייך. פלעשלעך און גלעזער האָבן צומערשט גענומען שפּילן; דערנאָך זיך צעבראַזגען אויף קרישקעס. צעיושעטע קולות האָבן פאַרטויבט די שענק. פויסטן האָבן זיך געהויבן און געפאַלן ווי העק אין האַרט האָלץ אַריין. קאָלטשאַק איז עטלעכע מאָל גע-זונקען אין דער ערד און האָט זיך פלינק צוריק אויפגעכאַפּט מיט אַ געביילטער פויסט. דער הונט האָט פּאַר שרעק נישט אויפגע-הערט צו האווקען. די באַלעבאָסטע, אַ רויטפּנימדיקע פּויערטע, אין אַ ווייסער שירץ, דיק ווי אַ פאַס, האָט גענומען קוויטשען, זיך רייסנדיק די האָר פון קאָפּ. קאַראָלענקאָ, אַ טיפּישער אוקראַינער, מיט אַ פּאָר לאַנגע, דינע וואָנסעס, ווי ווידלען פון מייז, האָט מיט אַ הייזעריקן האַלדז געוואַלדעוועט, אַז מען וועט אים פאַרמאַכן די שענק. אָבער קיינער האָט נישט געהערט וואָס די באַלעבאַטים שרייען. צעשויבערטע קעפּ האָבן געפּויקט אין דער פּאָדלאָגע

אַריין און צוויי קערפּערס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געוואַלגערט, איין פּנים אַרויף, איין פּנים אַראָפּ.

מיטאַמאָל איז קאָלטשאַק מיט דער פלינקייט פון אַן אַקראָבאַט, אַרויסגעשפּרונגען פון מיכאַלסקיס הענט און איידער נאָך מיכאַל-סקי האָט אים ווידער באַוויזן צו דערלאַנגען מיט דער פויסט, האָט אַ מעסער, ווי אַ בליץ, אַ פינקל געטאָן און קאָלטשאַק האָט עס מיט רציחה אַריינגעזעצט, ביז צום הענטל, אין מיכאַלסקיס ברוסט.

מיכאַלסקי האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנג-צעצויגענעם, כאָרכלדיקן אויסגעשריי, צוהאַלטנדיק זיין וווּנד מיט דער מאַרינאַרקע. ער האָט זיך נאָך אַמאָל-דריי געפּרוווּט אויפשטעלן און מיט איין אויסגע-שטרעקטער האַנט געוואָלט אָנגרייפן קאָלטשאַקן. אָבער ער איז אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, דרייענדיק זיך ווי אַ שלאַנג, וואָס שפּייט מיט בלוט... זיין קאָפּ האָט אַזאַ הילך געטאָן אין דער פּאָד-לאָגע אַריין, אַז אין דער קיך אַזש האָט אַ לעפעלע אַ קלינג גע-טאָן אין אַ גלאָז אַריין.

ערשט איצט איז אויסגעבראָכן די אמתע בהלה. עס איז גע-וואָרן אַ געטומל, אַ געשריי און אַ מהומהדיק געלויף איבער שטולן און בענק, איבער הענט און פיס.

עס איז אָנגעלאָפן אַ פּאַטרול פון צוויי צעיאַכמערטע דייטשע וואַכמייסטערס. זיי זענען געבליבן שטיין אויף דער שוועל מיט די ביקסן אין די הענט.

— ווער עס וואַגט זיך צו רירן פון אָרט ווערט דערשאָסן!

אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרציטערטע. קיינער האָט נישט געוואַגט אפילו אַ פינטל צו טאָן מיט אַן אויג. בלויז מיכאַלסקי, וואָס האָט שוין נישט קיין מורא געהאַט פאַרן טויט, האָט זיך צום לעצטן מאָל אַ ריר געטאָן...

# נאָכן חורבן

פּרייטיק פֿאַרנאַכט אין אַ פּויליש שטעטל, 1946.

אויף די האַלב חרוב-געוואָרענע, אָפּגעסמאַליעטע הייזקעלעך, שוואַרץ ווי האָלץ-קויל, פֿאַלט אַ בלוט-רויטער אָפּשיין פֿון דער אונטערגייענדיקער זון. אַן אימהדיקע שטילקייט הערשט אין די טויטע יידישע געסלעך, אין וועלכע געציילטע יידן און ווייבער שוועבן ווי שאָטנס פֿאַרביי. אַ יידישע פֿרוי, אָקאָרשט אָנגעקומען אין שטעטל, טראָגנדיק אין אַ שמוציק ליילעך איר ביסל פּאָטרעכעס, איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שאַל, שפּאַנט לאַנגזאַם, טיף געבויגן, קוקט מיט אַ צעשטרייטן, מבולבדיקן בליק אין די בערג אַש, ווי זי וואָלט געטראָטן אויף אַ בית-עולם, זוכנדיק די קברים פֿון אירע מתים.

די אַלטע שול ליגט פֿאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקן באַרג אָנגעזונקטע בעלקעס, צעפֿאַלענע ווענט, צעקרישלטע, צעמורשטע שטיינער און צעבראַזגעטע, קאָלירטע שויבן. אַ שטיק פֿון אַ הילצערנעם, ברוין-פּאָלירטן לייב, מיט אַן איבערגעבראָכענער, שפּיציק-באַנעגלטער לאַפּע, ליגט דאָ צווישן ברוכוואַרג מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, געטינקט אין אַש, ווי אַ דערמאָנונג, אַז מלחמה-צייט האָט דער מענטש מיט זיין אכזריות איבערגעשטיגן די חיה. און הגם יאָרן זענען שוין אַריבער, ווי די שול ליגט אַזוי אַן אויסגעלאָשענע, אַ צעטראָשטשעטע, צעשפּליטערט ווי די פֿאַרביקע שאַרבעלעך פֿון אירע וויטראַזשן, דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז די לעצטע פֿונקן האָבן נאָר וואָס אויסגעהויכט זייער וואַרעמען אָטעם. אין דינע, בלויע שנירעלעך רויך שלענגלען זיך נאָך פֿון אירע חורבות צום הימל אַרויף, ווי דער אויסגעלאָשענער פֿלאַם פֿון אַ נר-תמיד...

צווישן דער שול אין אַלטן בית-המדרש, שניידט זיך אַרויס אַ

פירקאַנטיקער פּלאַץ, באַוואַקסן מיט געדיכטע קוסטעס און ווילדע גרעזער. אַ צוויי-דריי ווייַנענדיקע ווערבעס ביים ראַנד, שאַרכן, שורשען, מיט לאַנגע אַראָפּטריפנדיקע בלעטער, זייערע אייביקע, סודותדיקע פליסטעריאַדעס. אַן אַלטער, פּרוכנעוואַטער פּלויט, אַן איינגעבראָכענער אין עטלעכע זייטן, רעמט איין דעם פאַר-וויסטן פּלאַץ — דעם בית-עלמין פונעם שטעטל, ווו פאַרגאַנגענע דורות האָבן דאָ אַמאָל געהאַט געפונען זייער אייביקע רו... איצט איז דער פּלאַץ געדיכט צעגראָבן. ביים ראַנד פון די אָפענע גרי-בער שוימט זיך אַ ווייסער זאַמד, געפלעקט מיט בלוט... די האַלב-איינגעזונקענע מצבות זענען מלחמה-צייט אכזריותדיק אַרויסגע-ריסן געוואָרן און אַוועקגעפירט אויף שמוציקע ערטער, איבער-לאָזנדיק די טיפע, אָפענע גריבער מיט פרישע מתים, אויף וועלכע די מלבושים זענען שוין איצט צעפוילט... צעלאָזענע, ווילדע קאָזעס פאַשען זיך איצט אויף די הויכע גראָזן. אָבער אַרום דעם בית-עולם איז איצט קיינער נישטאָ, וואָס זאָל זיי אַוועקיאָגן, פאַרטרייבן פון דאַנען.

דער פּוילישער קאָוואַל, וואָס האָט זיך צוריק געעפנט זיין קוזש-ניע קעגנאיבער דעם אַלטן בית-הקברות, שטייט זיך רואיק און גע-לאַסן, ווי תמיד זענען זיינע געשפּאַלטענע ברילן-גלעזלעך פאַרוקט אויף זיין שווייסיקן, טיף-געקאַרבטן שטערן, און קאָוועט אַ פערד. ער קלאַפּט מיטן העמערל אינעם לעבעדיקן, צאַפּלדיקן באַשעפעניש אַריין. זיינע העמערל-שלאָגן הילכן אַריין אין דער אַרומיקער אַנט-שוויגנקייט אַ טיק-טאַק און ברענגען צוריק פון ערגעץ-ווייט צע-קרישלטע אָפּקלאַנגען.

און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן יידישן בית-עולם, דערמאָנט זיך עפּעס דער פּוילישער קאָוואַל אינעם בלוטיקן מבול, וואָס האָט זיך דאָ אָקאָרשט געהאַט אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל און מיטגע-שוועגקט די הייזער, צוזאַמען מיט די וויינענדיקע קולות פון ווײַ-בער און קינדער פון אינעווייניק, אויסגעריסן די מצבות — די גע-זימסן איבער קעפּ פון טויטע, באַפאַלן, אַפילו די ווערים אין דער טיף, וואָס האָבן שלאַנגיש זיך געוויקלט אי-בער די לעצטע שפּורן פון ביינער. שאָסן האָבן אָפּגע-הילכט. די גריבער זענען פול געוואָרן מיט פרישע מתים. די אונ-טערגעצונדענע שול האָט זיך איינציקווייז אויסגערויכערט און

שטום געוואָרן איז דאָס שטעטל. געבליבן שטיין האַלב־איינגע־בראָכן ווי מיט אַן אויסגעשניטענער צונג...

ווי על פּי נס זענען דווקא אין שול־געסל שטיין־געבליבן עט־לעכע פּוסטע הייזקעלעך.

פון זייער אינעווייניקסטער אַנטשוויגנקייט שרייט עפּעס אַרויס... די שטוב־חפצים, וואָס וואַלגערן זיך אויף די מיט קאַלך געשפּרענגלטע פּאָדלאָגעס רופן עפּעס אַרויס אין זכרון... דאָס געסל איז ברוקירט מיט קרישקעס גלאָז פון די אַרויסגעזעצטע שויבן ביז צו די פוטרינעס.

אין איין חרם־הנישברדיק שטיבל באַמערקט מען נאָך אַ גאַנץ־געבליבענעם שטול נעבן אַ האַלב־צעפּאַלענעם, ליימענעם אויוון. אויפן שטול — צוויי פאַרזשאַווערטע שטריק־נאָדלען און אַ ווייסער, וואָלענער פּאָדעם ציט זיך איבער דער פּאָדלאָגע, ווי ער וואָלט נאָכגעגאַנגען די טריט, וואָס זענען פון דאַנען פאַרשווונדן...

אין איינער פון די דאָזיקע כאַלופּעס, מיט אָפּגעשיילטע דאַכוו־קעס, מיט אַ סופיט געל פון רעגן־פלעקן, וווינט איצט דער אַלטער רב, ר׳ יחיאל, וואָס איז תחילת אַ וואָך צוריק געקומען אין זיין שטעטל אַריין, אַרויס פון אַ באַהעלטעניש ביי אַ דאָרפישן גלח.

דעם ערשטן טאָג, בעת דער רב האָט זיך דאָ אַריינגעקליבן אין דער וויסטער חורבה און זיך שווער, אבלדיק אַראָפּגעזעצט אויף אַן אַלטן פרוכנעוואַטן פּאָטעל, האָט עס אים גענומען יאָגן פון דאַנען... זיין אייגענער שאָטן האָט אים דאָ אין דער ליידיקייט איבערגע־שראָקן...

אָבער איידער דער רב האָט זיך נאָך באַוויזן אויסצוטשוכען פון דער אַרומיקער אומהיימלעכקייט, האָבן זיך אין זיין פּוסטקע אַריינגעלאָזט עטלעכע שטעטלדיקע יידן און ווייבער — צוריקגע־קומענע פון ערדישן גיהנום...

זייערע פּנימער האָבן ביים רב אַרויסגערופן אַ שוידער... זיין פּאָטעל האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק...

— אונזער רב ! — האָט ער געהערט אַן אויסגעשריי. דערנאָך איז געוואָרן שטיל.

די אָפּגעראַטעוועטע האָבן זיך אַרומגעקוקט און מיט אַ טיפן אָפּזיפץ זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דיל. די פּעקלעך זייערע האָבן זיי אפילו דאָ, אין רבס שטיבל, נישט אַרויסגעלייגט פון זייערע הענט. אין זייערע אויגן האָט זיך געשפּיגלט אַן אומצוטרוי צום מענטש־

לעבן מין. און ווי-נאָר איין פאַרשטיינערטע פרויען-האַרץ האָט זיך געעפנט, איז שוין דעם רבס חורבה פול געוואָרן מיט ווייבערישע קולות. די ווייבער האָבן זיך דאָ פאַרן רב אויסגעוויינט פאַר דער גאַנצער מהומהדיקער צייט. יעדע פרוי באַזונדער האָט אויפגע-וויקלט איר בלוטיקע מגילה — די געשיכטע פון איר לעבן-בלייבן. די מענער האָבן טרויעריק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. איינער האָט זיך געבראָכן די פינגער; אַ צווייטער האָט זיך געריבן דעם שטערן. די פרויען האָבן זיך פריער ביי גאָט, דערנאָך ביים רב געמאָנט זייערע אומשולדיקע קינדער.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס ?...

דער רב איז געזעסן אַ שטילער, פאַרזונקען אין מחשבות. זיין האַרץ איבערגעפולט מיט רחמים האָט זיך אין אים געריסן ווי אַ שטיק פאַרמעט. ער האָט געפילט ווי די ווייבערישע גערעכטע טענות צו גאָט, קעמען זיין לייב ווי אַ שטאָלענער קאַם...

אָן אומבאַהאָלפענער האָט זיך דער רב אָנגעכאַפּט אינעם פּאָ-רענטש פון זיין פּאַטעל און זיך געבעטן:

— לאָזט מיך אַ רגע אַליין !...

און בשעת ער איז געבליבן אַליין און אויסגעשטרעקט זיין האַנט נאָך אַ ספר, האָט ער זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז דאָס פּעקל ספרים האָט ער פאַר צעטומלעניש מחלל-געווען, עס לאָזנדיק ליגן אויף דער ערד. דער רב האָט זיך מיט אַ ציטער אויפגעכאַפּט און אַרויפגעלייגט דאָס פּעקל ספרים אויפן פּאָטעל. האָבנדיק אַרויסגענומען רבינו יונהס „שערי-תשובה״, האָט ער גופא זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דיל. דאָס געעפנטע ספר האָט ער גאַנץ נאָענט צוגעטראָגן צו זיינע אויגן, מחמת די ראיה זיינע איז אים אין די מלחמה-יאָרן קאַליע געוואָרן. בלעטערנדיק דאָס ספר האָט ער זיך גענומען אונטערברומען שטיל און שטילער זיין איינגעזונגענעם ניגון. זיינע זקנישע באַקן זענען געווען אַרומגעליאַמעוועט מיט אַ רויט נאָז-טיכל. דעם רבס ברייטע, זילבערנע באָרד איז אויפן וועג צום שטעטל צו געבליבן הענגען אויף חוזק אין דער לאַפּע פון אַ פּוילישן „שמאַלצאָווניק״, וואָס האָט דעם זילבער פונעם רבס אָפּ-געשניטענער באָרד אָנגעטאָן זיין גראַנאַטענעם קאַשקעט און דער-מיט אַרויסגערופן אַ הילכיק געלעכטער ביי דער באַנדע פּאַליאַקן, וואָס האָבן געראַיעט אויף די וועגן, לויערנדיק אויפן לעצטן ביסל רויב.

און וואַלט דער גלח, טאָקע דער, וואָס האָט דעם רב אויסבאַ-האַלטן, נישט דערשיינען פּלוצלונג און געסטראַשעט מיט גיהנום, וואָלט שוין דער רב צום שטעטל נישט דערגאַנגען...

נו, מילא, איז דער רב אָנגעקומען אין שטעטל אַריין אָן אַ באָרד און פון דעמאָלט אָן גלעט ער אוים רגילות דאָס רויטע נאָז-טיכל איבער דער גאָמבע, ווי ער פלעגט אַמאָל גלעטן זיין אמתע באָרד. אָבער גראָד איצט האָט דער רב אַרויסגעלייגט דאָס ספר פון זיינע הענט און מיט אַ פאַרשאַרפטן בליק זיך פאַרקוקט אויף זיינע פינגער... ער האָט געזוכט די גרויע פעדים, וואָס פלעגן אים לעצטנס, ביים גלעטן די באָרד, בלייבן אין דער האַנט. און נישט באַמערקנדיק קיין איינציקע גרויע האָר, גיט דער רב אַ שטאַרקן ציטער... ער גייט אויף אַ ווײַלע אַרוים פון זיין רוחניותדיקער וועלט און ער ווערט ווי אַריינגעוואָרפן אין אַ וועלט פון אכזריות. ער בלייבט זיצן אַ פאַרקלעמטער. און ער דערמאָנט זיך, אַז נישט בלויז זיין באָרד פעלט אים... ער ווערט שוואַך ביז חלשות און בליקט מיט אַ שטאַרן בליק צו דער טיר, צי די רביצין באַווייזט זיך נישט?... ער פלעגט זי תמיד דערקענען לויטן פנים פון איר גוטסקייט. אָבער זי באַווייזט זיך מער נישט. און קיינער נישט פון זיינע קינדער. אפילו דאָס אייניקל לייבעלע קוויטשעט מער נישט: „זיידעניו!“

זיין האַרץ אָנגעזאַפּט ווי אַ שוואָם מיט טרערן, וואָס שפּאַרן אים צו דער קעל, נעמט זיך דרענגען, ווי אַ האַנט וואָלט עס אָנ-געגריפן און געקוועטשט מיט רציחה.

דער רב שטעלט זיך אויף, גיט עטלעכע שפּאַן איבערן פוסטן שטיבל, שטעלט זיך אָפּ ביי דער מזרח-וואַנט, לענט אָן זיין צע-היצטן שטערן אויף דער קילער וואַנט און האָט במחשבה אַ וויכוח מיט גאָט:

„רבונו של עולם! דו ביסט דאָך אַ יודע-מחשבות, ווייסטו דאָך, אַז איך בין נזהר כחוט השערה אויף אַלע תרי״ג מצוות און מיין אהבא צו דיר האָט זיך אפילו אויף איין רגע נישט אָפּגעטאָן פון מיין נשמה“.

„די עשרת הדברות האָב איך אויסגעקריצט אין מיין האַרצן. די נביאים האַלט איך הייליק. אין די פרקי אבות פון די תנאים האָב איך זיך געצירט ווי מיט פּערל. די אגדה פון די אמוראים האָבן יאָרן-לאַנג געקוויקט מיין גייסט. ביי די פירושים פון תנ״ך האָב איך צעאַקערט מיין שטערן. דעם רמב״מס משנה-תורה און די היי-

ליקע מוסר־ספרים האָבן ווי אַ פֿאַרקאָן מיר אַרומגעצוימט מיינע טריט צו דער מינדסטער אַבירה״.

„איך ווייס און פֿיל דיין גוטסקייט צעגייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט, וואַרעמט די ערד און יעדעם באַשעפֿעניש, ווי די זונען־שטראַלן אין די שענסטע זומער־טעג. דעריבער ציטערט מיין האַרץ, בעת מיין מוח זוכט אַ תּירוץ אויף עטלעכע האַרבע קשיות: אויב אַן דיין רצון קען אויף דער וועלט גאָרנישט געשען, קען מען דאָך דעם טייוול נישט באַשולדיקן פֿאַר... פֿאַר... און אויב אפֿילו צווישן די דערוואַקסענע האָבן זיך געפֿונען זינדיקע ברואים, וואָס האָבן געדאַרפֿט אומקומען און מגילגול ווערן, כּדי אין צווייטן גילגול מתקן־זיין די קרומקייטן, וואָס זיי האָבן אין ערשטן באַשאַף קאַליע געמאַכט, טאָ ווי אַזוי זאָל איך אויפֿנעמען די שטראָף איבער די אומשולדיקע קינדערלעך, איבער די ריינע, אומבאַפֿלעקטע נשמהלעך?״

„אין דעם קעלער, וווּ איך בין געלעגן באַהאַלטן, זענען די איינציקע באַשעפֿענישן, וואָס האָבן מיט מיר מיטגעלעבט, געווען קליינטשיקע, קוים־זעבאַרע ווערימלעך. טאָ ווי אַזוי זאָל איך דאָס משיגזיין, אַז זייער לעבן זאָלסטו האָבן אָפּגעהיטן, בשעת אונזער שטעטל און אַנדערע יידישע שטעטלעך זענען געשטאַנען אין פֿלאַמען און די יידישע קינדער, ביז צום ייִנגסטן עופֿהלע, האָסטו איבערגעגעבן אין די הענט פֿון אונזערע רוצחים, וואָס האָבן זיי... געוואַלט, געוואַלט!״ — — —

„דו האָסט געעפֿנט פֿאַר מיין שכל די טירן פֿון פּירוש, רמז און דרוש. אָבער די טיר פֿון סוד, רזין־דרזין, די לעצטע טיר פֿון דיין פּרד״ס האָסטו פֿאַר מיר פֿאַרהתמעט אויף זיבן שלעסער״...

„טאָ וואָס זאָל איך ענטפֿערן די אַלע אומגליקלעכע מאַמעס, וואָס באַפֿאַלן מיך מיט פֿנימער, אויסגעבאָדן אין טרערן און זוכן אַ באַשייד אויף אונזער בראָך?...״

און באַלד האָט דער רב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיך אַוועקגעריסן פֿון דער וואַנט.

— וואָס, סיתרי־תּורה? ווער בין איך דאָס אַזוינס, וואָס איך וואַג זיך צו מאָנען ביי דיר אַ חשבון? מעשה שטן, מעשה סמאל? אַוועק, אַוועק! — האָט זיך דער רב גענומען יאָגן איבער דער חורבה, ווי שדים וואָלטן אים באַפֿאַלן.

אַ מידער, אַ נידערגעשלאָגענער, האָט זיך דער רב לאַנגזאַם צו־

ריק אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. אויפגעכאַפּט טריט אין שול-געסל, האָט ער אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַנדערע מאָמעס קומען זיך פאַר אים אויסוויינען און האָבן טענות צום בורא-עולם. ער האָט געטראַכט, אַז ערשט איצט, נאָכן חורבן, וועט ער דאַרפן אויסהאַלטן דעם גרעסטן נסיון. אַ פרויען-קול, ענלעך צו דער רביצינס האָט אים אויפגעריסן פונעם אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט... אַ בענקשאַפט צוריק צו זען וועמען פון זיין הויז-געזינט האָט אים אַרומגענומען. און אַזוי זענען פאַרגאַנגען טעג, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שוואַרצן פלעק, ביז עס איז אונטערגעקומען דער פרייטיק.

איצט אָבער, פרייטיק פאַרנאַכט, הגם עס האָט זיך קיינער נישט באַוויזן פון רבס הויז-געזינט, האָט ער מיטן כוח פון קדושה אַרויסגעיאָגט פון זיך דעם אבל, וואָס האָט אים אַ גאַנצע וואָך באַ-הערשט. נאָכן אָפּלעבן אַזוי פיל יאָרן צווישן צלמים און געצן האָט ער ווידער דערפילט דעם תענוג פונעם אָנקומענדיקן שבת. דעם וואָכעדיקן שטויב האָט ער פון זיך אַראָפּגעשווענקט, אַראָפּגעפּליעס-קעט אין דער קאַלטער, האַלב-חרוב-געוואָרענער מקוה. זיינע אָפּ-געראַטעוועטע פּיאות טריפן נאָך איבער זיינע אַרומגעליאַמעוועטע באַקן. און געציילטע טראָפּנס, ווי דריבנע, פינקלדיקע פּערל, פאַלן אַריין אין זיינע האַלדז-גריבלעך, וואָס זענען אין די חורבן-יאָרן טי-פער געוואָרן.

אָנשטאָט אַ שטריימל, טראָגט איצט דער רב אַן אויסגעריבן סאַמעטן היטל אויף אַ קאָפּל, וואָס פאַרדעקט אַ העלפט פון זיין הויכן, טיף-געקנייטשטן שטערן. אַ ווייס העמד, וואָס פרעמדע ווײַ-בער האָבן אויסגעוואַשן ביים ראַנד פון שטעטלדיקן טייכל, טראָגט דער רב אויף זיין אויסגעטובלטן גוף. און לאַנגע, זיך קנוילנדיקע קאָלנער-שפּיצן, זענען ברייטלעך אויסגעלייגט איבער זיין שוואַר-צער, האַלב-צעדריוולטער, אַטלאַסענער קאַפּאָטע.

דער נייער שמש, ר׳ פייוול, אַ דין, דאַרינק יידעלע, מיט אַ דורכ-זיכטיק פּנים, ווי אַ מילך-גלאָז, מיט אַ שפּרייעלע פון אַ גרוי בערדל, עפנט ביים רב די טיר.

ער שפּאַנט מיט לאַנגזאַמע, דרך-ארצדיקע טריטלעך; פונדעסט-וועגן גיט דער רב אַ ציטער. ער הויבט אויף זיינע געדיכטע, צע-פלאָשעטע ברעמען אויפן שטערן אַרויף, קוקט נייגעריק אויפן שמש און פרעגט :

— נו, פייווישל ?

— רבי, פונעם ערזאַץ-ווײַן אויף קידוש, וואָס די ווייבער האָבן צוגעגרייט, איז גאָרנישט געוואָרן.

— נו, מילא, זיי דיך נישט מצער, פייווישל ! וועט מען קידוש מאַכן איבער די חלות, וואָס האָבן יאָרן-לאַנג געוויינט, פאַרוואָס מען האָט זיי געמוזט צודעקן די אויגן מיטן חלה-דעקל. היינט, זע-סטו, איז געקומען זייער צייט. — שאָקלט דער רב מיטן קאָפּ און פאַרקוקט זיך בשעת-מעשה אויף די פריש-אָפּגעשניטענע נעגל לכבוד שבת.

— איבער די חלות ? כ'ווייס נישט, רבי, צי מען קען זייער גע-בעקס אָנרופן חלות. קיין ווייס מעל האָבן זיי אפילו פאַר גאָלד נישט באַקומען.

— נו, וועט מען קידוש מאַכן איבער ברויט. דער עיקר איז דאָך די כוונה, וואָס איז די נשמה פון יעדער מצווה.

דער שמש שפּרייזט אַרום הינטערוויילעכץ, קומט צוריק מיט אַ ווייס טישטעך און שפּרייט עס אויס אויפן פּראָסטן, הינקעדיקן טיש, אַ געפונענעם אין אַ קעלער. שטעלט אַוועק צוויי ציגל, טריפט אונטער צוויי דינע ליכט און נעמט זיך מיט אַ האַנטוך אויספּוצן דאָס גלעזל פון דער אַלטמאָדישער לאָמפּ; אָפּרייניקן דעם צילינ-דער, וואָס איז אַרומגעשלעקלט מיט פאַרביקע קרעלן — אַ לאָמפּ, וואָס וואָלט בעסער אַריינגעפּאַסט אין אַ דאָרפישער קרעטשמע.

— נאַפּט ? — פרעגט דער רב.

— עס איז נאָך ווי על פּי נס אַ היפּש ביסל פאַרבליבן אין דער באַניע. — נעמט דער שמש זיך אונטערברומען אַ מאַזשיצער ניגון.

— איז געלויבט השם-יתברך. אַ נייער נס חנוכה.

איינציקווייז האָט זיך דער טאָג אַוועקגענייגט. דאָס שטעטל האָט באַקומען אַ נאַכטלעכן אויסזען. עס איז געוואָרן טונקעלער און שאָטנדיקער; שטילער און לאַגאָדנער. דאָס הימלישע, פאַר-ביקע פייער איז שוין כמעט פאַרטושקעט, פאַרלאָשן. דאָ און דאָרט — אַ קליין ברענענדיק אינדזעלע, אַרומגעזוימט מיט קאָלירטע, קרייזלדיקע, דיניטשקע טאַשמעס. אַ פּאַסמע זון שוועבט אַרום ווי אַ שיפל, וואָס נורעט זיך פּאַוואָלינקע אַריין אין אַ טונקעלעם וואָלקן, איבערלאָזנדיק אַ פּורפּור-רויטן פלעק.

די לעצטע פייערישע פורלעך פאַרלאָזן שוין דאָס שטעטל. אַ לויזע רייף אויף אַ פייערישן וואָגן טרעסקעט נאָך אַ רגע איבערן

גריבלדיקן ברוק און ווערט אַנטשוויגן. דער קאַוואַל האָט שוין אויך אויפגעהערט צו קאָווען דאָס פערד. זיין העמערל הערט זיך מער נישט. בלויז פון קוימען זיינעם צעשפּריצן זיך, ווי נאָך אַן אויסגעשאָסענער ראַקעטע, פייערדיקע פונקען אינעם טונקל־געוואָרענעם הימל אַריין.

דער שמש האָט אָנגעצונדן די בליץ־לאָמפּ. אויף די טונקעלע, איינגעהאָרבייעטע ווענט האָט אַ פלעמל געמומען פלאַטערן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט זומער־פייגעלע אין אַ חורבה. אויפן סופיט האָט אַ ליכט־רייפל, אַזוי גרוים און רונדיק ווי דאָס לאָמפּן־גלעזל, זיך גענומען קרייזלען, אַריינעמענדיק אינדערמיט אַ פאַרקאָפּטשעט וואָלקנדל, וואָס האָט זיך פונעם גלעזל אַרויפגעצויגן.

עטלעכע יידן רוקן זיך אַרויס פון שול־געסל און גנבענען זיך בשתיקה אַריין צום רב מקבל־שבת־זיין.

— ליכט־בענטשן ! — האָט דער רב אויסגערופן און דערביי זיך צוגעלייגט די האַנט צום שטערן.

עס איז אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אָנגעצונדן די ליכט, אויסגעשפּרייט אירע ווייסע הענט, ווי צוויי מלאכימדיקע פליגל אין שוואַרצע אַרבל. אירע אויגן, ווי צוויי לויטערע קוואַלן, האָבן זיך געעפנט און־גענומען גיסן, ריזלען מיט הייסע טרערן, דערמאָנענדיק מיט אירע פאַרטראָפּיעטע ליפּן נעמען פון שטעטלדיקע מענטשן, וואָס האָבן דעם רב געשלאָגן אין האַרצן אַריין מיט אַ טיפערן ווייטיק, ווי ער אַליין וואָלט זיך דערלאַנגט מיט דער פויסט און געזאָגט „על־חטא”...

אויפן רבס שטערן האָט אַרויסגעטרעטן אַ טויטשוויים. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער. אויף די צעשפּאָלטענע, צעאָדערטע שויבן האָט זיך געשפּיגלט דער אָפּשיין פון די אָנגעצונדענע שבת־ליכט. דאָ האָט זיך אַ בלישטשיקל צעפלאַטערט אויף אַ קריש־קעלע גלאָז; און דאָרט אויף אַ פניאַק פון די פריש־אַריינגעשטעלטע לאָדנס, וואָס האָבן דעם רב דערמאָנט, אַז די שבת־ליכט טאָרן היינט נישט צו פיל אַרויספינקלען אין דער קריסטלעכער גאַס אַריין...

בעת די ליכט־בענטשערין איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיך מיט פאַרזיכטיקע טריט אַריינגעשלייכט די געציילטע מתפללים. איינער האָט געזוכט די מזוזה; אַ צווייטער איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּ־

טער, אַרומנעמענדיק מיט זיינע פאַרחידושטע אויגן די צוזאַמענגע-קליבענע חפצים אינעם רבס שטיבל.

דער רב האָט זיך צוריקגעזעצט אין זיין פאָטעל אַריין. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקוקט אויף די ליכט. אָבער מחמת זיי האָבן אים דערמאָנט אין ליכט נאָך אויסגעלאָשענע נשמות, האָט ער זיינע אויגן אַוועקגעריסן פון די ציטערנדיקע פלעמלעך און זיי אי-בערגעטראָגן אויף יעדן אַריינגעקומענעם יידן, ווי ער וואָלט אין האַרצן איבער יעדן אָפּגעראַטעוועטן לעבן באַזונדער אַ ברכה גע-מאַכט.

צוזאַמען מיט לייבקע שיכור זענען אַריינגעקומען נאָך עטלעכע שטעטלדיקע יידן. זיי זענען אומדרייסטע געבליבן שטיין קוים אַ צוויי-דריי שפּאַן פון דער טיר. אָבער דער רב האָט זיי מקרב געווען:

— קום אַביסל נענטער, לייבקע ! ביסט מיר איצט אַקוראַט אַזוי חשוב, ווי ר׳ זישע דיין וואָלט מיר ביים טיש געזעסן. און דו, מענדל אורוויס, און דו פינטשע. וואָס מיינסטו, ווייל מען האָט דיך אין שטעטל גערופן פינטשע שלעגער, ביסטו ביי מיר נישט קיין אָנגע-לייגטער גאַסט ? איר זעט דאָך, די שענסטע יידן האָט מען פון שטעטל צוגענומען און אייך איבערגעלאָזט אויף לאַנגע יאָרן. איז וואָס ווייס איך ווער איר זייט ?... מסתמא האָט איר באַדאַרפט לעבן בלייבן. וואָס איז דען דער מענטש מער ווי אַ כלי צו טאָן גוטע מעשים ?

די פּראָסטע יידן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַרויסגעקוליעטע אויגן און האָבן זיך מיט סטאַטעטשנע טריט דערנענטערט צום רבס טיש.

— אַ גוטן שבת, רבי ! — האָט אַ הייזעריקע, באַסאָווע שטימע זיך דערהערט. און אַ ייד אַ גיבור, אין אַ גרינעם דייטשן הוט, אין אַ העלער מאַרינאַרקע, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין גוף, ווי אַן אויפ-געשפּיליעט וועסטל, איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

— קום נענטער ! דו ביסט דאָך, דאַכט זיך...

— בערל שוסטער — האָבן אַנדערע דעם רב אַרויסגעהאָלפן.

— יאָ. דאַכט זיך געזען יום-כיפּור צו כל-נדרי.

בערל שוסטער האָט אַ ציטער געטאָן.

— גוט שבת רבי, גוט שבת יידן ! — איז היימישלעך אַריינגע-קומען ר׳ שלמה ווייגדעראָוויטש, אַ ייד אַ הדרת-פּנים, מיט אַ רונ-דיקער, קופּערנער באָרד, נידעריקן האַלדז, ברייטע פּלייצעס. מיט

אַ שמייכלדיקן בליק האָט ער אַרומגענומען אַלע מתפּללים, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעגעבן שלום-עליכם. פון אַן אויסגעריבענעם, סאַ-מעטענעם טלית-זאַק האָט ער אַרויסגענומען אַ צוויי-דריי קינדערי-שע סידורימלעך און זיי צעטיילט :

— יידן, לאָמיר דערווייל זאָגן אַ שטיקל שיר-השירים ! עס זע-נען אַדורך אַ היפּש ביסל שבתים, וואָס מען האָט די מלכה שבת נישט געקענט באַזינגען אויפן קול.

אַ פרוי האָט מיט דרך-ארץ געעפנט אַ שפּאַרונקעלע אין דער טיר, קוים אַריינצושטעקן איר האַנט מיט אַ ווייס חלה-דעקל, וואָס האָט איצט איינגעהילט צוויי אייגנגעבאַקענע, לענגלעכע ברייטלעך.

— דעם שמש !

דערהערט אַ פרויען-קול, האָבן זיך יידן אין עפּעס דערמאָנט... עס האָט זיך פון וועמענס ברוסט אַרויסגעריסן אַ זיפץ, אַריינגע-וועבט אינעם ניגון פון שיר-השירים.

דער רב, נישט-זייענדיק איינגאַנצן אויסגעטאָן פון עצבות, האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ. די הענט, לויט זיין רגילות, פאַרלייגט אויף הינטן. די גאַרטל האָט זיך אים אין גאַנג צעלאָזט און זיך נאָכגעבאָמבלט איבער דער פאָדלאָגע.

פינטשע שלעגער איז צוגעשפּרונגען און אויפגעהויבן דעם שפּיץ גאַרטל. און מחמת ער האָט נישט געוואָגט דעם רב אַרויסצונעמען פון זיינע רעיונות, איז ער דעם רב נאָכגעקראָכן אויף די שפּיצפינ-גער, נאָכטראָגנדיק אים די גאַרטל.

באַלד האָט זיך דער רב שווער אַראָפּגעזעצט :

— אַז כ'גיב זיך אַ דערמאָן, אַז מאָרגן, בלי נדר, צו קריאת-התורה, וועלן מיר נישט האָבן קיין ספר...

עס איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן.

די יידן האָבן דעם רב אָנגעקוקט מיט סומנע בליקן און אַ ציטער איז זיי אַדורך איבער דיביינער. אָבער קיינער האָט אפילו נישט געוואָגט דעם רב צו טרייסטן. זיי האָבן נאָך מיט אַ העכער קול געגומען אונטערברומען דעם שיר-השירים.

אינדרויסן, אין שול-געסל, איז אָנגעקומען סימקע גנב, אַ בראָנ-זענער יונג מיט אַ פּאָר פינקלדיקע שוואַרצע אויגן. אויף אַ גע-לאָקטן קאָפּ סאַמעטענע האָר — אַ פּוילישע גראַנאַטענע מאַטשע-יוווקע, מיט אַ שוואַרצן זיידענעם לאַמפּאַס. אַ דריבנע, לאַקירט דאַ-שיקל, איז אים אַ פאַרשיפּטעם כמעט געזעסן אין לינקן אויג. אין

דער רעכטער האַנט — אַ וויטשקע, וואָס האָט ווי אַ דינע סטרונע געשפּילט אין זיין האַנט, שניידנדיק די לופט מיט איר.

צוקומענדיק צום רבס הייזקעלע, האָט אים עפּעס אָפּגעשטעלט. ער האָט דערהערט דעם ניגון פון שיר-השירים, וואָס איז אים פאַר-געקומען באַקאַנט. ער האָט געפילט ווי ס׳האָט אים עפּעס געגעבן אַ פאַרכאַפּ ביים האַרצן. ער האָט אַ טיף-יידישן ציטער געטאָן. דער ניגון האָט אים אַריינגעצויגן; ער האָט אָבער נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צום רבס טיר. און בלייבנדיק שטיין ביי דער שוועל, באַהערשט פון אַ געטלעכן פּחד, האָט אים מיט אַמאָל אַרום-גענומען אַ טיפער אומעט.

„ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן ? ווי לאַנג וועל איך זיך אַזוי אַרום-שליאַנדרעווען ? עפּעס אַוועקפלינטן, אונטערגנבענען ביי אַ יידן איז היינט נישטאָ וואָס. ביי קריסטן — איז אַ סכנה. אַוועקגיין אין פּוילישן שענקל אַריין, שפּילן אַ קערטל, דאַרף איך נישט בלויז איינ-שטעלן געלט — נאָר דאָס לעבן. קיין פאַמיליע אין שטעטל האָב איך מער נישט קיין „גוטע-ברידער" — אויך נישט. נח בעקער, וואָס וואָלט זיך בלוט געלאָזט צאַפּן פאַר מיר, איז, זע איך, ווי זיין אָפּיצינע אַוועק מיטן רויך... זיינע טויבן, וואָס פלעגן אויף מיינס אַ פייף זיך מיר שטעלן אויף מיין האַנט-פלאַך, זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיטן טויבנשלאַק. און אַפילו דער שטומער יאַנעק, דער טויבן-כאַפּער, אויף וועמען מנשה, דער שטאָט-לץ פלעגט זאָגן, אַז ער איז דער איינציקער פּאָליאַק, דער שטומער, וואָס האָט נאָך קיין שלעכט וואָרט נישט אַרויסגערעדט קעגן יידן, איז אויך ער-געץ-ווו פאַרפאַלן געוואָרן".

די שיינע דינסט-מיידלעך, וואָס פלעגן פאַר מיר גנבענען אין נגידישע הייזער, וועל איך שוין מער נישט זען... און אַפילו צו דער אָרימער מאַמען אַריינגיין כאַפּן אַביסל היימיש געקעכץ און זיך דערנאָך אויסציען אין די שטיוול אויף דער שלאָף-באַנק, קען איך איצט אויך שוין נישט... אַוועקפאָרן ? וווהין ?"

בלייבט סימקע גנב שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, פאַר-בענקט צו דעם אַלעם, וואָס איז פאַרגאַנגען און האָרכט זיך איין ווי אין אַ חורבה וויגט אַ מאַמע איין איר קינד :

„שלאָף מיין קינד, מיין קדיש איינער,
שלאָף שוין זינעניו !"

שטעלט זיך פאַר סימקעס אויגן אַוועק דאָס געשטאַלט פון זיין

מאַמען, וואָס איז פון אים אויסגעשטאַנען כלערליי בושות און חרפות, האָט זיך געטרייסט, וואָס זי האָט כאָטש אַ קדיש. און איצט ווייסט ער אפילו נישט ווו איר געביין איז אַהינגעקומען. וועמען פאַלט דען היינט איין צו זוכן אַ מאַמעס קבר, אַז גאַנץ פוילן איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויס קבר, פאַרוואַליעט מיט חורבות. און נישט קענענדיק באַנעמען פאַרוואָס אייגנטלעך איז דער חורבן געשען, ווערט סימקען עפּעס אַזוי באַנג אויף דער נשמה, כאָטש נעם און צעוויין זיך פאַר די אַלטע חורבות! אַז אין שול-געסל באַווייזט זיך נישט קיינער. עס איז פינצטער און טרויעריק. בלויז דער מאַמעס וויג-ליד הערט זיך נאָך שטילינקערהייט און שניידט אים ביים האַרצן... דער ניגון אין רבס שטיבל איז שוין אויך אוסגעגאַנגען.

בעת דער רב, ר׳ יחיאל, האָט זיך אויפגעכאַפּט צו קבלת-שבת, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט דעם שמש:

— פייווישל, ס׳איז כאָטש דאָ אַ מנין?

— אלף בית! עס איז קוים דאָ ניין יידן, רבי!

— נו, קיין בייז נישט. מען קען זיך שטעלן מקבל-שבת-זיין. פונדעסטוועגן, ווען עס וויל זיך ווער מטריח-זיין און מיר אַריינשאַפן נאָך אַ ייד... האַ, פייווישל, כ׳מיין עטלעכע יידן געפינען זיך נאָך אין שטעטל.

דער שמש איז אַרויס מיט אייליקע טריט און באַמערקט האָט ער עפּעס אַן אומבאַקאַנט געשטאַלט, מיט אַ וויטשקע אין דער האַנט. שטייט און שפּייט פאַר לאַנגווייליקייט, פייפנדיק מיטן ריטל אין דער לופט אַריין.

— אַ ייד? — האָט דער שמש געפרעגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— איך בין סימקע גנב.

— כ׳האָב געהערט פון דיר... כ׳בעט דיך אַריין צום רב מקבל-שבת-זיין. עס פעלט אַ ייד צום מנין.

— איך צום רב? — האָט סימקע געגעבן אַ טריט אויף צו-ריק. — דו לאַכסט נישט פון מיר?

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, סימקע. פּינטשע שלעגער און בערל אורוויס זענען אויך נישט קיין גרעסערע מיחוסים פון דיר און דער רב האָט זיך זייער דערפרייט מיט זייער לעבן-בלייבן. קום אַריין, וועסטו זיך מיט זיי זען!

אַ צעשטראַלטער האָט סימקע אַוועקגעוואָרפן די וויטשקע. ער

האָט זיך אַראָפּגענומען דאָס היטל און איבערגעפּוצט זיך דעם דאַ-שעק מיטן אַרבל און איז מיט פאַרזיכטיקע טריט נאָכגעגאַנגען דעם שמש.

— זע נאָר, דאָס געוויקלטע קינד איז דאָך לעבן געבליבן! סימ-קע! — האָט פּינטשע שלעגער אויסגעשריגן און סימקען אַ גוט-ברודערישן זעץ געטאָן איבער דער פּלייצע. און בערל אורווים האָט סימקעס קאָפּ צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי ער וואָלט פאַר צו-פרידנקייט זיך סימקען געוואָלט אַריינזעצן אין האַרצן.

דער רב האָט אויף סימקען געוואָרפן אַ בליק, אויפהייבנדיק די האַנט אין דער לופט. עס איז געוואָרן שטיל. דער רב האָט זיך באַלד אַוועקגעשטעלט מקבל-שבת-זיין.

אָפּגעפּרייט זיך מיט זיינע חברים, האָט זיך ערשט סימקע אַרום-געקוקט, באַמערקט די צוויי ליכט, אָנגעטריפט אויף די ציגל, האָט ער געקוקט פאַרגאַפט און דערשראָקן. עס האָט אים אַרומגענומען אַ פּחד פאַר עפּעס, וואָס שטייט העכער ווי זיין שכל...

ער האָט זיך מיט אַ ציטער איינגעהערט אינעם רבס תפילות. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער רב רעדט און וויינט אינערלעך...

אָבער באַלד איז דער רב איבערגעגאַנגען צו אַ פריילעכן לכו דודי-ניגון, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן. דער שמש און ר׳ שלמה וויגדעראָוויטש האָבן דעם רב באַגלייט אויפן קול. אַנדערע האָבן בלויז צוגעבאָמקעט צווישן די ציין. סימקע איז געשטאַנען ווי צע-מישט, אומבאַהאָלפן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אויף אים, וואָס דער ניגון רייסט נישט עפּעס אַרויס פון זיין יידיש האַרץ. מיטאַמאָל האָט ער שטילערהייט גענומען צופייפן. דער רב האָט זיך אויסגעדרייט און אַרומגעקוקט. דער שמש האָט סימקען אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף די ליפּן, האָט ער זיך פאַרשעמט און אָפּ-געהאַקט.

נאָך קבלת-שבת האָט דער רב קידוש געמאַכט איבער די ברייטלעך. דעם קידוש-ניגון, אַ געירשנטן נאָך פון זיין זיידן, האָט דער רב באַנוצט אַ לעבן לאַנג. אָבער איצט האָבן זיך אין דעם ניגון אַריינגעריסן פרעמדע טענער... דעם רבס שטימע האָט געציטערט. אינמיטן האָט ער אָפּגעהאַקט און אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ. ער האָט זיך געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט דעם ניגון ממש פאַר-געסן און אים אַרומגעזוכט ווי אַ פאַרלוירענעם פאָדעם...

ערשט ביים אויסטיילן די מוציאס האָט זיך דעם רבס פּנים אָנ-

געטאָן דעם עונג-שבת. הגם ער האָט פאַר יעדן אַנידערגעלייגט קוים אַן אָקריישיקל ברויט, האָט ער געזאָגט מיט חדוה:

— יידן, זעצט אייך אַלע אַוועק און לאָמיר עסן צוזאַמען! נישט איר זייט מיינע אורחים, נאָר מיר זענען אַלע אורחים ביים בורא-עולם... — מאַן דיהיב חייא יהיב מזונא — אַלץ, וואָס איז דאָ, וועט זיין יותר מדאי. שלמה — האָט זיך דער רב געווענדעט צו וויגדע-ראָוויטשן — דו וועסט פאַרבראָקן די יויך מיט עפּעס אַ ליטוויש ניגון. קיין פיש טאָר מען סיי ווי היינט נישט עסן, ווייל זיי האָבן געטרונקען מענטשלעך בלוט. פלייש טאָר מען אוודאי נישט עסן, ווייל די אָקסן אפילו האָבן זיכער געציטערט אין די שעכט-הייזער, הערנדיק די געוואַלטן...

און באַלד האָט זיך דער רב געכאַפּט, אַז עס רעדט זיך עפּעס, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט צום שבת-טיש, האָט ער אָפּגעהאַקט, אַ רגע שטיל געבליבן און דערנאָך זיך צעזונגען אויפן קול...

דער עולם האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. דאָס בלויזע אויסזעצן זיך אַרום אַ ווייס-געדעקטן טיש האָט דעם עולם אויפגעהייטערט. אָבער בעת דער רב האָט זיך אַראָפּגענומען דאָס רויטע נאָז-טיכל פונעם פנים און אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן האָט זיך באַוויזן אַ גרויער מעך; סימנים פון אַן אָפּגעשניטענער באָרד מיט אַ מע-סער, האָט עפּעס פּלוצלונג אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט איבער יעדנס ביינער. אויגן האָבן זיך אָנגעקוקט. ליפּן האָבן עפּעס גע-נומען פּליסטערן, לוישפּערן צווישן די ציין...

צוויי פרויען האָבן אַריינגעטראָגן אויף אַן אַלטער, פאַרזשאַ-ווערטער טאַץ אַ מילכיקע קאַרטאָפל-זופּ, צו וועלכער דער עולם האָט זיך גלייך צוגעכאַפּט. אָבער באַמערקנדיק ווי דער רב עסט לעפל ביי לעפל, האָט זיך יעדער באַמיט צוריקצוהאַלטן.

דער רב האָט עפּעס געטראַכט און אַריינגערעדט אין טעלער אַריין:

— ומלאך רע בעל-כרחו יענה אמן...

און געטראַכט האָט ער:

„אפשר עפּעס דרשנען; זאָגן אַ הדרן, אַ פּילפּול?"

פּלוצלונג האָבן זיך אין שול-געסל דערהערט טריט. דער עולם האָט אויפגעהערט קראַצן די טעלער, אָנגעשטעלט די אויערן צום פענצטער און די אויגן — צו דער טיר...

עס איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, אָנגעטאָן האַלב-מיליטע-

ריש, האַלב-ציוויל. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר שוואַרצע, אָפּיצער-סקע שטיוול און אַ שווערן מיליטערישן רוק-זאַק אויף די פּלייצעס. זיין פּנים איז געווען נאָס פון שוויים. די לינקע האַנט — באַנדאַ-זשירט. זיין בלאָנד-געקאַרבטער קאָפּ האָר איז געווען צעשויבערט. מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן האָט ער אין יעדן באַזונדער לאַנג אַריינגעקוקט... די שטילקייט איז געוואָרן וואָס אַמאָל טיפער און שרעקעוודיקער.

— גוט שבת, יידן! — האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטאָן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, ווי ער וואָלט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ טיפע אַנטוישונג און ער האָט זיך באַוויגן, ווי ער וואָלט געזוכט אַ בענקל זיך אַראָפּצולאָזן פאַר מידקייט.

— שמואל לערערס זון מנחם בין איך. — האָט זיך דער יונגער-מאַן אַראָפּגעזעצט און אַנדערע האָבן שוין דערפרייטע פון אים אַראָפּגעשלעפּט דעם רוק-זאַק.

— שמואל לערערס זון מנחם? — האָבן עטלעכע קולות אי-בערגעפרעגט מיטאַמאָל. — אַ באַקאַנטער ייד אין שטעטל.

— כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל וועמען טרעפן פון מיין משפּחה. — האָט זיך מנחם געווישט דעם שוויים. — אָבער... אויסגעוועזן ס׳גאַנ-צע שטעטל. אונזער געסל עקזיסטירט נישט מער — אַ הויפן צע-פאַלענע בעלקעס...

— מנחם זאָגסטו? — האָט זיך דער רב געריבן דעם שטערן. — דאַרפסטו דאָך ברענגען טרייסט. ובפרט שבת, ווען אַ ייד טאָר נישט טרויערן. פּייוויש׳ל, גיב נאָר דאָרט אַ פרעג די ווייבער, צי ס׳איז נישט געבליבן נאָך אַ טעלער זופּ.

מנחם האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט.

— הייסט עס, אַז מיר דאָ שטעלן מיט זיך פאָר די שארית-הפּליטה. איך דערקען יעדן — האָט ער זיך דערפרייט. אָנרופנדיק נעמען — אויסער... — האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויפן רב.

— איך בין דער רב יחיאל.

— דער רב?

— יאָ, יאָ, אַ רב אָן אַ באָרד. און דו, מנחם, וואָס ביסטו אַ זעלנער, אַ נאַטשאַלניק?

— אַ זעלנער, אַ נאַטשאַלניק? — האָט זיך מנחם צעלאַכט. — כ׳בין אַ געוועזענער גרופּן-קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד.

— געטאָ-אויפשטאַנד ? — האָבן זיך כמעט אַלע, אויסער דער רב, אויפגעריסן פון די ערטער.

— יאָ. מיין לינקע האַנט האָט אויף די חורבות איבערגעלאָזט אירע פינגער. און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט דאָרט איבערגעלאָזט אירע שענסטע זין און טעכטער. איך בין איינער פון די געציילטע, וואָס זענען לעבן געבליבן.

הינטער דער פרוי, וואָס האָט מנחמען אַריינגעבראַכט אַ טעלער צוזאַמענגעקראַצטע זופּ, זענען נאָכגעגאַנגען נאָך עטלעכע ווייבער. פאַרצאַפּלטע האָבן זיי זיך צוגעשאַרט צו מנחמען און אים אויסגעפרעגט אויף זייערע פאַרשווונדענע.

— מען קען זיך האָבן געטראָפן און זיך נישט דערזען... נעמען איז זיך מיר שווער צו דערמאָנען. אפשר האָבן זיי זיך ערגעץ-ווו פאַרשטעקט ?

— הלוואי, טאַטע זיסער אין הימל ! — האָט איינע פון די פרויען פאַרבראָכן די הענט, בעת זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטוליעטע אוועקגעשטעלט ביי דער טיר, קוקנדיק נאָך אַלץ מיט חשד אויף מנחמען, אַקוראַט ווי ער וואָלט יאָ עפּעס געוווסט וועגן זייערע פאַרשווונדענע און וואָלט עס צוליב מיטגעפיל פאַרהוילן...

— געטאָ-אויפשטאַנד. — האָט ר' שלמה וויגדעראָוויטש מיט דרך-ארץ געקוקט אויף מנחמען. — איך פיל מיך דערהויבן, וואָס אַ טייל פון רעליגיעזן יידנטום האָט אויך גענומען אָנטייל. כ'האָב זיך שוין אַזוי פיל אָנגעהערט, אַז כ'בלייב שטיין פאַר אַ נייעם באַרג געטלעכע סודות. וועלכער פלאַם האָט זיך אין אייך אייגנטלעך אָנגעצונדן ? אהבת-השם, אהבת-העם ? אָדער אפשר גאָר דער פלאַם פון נקמה ?

מנחם האָט זיך אַ ווײלע אַרומגעקוקט. דערנאָך האָט ער זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, ווי איינער, וואָס וואָלט אין איין רגע דערזען אומצייליקע בילדער מיטאַמאָל.

— אַלץ קומט מיר איצט פאָר ווי אַ קאָשמאַר. — האָט ער גערעדט ווי צו זיך. — וועלכער פלאַם פרעגט איר ? אַבי נישט דער פלאַם פון יאוש. עס איז שווער עפּעס צו דערציילן ! עס מוז זיך אין אונז איבערקאָכן. אַ טויטע זאַך רעדט אַמאָל מער ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך.

— אָט איז מיין אָנדענק פון געטאָ ! — איז מנחם צוגעשפּרונגען און האָט עפּעס אַרויסגעשלעפּט פון זיין רוק-זאַק.

אויפן טיש איז אַרויפגעפאַלן אַ העל, וועלאַסיפּעד-היטל מיט אויסגעברענטע לעכער און מיט אַן אָפּגעסמאַליעטן דאַשעק. דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן... אַלעמענס אויגן האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין דעם היטל. יעדער האָט זיך אויף זיין שטייגער פאַרגעשטעלט דעם קאָפּ פונעם געטאָ-קעמפער, וואָס האָט דאָס היטל געטראָגן, בעת פלאַמען פייער האָבן פאַרצערט זיין גוף. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ווי די קנויט אין דער בלעך-לאָמפּ קרעקט זיך, ווי אַ טרוקענע צונג און איר פלאַם זעצט זיך אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער.

— מיין יונגסטן ברודערס היטל... צוזאַמען געקעמפט אויף דער דזשיקע-גאַס. מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן אויף ברענענדיקע דע-כער. איך בין געלאָפן און געשריגן: לייבישל, דו לעבסט? קיין ענטפער האָב איך מער נישט באַקומען... און שפּעטער האָב איך אויף אַ באַרג אַש געפונען מיין ברודערס היטל. כ'האָב עס דער-קענט... יאָ!... — האָט מנחם אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ.

די פרויען האָבן זיך געווישט די אויגן. דער רב האָט גענומען דאָס היטל אין דער האַנט' אַריין, עס באַטראַכט פון אַלע זייטן. זיינע ליפן האָבן זיך געעפנט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געפינענדיק קיין ווערטער, האָט ער דאָס היטל ווי עפּעס אַ הייליקייט לאַנגזאַם צוריק אַנידערגעלייגט.

פאַר מנחמס אויגן האָבן איצט נאָכאַמאָל אויפגעטויכט די זיך-רויכערנדיקע חורבות... גראָד דעמאָלט האָבן די צוויי ליכט אויס-געהויכט זייער לעצטן אָטעם. דינע שנירעלעך רויך האָבן זיך צע-שלענגלט איבערן טיש, פאַרשפּרייטנדיק אַ ריח פון אָנגעברענטע ציגל...

## — 2 —

נאָך הבדלה, איבער אַ טעפּל שוואַרצער קאַווע, איז דער רב, ר' יחיאל אַליין פאַרבליבן אין זיין האַלב-פינצטער שטיבל. די לאָמפּ האָט געהאָנגען אַן אויסגעלאָשענע. אויפן ציגל האָט איין-איינציק ליכטל געברענט, ווערמענס פלעמל האָט זיך דאָ אַדורכגעשטרייפט ווי אַ שנירעלע פון אַ געפאַלענעם שטערן אַרום אַ שוואַרצער כמאַ-רע. דעם רבס שאָטן האָט זיך ברייטלעך אויסגעלייגט איבער אַ האַלבער וואַנט. אין שול-געסל איז שטיל געוואָרן, ווי אַלע וואָלטן אַוועק, איבערלאָזנדיק דעם רב אַליין.

דער רב האָט זיך אויפגעכאַפּט און שפּאַנענדיק גענומען זינגען „המבדיל", באַגלייטנדיק זיין ניגון מיט אַ האַנט-פּאַטשעריי. אָבער דער רב האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט זיך דערזען פאַרוועבט אין אַ וועלט פון שרעקעוודיקע שאָטנס. ער האָט זיך גענומען רוקן הינטערווייליעכץ, ווי ער וואָלט פאַר וועמען אַנטלאָפן... אַ גאַנצע ריי מחשבות זענען אים באַפאַלן. ער האָט זיך ווי דערמאָנט, אַז איצט, נאָך הבדלה, ווערן די רשעים צוריק אַרויסגעלאָזט פון גיהנום. און געטראַכט האָט ער, דער רב ר' יחיאל, אַז דאָס אַריינגיין אין דער וואָכנדיקער וועלט איז פאַרבונדן מיט סכנה. מען מעג שוין איצט טרויערן נאָך דעם פאַרשווונדענעם. און שווערע דאגות פאַרן מאָרגנדיקן טאָג הייבן אָן צו פּיקן די שלייפן. די אַלע קשיות, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן פאַר די שבת-ליכט, קומען איצט ווידער צוריק און מאָנען אַ תיקון. און וואָס הייבט מען אָן פריער צו טאָן, כדי כאָטש צו פאַרענטפערן מיט אַ נייער מצווה די אַלע ספקות, וואָס עגבערן דעם מוח ? האָב איך אַ רעכט צו טראַכטן, אַז דאָ וועט טאַקע שוין מער נישט זיין קיין יידישער ישוב ? איז אונזער לעבן שוין טאַקע דאָ אויסגעוואָרצלט לעולם ועד ? און פאַרציטערט פאַר דער מחשבה, איז דער רב האַסטיק צוגעפאַלן צום טיש און זיך אָוועקגעזעצט.

ער האָט אויפגערוקט דאָס שופלעדל, אַרויסגענומען אַ בריוו און צורוקנדיק נענטער דאָס ליכטל, האָט ער דעם בריוו איבערגעלייענט מיט אַ טיף-געקנייטשטן שטערן. ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן ליכטל, וואָס האָט געברענט מיט אַ פלעמל, אַריינגעוועבט אין דער וועלט פון וואָכנדיקייט. ער האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פונעם טיש און גענומען שפּאַנען. אָבער דערפילנדיק, אַז אין דעם אַרומשפּאַנען לייזט זיך נישט אויף די אומרואיקייט, וואָס באַהערשט אים, האָט ער זיך ווידער שווער אַראָפּגעלאָזט אויפן פאָטעל. זיצנדיק אַזוי אומבאַהאָלפן ווי דער רב וואָלט זיך געראַנגלט מיט אַ גאַנצער וועלט, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז נאָר עפּעס אַן אָנהייב פון אַ נייַ לעבן קען אויסלייזן זיין אומרו. און נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער נערוועז אַ פּויק געטאָן אין טיש אַריין און גערופן :

— פייוווישל, פייוווישל !

דער שמש איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער, און האָבנדיק איבערגעלאָזט אַ וואָרט צום דרויסן איז ער אַריין צום רב.

— פייווישל, נעם דיר דיין שטעקן און דו וועסט מיר אויס־פירן דאָס ערשטע שליחות פון דער וואָך. גיי און זוך מיר אויף: מנחמען, סימקען, פינטשען און מענדלען. זאָלן זיי תיכף ומיד קו־מען אהער!

און ווי נאָר דער שמש איז אַוועק, איז דעם רב עפּעס לייכ־טער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן זינגען דעם „המבדיל". דער ניגון האָט זיך איצט, ווי אַ פרישער קוואַל, געכוואַליעט פון זיין האַרצן אַרויס. די מחשבה, וואָס האָט פריער דעם רב געהאַט פאַרשטעלט דעם וועג, האָט אים איצט געלאָזט פריי אַרומשפּאַנען איבער זיין שטיבל. שפּאַנענדיק מיטן ניגון אויף די ליפּן, האָט זיך דער רב אָפּגעשטעלט ביים אַלטן שענקל, וואָס זאָל, לויט שטעטלדיקע יידן, שטאַמען פון נח בעקער. דער רב האָט באַ־טראַכט דאָס אַלטע שענקל, וואָס וועט איצט דאַרפן ווערן אַן ארון־הקודש... געעפנט אַ טיר, איז זי אים געבליבן אין דער האַנט. פון דעם אָפּענעם שענקל האָט געשלאָגן אַ ריח פון מעל. דער רב האָט זיך דערמאָנט אינעם מאמר: „אין קמח אין תורה".

„נו, איז דאָך טאַקע גלייך, אַז דאָס שענקל, וואָס האָט אין זיך געהאַט קמח, זאָל איצט, בשעת־הדחק, אַרייננעמען תורה".

עס איז אַריבער אַ היפּשע ווײַלע און דער שמש מיט די פיר געראָפענע יידן זענען ענדלעך אָנגעקומען.

— אַ גוט וואָך, רב!

— אַ גוטע וואָך, יידן, זיצט!

די יידן האָבן זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעקוקט דעם רב מיט נייגעריקע אויגן.

דער רב האָט זיך גאַנץ לאַנגזאַם אַראָפּגעזעצט, גענומען דעם ברייוו אין דער האַנט אַריין. אַ ווײַלע באַטראַכט יעדן יידן באַזונ־דער און דערנאָך געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע:

— ווייזט אויס, אַז דער בורא־עולם האָט מיך געלאָזט לעבן און מיך צוריקגעשיקט אין דעם חרוב־געוואָרענעם שטעטל אַריין, נאָר כדי דאָ צוריק צו שאַפן אַ יידישן ישוב. איבער דרייסיק יאָר בין איך דאָ געווען אייער מרא דאתרא. דאָס שטעטל האָט געבליט. אַ שול, בתי־מדרשים, ישיבות, תלמודי־תורות, אַ גמינע און פאַר־איינען. און מען זאָל זיין פריש און געזונט — אַ מקום־קבורה. מען האָט געלעבט און מען איז געשטאָרבן. אָבער דאָס לעבן איז געווען אַ לעבן. היינט איז אַלצדינג חרוב געוואָרן. און מיר ווײַנט דאָס

האַרץ צוקוקנדיק, ווי די שול ליגט אין דרויסן, ווי אַ באַרג אַש... אונזערע ספרים — פאַרברענט... די זינגענדיקע שטימעלעך פון אונזערע קינדער — פאַרשטומט. איך ווייס נישט, צי איך וועל נאָך דערלעבן צוריק צו זען דאָס שטעטל אַזוי ווי ס׳איז אַמאָל געווען. אָבער די ערשטע זאַך, וואָס איך קען און מוז דערווייל טאָן, איז אַריינשאַפן אַ ספר-תורה. ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, ווען כ׳רעד דערפון ?... — האָבן אינעם רבס אויגן געפינקלט טרערן...

די פיר יידן האָבן זיך איבערגעקוקט. דער שמש, אָנגעלענט אויף זיין שטעקן, איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינערטער.

— על כן, וואָס האָב איך נאָך אייך געשיקט ? איך האָב דאָ ליגן אַ בריוו פון קיעלץ. דער בריוו איז פון דאָרטיקן דיין ר׳ משה אהרן. שרייבט ער מיר : „אויב מיר זענען דאָ אינגאַנצן אָן ספר-תורה און ער האָט ב״ה עטלעכע אָפּגעראַטעוועטע, קען ער מיר שיקן אַ ספר. ווייס איך אָבער, אַז היינטיקע צייטן... אַזאַ שליחות... טאָ וועמען זאָל איך שיקן ?...

— איך בין דער ערשטער ! — איז סימקע גנב אויפגעשפּרונגען.

— איך האָב נאָך געוועט.

— בין איך דער צווייטער ! — האָט זיך מענדל אורוויס צוגע-לייגט די האַנט צום האַרצן.

— איך בין דער דריטער ! — האָט פּינטשע שלעגער זיך אויפ-געשטעלט און אַראָפּגעזעצט.

אָבער מנחם איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער...

— זאָל מיר דער רב מוחל זיין ! — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן. — איך גלויב נישט, אַז אונזער שטעטל זאָל צוריק ווערן אַ יידישער ישוב. אפילו וואַרשע איז היינט נישט מער ווי אַ בית-עולם, ווו יידן קומען אַהין, ווי אַמאָל צו דער „כותל-מערבי״, זיך אויסוויינען די הערצער ביי אַ שטיק פון אַ געלעכערטער מויער. איך רעכן צוריק צו פאָרן קיין נידער-שלעזיע. דאָרט ווייזט זיך יאָ עפּעס.

— די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין אמונה אין גאָט, מנחם, גלויבן נישט אין זאַכן, וואָס זענען נאָך נישט פאַרטיק. מיין בטחון איז היינט נאָך שטאַרקער ווי פאַרן חורבן. נאָך אַזאַ נסיון ווערט די נשמה נאָך מער געלייטערט. מיין אהבת השם איז גרויס ! און איך בין זיכער, אַז אונזער שטעטל וועט בקרוב צוריק ווערן אַ יידי-

שער ישוב. און אויב דו גלויבסט נישט אין מיין אמת, וועלן מיר אויף דיין אָרט שיקן אַ צווייטן.

— רב, ס׳איז פאַראַן נאָך אַן אמת.

— דאָס איז טאַקע די צרה, וואָס דער אמת האָט ביי אייך אַ מיספּר רבים. ביי מיר איז גאָט איינציק און זיין אמת איז איינציק! פייווישל, דו וועסט מיר אַריינשיקן מאָטל שוסטער.

מנחם האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו אַ ווינקל, וווּ עס איז געלעגן זיין רוק-זאַק. ער האָט אים אָנגעהאָנגען אויף אַן אַקסל און זיך דערנעענטערנדיק צום רב, האָט ער אים אומדרייסט אויסגעשטרעקט די האַנט.

— זייט געזונט, רב! און זאָל בעסער זיין ווי איר זאָגט: אונזער שטעטל זאָל בקרוב צוריק ווערן אַ יידישער ישוב... — האָט מנחמען אין דער רגע אַרומגענומען אַ רחמנות אויפן רב.

— פאָרסט אַוועק?

— עס יאָגט מיך... — האָט מנחם נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. אָבער באַמערקנדיק די אומרואיקע אויגן פון די איבעריקע יידן, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן.

— ביינאַכט?...

— זיי שעמען זיך דען פאָרן טאָג?...

— שווייג! — האָט דער רב לאַנג אָנגעקוקט מנחמען, ווי ער וואָלט נאָכגעטראַכט וועגן זיין גורל... — נו, אויב דו האָסט דורכאויס באַשלאָסן צו פאָרן, איז לחיים ולשלום! — האָט דער רב מנחמען דערלאַנגט די האַנט און זיין אַלטיטשקער קאָפּ איז האַסטיק צוגעפאַלן צו מנחמעס אַן אַקסל...

די איבעריקע יידן האָבן זיך איבערגעקוקט...

דערנאָך האָט זיך מנחם געזעגנט מיט די איבעריקע יידן און איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אַ געפּרעסטע שטילקייט...

דער שמש האָט אַריינגעבראַכט מאָטל שוסטער.

— ער — האָט דער שמש אָנגעוויזן אויף מאָטלען — האַלט דאָס פאַר אַ גרויסן כבוד און פאַר דער גרעסטער מצווה.

— איז אויף ווען באַשטימט מען די נסיעה? — האָט דער רב געפרעגט מיטן בליק נאָך אַלץ געווענדעט צו דער טיר, דורך וועלכער מנחם איז אָפּגעגאַנגען...

— מאָרגן איז אַ חגא-טאָג... — האָט דער רב דערקענט סימקעס גנבם קול.

— איז, בלי נדר, מאַנטיק באַלד אינדערפרי. איר וועט באַשטעלן אַ דראָשקע מיט אַ צוגעמאַכטער בויד... פייווישל, פאַרגעס זיי נישט מיטצוגעבן מיין טלית, איינצוהילן דאָס...

ביים דערלאַנגען דעם טלית האָבן די יידן אַ ציטער געטאָן...

— אַ גוטע וואָך, רב! — זענען זיי אַרוים, ווי זיי וואָלטן זיך ער-גען-ווו אַוועקגעיאָגט.

צומאָרגנס, זונטיק, אַרום צוועלף אַזייגער, בעת דער רב איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַריינגעקוקט אין מדרש, תנחומה, האָבן די קירכן-גלאָקן מיטאַמאָל אָנגעהויבן בימבלען:

— בים-באָם, בים-באָם!

דער געברעמזע פון די קירכן-גלאָקן האָט דעם רב שטאַרק איבערגעשראָקן...

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און האָט נישט געקענט באַ-נעמען פאַרוואָס פון דעם געגרימפּל וואַרפט זיך זיין האַרץ ממש ווי אַ גלאָק אַהין און צוריק, אַהין און צוריק...

און געטראַכט האָט ער:

„כ'האָב טאָקע גוט געטאָן, וואָס כ'האָב די יידן היינט נישט אַרויסגעשיקט נאָכן ספר..."

ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ווידער גע-נומען שפּאַנען. אָבער די קירכן-גלאָקן האָבן אים נאָכגעיאָגט מיט זייער טויבן געשאַל.

— פייווישל! — האָט דער רב גערופן דעם שמש. — גיי אַרויס אין געסל כאַפּן אַ בליק! כ'וויים?... דאָס פויערים-פאָלק גייט איצט פון דער טיפלע...

דער שמש, נאָך מער פאַרציטערט ווי דער רב גופא, איז מיט געהאַמעוועטע טריט אַרויסגעגאַנגען.

דער רב איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָט זיך איינ-געהאָרכט. ער האָט אויפגעכאַפּט געדיכטע טריט. ער האָט געהערט טרעשטשען פויערישע פורלעך; דאָס טיאָקען פון פערדישע פּאָדקאָ-וועס; דאָס הפקרדיקע געלעכטער פון מיידלעך און יונגע כלאָפּעס. אַ מויל-האַרמאָשקעלע האָט אין וועמענס מויל געשפּילט אַ מאַ-זורקע.

נאָך אַ ווײַלע איז דער שמש אַרײַנגעקומען און אויסגערופֿן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם:

— רבֿ, די ווײַבער דערציילן, אַז צוויי דאָרפֿישע ייִדן, וואָס האָבן זיך ביים אָנקומען געקריגט און איבערגעבעטן, האָבן זיך דאָ אײַנגעאָרדנט אין אַ חורבה. מיד פֿון וועג האָבן זיי זיך דערווײַל אַוועקגעלייגט שלאָפֿן.

— נו, פֿײַוויִשל! — האָט זיך דעם רבֿס פּנים צעשטראַלט — ווער איז גערעכט געווען, איך צי מנחם? און איצט פֿײַוויִשל, מאַך צורעכט די טיר פֿון דער שאַנק און נעם דיך מיט היים וואַסער אויסרײַבן די ברעטער; מאָרגן, בלי נדר, פֿאָרן זיי שוין אַרויס.

אין דער רגע איז אַרײַנגעקומען סימקע גנבֿ, האַלטנדיק אונטערן אָרעם אַ גרויסע ש״ס-גמרא.

— יאַנושעק, דער לאָמפּן-צינדער, האָט מיר דאָס פֿאַרקויפֿט. — האָט ער דעם רבֿ דערלאַנגט די גמרא.

— וו-אָ-אָ-ס? דו האָסט אויסגעלייזט אַ גמרא פֿון גויאישע הענט, האָסטו אויפֿגעטאָן אַ גרויסע זאַך. איך פֿאַרגעס אַלץ ווי מען רופֿט דיך. — האָט זיך דער רבֿ אַ דערפֿרייטער אַוועקגעזעצט און גענומען בלעטערן די גמרא, אָפּשטעלנדיק זײַנע בליקן אויף די טאַבאַק-געפֿלעקטע בלעטער. ער האָט עפּעס נאָכגעטראַכט... באַלד געפֿונען אַ זילבערנע האָר, האָט ער זי לאַנג געהאַלטן צווישן צוויי פֿינגער אין דער לופֿטן... דערנאָך אויפֿגעבלעטערט דעם שער-בלאַט און איבערגעלייענט מיט אַ ניגון: „הגמרא שייך להחסיד זאבֿ גרסון“.

און דעם רבֿ האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דאָס געשטאַלט פֿון דעם חסידישן ייִדן, האָט זיך אַ לעבעדיקעס אַוועקגעשטעלט פֿאַר זײַנע אויגן... און קוקט נישט אַזוי ווײַט אויפֿן רבֿ גופֿא, ווי אויף זײַן אָפּגעראַטעוועט לעבן... דעם רבֿ האָט זיך געדאַכט, אַז זאבֿ גערסאָנס ליפּן שעפּטשען צו אים:

— רבֿ, ר׳ יחיאל, איך בין געקומען זיך מיט אײַך מתווכח-זײַן. ווער, מיינט איר, האָט מער און ערלעכער אויסגעהאַלטן גאָטס נסיון? אַ ייִד, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט-טרײַבן מיט דער גאַנצער עדה און איז צוזאַמען אומגעקומען מיט ווײַב און קינד, צי אַ ייִד, זײַט מיר מוחל, וואָס האָט זײַן הויז-געזינט איבערגעלאָזט אויף הפֿקר און האָט בלויז אָפּגעראַטעוועט זײַן אייגן לעבן?...

און דער רבֿ ציטערט מיט אַלע אבֿרים און ענטפֿערט:

— וואָס מיינסטו, זאב, אַז אין מיין רעטונג האָט נישט געשטעקט גאָטס רצון ? ווי האָב איך דען אָן גאָטס הילף געקענט באַווייזן אַזאַ נס ?

און דער רב איז במחשבה צוריקגעגאַנגען צום טאָג, בעת מען האָט דאָס לעצטע רעשטל יידן אַרויסגעפירט פונעם שטעטל.

„געפירט די טרויעריק-נידערגעשלאָגענער מחנה, באַלאָדן מיט פעקלעך אין די הענט; מיט פעקלעך איבער די אַקסלען, האָבן אַ באַנדע באַוואָפנטע פּאָליאַקן. איבער די געבויגענע יידישע קעפּ האָבן געשוועבט פעדערן, ווי אין אַ שעכט-הויז פון צאַפּלדיקע עופות פאַר דער שחיטה... די מחנה האָט אויסגעזען שוואַרץ; האָט זיך געצויגן ווי נאָך אַ לוויה... דעם טויט האָט יעדער געטראָגן אין זיך און האָט אים, ווער שטילערהייט, ווער אויפן קול — באַוויינט...“

„פּלוצלונג פאָרט איבערן שטעטל אַדורך דעם גלחס שוואַרצער וואָגן. אַ גלאָק קלינגט. דער גלח פאָרט צו אַ גוסס. דער שוואַרצער וואָגן רופט ביי די באַוואָפנטע פּאָליאַקן אַרויס אַ ציטער, אַקוראַט ווי דער גלח וואָלט געקומען נאָך זייערע נשמות. זיי לאָזן זיך האַסטיק אַראָפּ אויף די קניען אינמיטן דער גאַס און האַלטנדיק די קעפּ טיף געזונקען צו דער ערד, צלמען זיי זיך איבער און אַט טאַקע באותו-רגע, האָט זיך אין גלחס וואָגן געעפנט שטילינקערהייט אַ טירל און אַ האַנט האָט מיך אַריינגעצויגן...“

דערנאָך, אין ווידוי-שטיבל, האָט דער גלח געזאָגט :

— רב, איר זעט, אַז אין דער זעלבער רגע, וואָס מען גייט ביי אַ גוסס צומאַכן די אויגן, קען מען ביי אַ צווייטן, ביי אַן אומשולדיק-פאַרמשפּטן צום טויט, צוריקעפענען די אויגן... איך שיק אייך ביינאַכט אַוועק צו אַ דאָרפישן גלח. דאָרטן וועט אייער לעבן זיין זיכערער.

„נו, האָט אין דעם נישט געשטעקט גאָטס האַנט ?“...

אָבער אַ וואָלקן פון ספקות, צי דאָס אומקומען מיט דער גאַנצער עדה איז נישט אַמאָל הייליקער, ווי דאָס אָפּראַטעווען זיך, האָט זיך שוין געלייגט שווער איבערן רבס קאָפּ, און אָט-אַ די ספקות האָט זיך דער רב מיטגענומען אויף זיין געלעגער און זיי געלייגט הינטערן קאָפּ, ווי אַ האַרט קישן, וואָס האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפן...

אָבער צומאָרגנס, בעת די פיר שליחים, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן נאָכן ספר-תורה, זענען זיך געקומען געזעגענען, האָבן

די ספקות אויפגעהערט צו עגבערן דעם רבס מוח. ער האָט זיך גע-זען חשוב אין זיינע אייגענע אויגן. ער האָט יעדן פון די פיר שלי-חים דערלאַנגט די האַנט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, האָט ער זיי צוגעזונטשן :

— יידן, פּאַרט געזונטערהייט און זייט מצליח !

דער רב איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און די שליחים נאָכ-געקוקט... אין דעם פּעקעלע, וואָס סימקע גנב האָט געהאַלטן אונ-טערן אָרעם, האָט דער רב געזען זיין פאַרפּאַקטן טלית...

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַטראַכטן די ריין-אויסגעוואַ-שענע שאַנק, גרייט אויפצונעמען דאָס ספר.

באַמערקנדיק דעם שמש, האָט דער רב געפרעגט :

— פייוויש׳ל, ווי לאַנג דויערט אַזאַ רייזע ?

— צוויי שעה, רבי !

— וועלן זיי דאָך צוריקזיין אָרום... אָרום... מילא, אַ שעה אַרויף, אַ שעה אַראָפּ. אַבי... — האָט דער רב זיך אונטערגעברומט אַ ני-גון. און דערפילנדיק, אַז זיין פּוסט שטיבל ווערט פון היינט אָן אַ הייליקס, האָט ער זיך מיט התמדה אַוועקגעזעצט לערנען.

שעהן האָבן זיך אַוועקגערוקט. די זון איז שוין, מיט אַ היפּשן מהלך, ווייט געווען פון מזרח. דער רב האָט איבערגעריסן דאָס לערנען און גערופן דעם שמש :

— פייוויש׳ל, ווי שפּעט איז ?...

לויטן ענטפער האָט דער רב געוואָלט ממשיך-זיין דאָס לער-נען. אָבער ביים ערשטן אַריינבליק, איז מיט אומעטיקע טריט אַריינ-געקומען ר׳ שלמה ווינגדעראָוויטש.

— פּראַוועסט התבודדות, שלמה ?

— כ׳דריי זיך אַרום ווי אַ שאָטן אין דער וואַנט. — האָט זיך ר׳ שלמה אַוועקגעזעצט און גענומען בלעטערן אַ ספר. — אַזאַ פּרי-שות, אַזאַ איינזאַמקייט נאָך אַ ווייב מיט אַכט קינדער...

— שלמה, זינדיק נישט ! — האָט דער רב אויף אים אָנגעשריגן.

— וואָס ביסטו דען מער ווי אַ פּעדימל אינעם וועלט-געוועב ? און אפילו לויטן זוהר הקדוש, דו ביסט אַ עולם קטן, ווילסטו שוין וויסן אַלע סודות-היצירה ? שעפּסן זענען מיר, וואָס מען שערט אונז כסדר די וואָל און זי וואַקסט צוריק.

— איך זינדיק נישט חלילה, רב. שלעכט געשלאָפן. מחשבות פייניקן...

— מחשבות ?...

— יאָ, רב. ווען אַ גזלן באַפאַלט, למשל, איינעם מיט ווייב און קינדער און ער ראַטעוועט זיך אַוועק, איבערלאָזנדיק זיין ווייב און קינדער אין גזלנס הענט, איז ער נישט אַמאָל אַ מיט-שותף צו דעם פאַרברעכן ? — האָט ר׳ שלמה אָנגעקוקט דעם רב...

דער רב איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער...

„מיינע מחשבות״... — האָט ער אַ ציטער געטאָן.

אין דער רגע איז אַריינגעקומען דער שמש מיט אַ ווייס טיש-טעך און האָט געדעקט דעם טיש.

— עס איז שוין מיטאָג-צייט און זיי זענען נאָך נישטאָ ? — איז דער רב אויפגעשפרונגען אַן אומגעדולדיקער.

— עס איז מעגלעך, אַז דער דיין משה אהרן האָט זיי פאַר-האַלטן אויף מיטאָג. — האָט ר׳ שלמה געזאָגט. — איך קען אים. ער איז געווען און מסתמא פאַרבליבן אַ גרויסער מכנים-אורח.

— ביסט אפשר גערעכט, שלמה. — האָט זיך דער רב צובים-לעך באַרואיקט און איז זיך געגאַנגען וואַשן.

אָבער באַלד נאָכן מיטאָג, ווי נאָר ר׳ שלמה איז אַוועקגעגאַנ-גען מיט אַ מינע, ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט אים נישט ניחא-גע-ווען, איז דעם רב ווידער באַפאַלן אַן אומרו. אָט איז ער צוגעגאַנ-גען צום פענצטער, אָט צו דער טיר און אָט האָט ער זיך אַוועקגע-שטעלט ביי דער שאַנק, ווי ער וואָלט זיך אַליין עפּעס געפרעגט. לסוף האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש און ווילד אַ כאַפּ געטאָן דעם „חובות הלבבות״, ווי ער וואָלט געזוכט אַ קוואַל אויפצופרישן זיין אהבת-השם. בלעטערנדיק דאָס ספר, האָט ער זיך דערמאָנט אין ר׳ שלמהס מחשבות, וואָס זענען ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו זיינע. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן שער חשבון-הנפש. ער האָט געגומען מעיין-זיין אין דעם וויכוח, וואָס דער מענטש דאַרף האָבן מיט זיין אייגענעם איך. אָבער ווי נאָר דער רב האָט איינגע-זאַפּט די ערשטע שורות און זיין האַרץ איז איבערגעפולט געוואָרן, ווי אַ בעכער, מיט ליבשאַפט צום בורא-עולם, האָבן זיך אין דער טיר באַוויזן צוויי דאָרפס-יידן.

— רבי, מיר זענען געקומען האַלטן אַ דין-תורה.

— אַ דין-תורה ? — האָט זיך דער רב אויפגעכאַפּט אַן איבער-ראַשטער. — זע איך דאָך טאַקע, אַז דאָס שטעטל ווערט יאָ אַ יידי-שער ישוב, זיצט יידן, זיצט !

די יידן האָבן זיך אומדרייסטע אָוועקגעזעצט.

דער רב האָט זיך באַקוועם געמאַכט אין זיין פאָטעל און נישט אַראָפּנעמענדיק זיינע אויגן פון די צוויי מגושמדיקע יידן, האָט ער אַ פרעג געטאָן מיטן אַמאָליקן ניגון :

— ווער פון אייך איז דאָ דער בעל-תובע ? דאָס הייסט ווער רופט דעם דין-תורה ?

— איך, רבי ! — האָט איינער געענטפערט, זיך ווישנדיק דעם שוויים.

— טאָ באַלייג דיינע טענות.

— פאַר דער מלחמה האָבן מיר ביידע געוווינט אין אַ דאָרף, צוויי שכנים. איך האָב געהאַלטן אַ קרעטשמע; ער האָט געהאַנדלט מיט פערד. איך האָב געהאַט אַ טאָכטער אַ בת... בת...

— אַ בת יחידה — האָט אים דער רב אַרויסגעהאָלפן.

— טאַקיש אַזוי. און ער האָט געהאַט אַ סינאָק. האָבן מיר, מיט מזל און בראָט-יויך, תנאים געשריבן. גרייטנדיק זיך צו דער חתונה, איז געקומען מיין מחותן, אָט-דער-דאָ און געפאָדערט פון מיר דעם נדן, אַנישט וועט זיין יונג נישט גיין צו דער חתונה. מיין באַבע האָט וואָס אַן אמת נישט געלאָזט געבן קיין געלט פאַראויס. אָבער איך האָב איינגעצימבלט דאָס ביסל זלאָטניקעס. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ער האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן מיט מיין נדן באַגראָבן. איך ווייס פון פעוונע שוויאַדקעס, אַז ער האָט אַלץ צוריקגעפונען. איז אַזוי ווי דער חתן און די כלה זענען נעבעך אומגעקומען, וויל איך האָבן, אַז ער זאָל מיר אומקערן דעם נדן, אַז כ'זאָל מיר קענען עפענען אַ קרעמל. אפשר דאָ אין שטעטל, אפשר אין דאָרף, ווי דער רבי וועט מיך הייסן.

— ווי הייסטו, בעל-תובע ?

— מ'האָט מיך אין דאָרף גערופן סימקע שילאָטש.

— סימקע ?... — האָט אים דער רב אָנגעקוקט מיט אַ ציטער...

און ער האָט זיך דערמאָנט אין די פיר שליחים, וואָס איינער צווישן זיי... הייסט, דאַכט זיך, אויך...

גראָד אין דער מינוט איז אין שול-געסל האַסטיק אַריינגעפאָרן די דראָשקע. די ווייבער זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. ר' שלמה וויג-דעראָוויטש איז אַריינגעקומען אַן אויסגעבלייכטער, זיך רייבנדיק אין די הענט אַריין, ווי ס'וואָלט אינדרויסן געווען אַ פראָסט.

דער רב האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי :

— פייווישל, פייווישל ! זיי זענען שוין אָנגעקומען !
און דער רב האָט געשפּרייזט פון פענצטער צו דער טיר און פון דער טיר ווידעראַמאָל צום פענצטער.
דריי פון די אַרויסגעשיקטע שליחים זענען מיט איבערגעשראָקענע טריט אַריינגעקומען. ביי איינעם איז געווען אונטערגעהאַקט אַן אויג... ביים צווייטן איז די אויבערשטע ליפּ געווען אויפגעשוואָלן... דעם דריטנס פּנים איז געווען אויסגעשמירט מיט בלוט... זייערע מלבושים — אַראָפּגעשיילט, אַז די לייוונט האָט אַרויסגעקוקט, ווי אַ נאַקעט לייב... סימקע גנב האָט געפעלט... די שליחים זענען געבליבן שטיין אויפן רבס שוועל שווער אָטעמדיקע. אין זייערע אויגן האָט זיך נאָך אָפּגעשפּיגלט די טויטשרעק...
דער רב האָט מיט אַ פאַרצאַפּלטן אויסגעשריי אָן ווערטער, זיך גערוקט הינטערווייליעכץ. זיינע הענט האָבן הינטן־אַרום אָנגעגריפן דעם פאָטעל. זיין איינגעבראָכענער גוף איז ווי אַריינגעפאַלן צווישן די צוויי פאָרענטשן. מיט די עלנבויגנס אויפן טיש, האָט זיך דער רב מיט ביידע הענט פאַרדעקט דאָס פּנים... און זיינע אַקסלען זענען געוואָרן וואָס־אַמאָל שפּיציקער, ווי זיי וואָלטן זיך אַריינגעשטאָכן אינעם רבס האַלדז.
מיטאַמאָל האָט עפּעס אַ שאָרך געטאָן. אויפן רבס טיש איז אַרויפגעפאַלן אַ טלית. דער רב האָט געעפנט די אויגן און דערזען אַ טלית מיט בלוט־פלעקן... מיט ציטערדיקע הענט האָט ער לאַנגזאַם צוגעטראָגן דעם טלית צו זיינע אויגן. אַזוי ווי יעקב האָט דערקענט יוספס פאַרבלוטיקט העמדל, האָט דער רב אין די בלוט־פלעקן שוין אַלצדינג דערזען... ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. און מיט צוויי גרויסע טרערן אין די אויגן...
— אַ פּאָגראָם ?
— אַ פּאָגראָם, רבי !
— דער, וואָס פעלט, האָט, זע איך, פאַרטיידיקט דאָס ספר און איז אומגעקומען...
— יאָ, רבי !
מיטן טלית אין דער האַנט האָט זיך דער רב אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. ער האָט געוואָלט עפּעס אויסשרייען מיט אַ פאַרקרומט פּנים. אָבער דאָס קול זיינס האָט זיך געוואָרגן אין זיין קעל... און ווי גרוים דעם רבס צער איז נישט געווען, האָט אַ מחשבה, ווי אַ דינע שפּילקע, אַדורכגעשטאָכן זיין מוח און דער ווייטיק איז גע־

ווען אזוי שאַרף, אַז דער רב איז אינגאַנצן אַריינגעוואַקסן געוואָרן אין דער מחשבה :

„אויב אַזוי, האָט זיך דאָך אונזער חורבן נאָך נישט געענדיקט. און וועלן זיך שוין אַזוי ציען אונזערע ליידן עד סוף כל הדורות ?"...

דער רב האָט זיך קוים אויפגעשטעלט און מיטן טלית אין דער האַנט איז ער טראָט ביי טראָט צוגעגאַנגען צום ליידיקן שענקל. לאַנגזאַם אַריינגעלייגט דעם טלית. אַ היפּשע ווײַלע געוואָרפן זיין קאָפּ, אַהין און צוריק אין די בלוט-פלעקן. דערנאָך האָט דער רב אויסגעשפּרייט זיינע הענט און מיט די אויגן צום הימל געווענדעט האָט ער אַ צאָרנדיקן געשריי געטאָן, ווי נישט מיט זיין קול :

— רבונו של עולם, עד מ-ת-י ? !...

# אַ טרער אין עמער וואַסער

דאָס איז אין נאַטאַן לוריען פאָרגעקומען דעם 8-טן מאַי 1945, צומאָרגנס נאָך זיין לאַגער-באַפרייאונג.

בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי אַ פאַרציטערטער, מיט אַן אויסדורכטעניש, אַז די אַש-גרויע באַראַקן-ווענט שטייען נאָך ווי מצבות פאַר זיינע אויגן, אַ פייפל זשומעט, בויערט אַדורך די לופט, טרייבנדיק אים, ווי יעדן טאָג, צו זיין קאַטאָרגע-לעבן, האָט ער גאָר באַמערקט, אַז ער געפינט זיך אין אַן עלעגאַנטן צימער פון אַ דייטשן נידערשלעזישן גוט-באַזיצער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער חלומט מיט אָפענע אויגן.

נאַטאַן לוריע האָט זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען ווען און ווי אַזוי ער איז אַריין אין דעם דאָזיקן רייך-אויסגעשטאַטן צימער. ער האָט זיך ווילד, מטושטש אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם זכרון...

אין די אָפענע פענצטער, איבערגעצויגן מיט ווייסע טיולענע פאַרהאַנגען, באַגאָסענע מיט אַ ראָזאָווער אָפּשיין, האָבן זיך אַריינגעשניטן צוויי שטרייפן פון אַ גאָלד-בלויען הימל. אויפן פאַרבנרייכן דיוואַן, זענען דאָ און דאָרט געפאַלן גאָלדענע, רונדיקע שפּיגעלעך, גרויסע פינקלענדיקע מטבעות. אויף דער וואַנט, באַדעקט מיט ווינער טאַפּעטן : „שיפלעך אויפן בלויען דונאַי" — אַ פאַרטרעט אין אַ גאָלד-געבראָנזטער ראַם, וואָס האָט פאַר זיינע אויגן אַוועקגעשטעלט אַ לאַכענדיק פּאָרל אין זייערע פּאַראַדנע חתונה-קליידער.

קוקנדיק אויף דעם בילד, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט ווי זיין האַרץ ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ געוואַלטיקער, גאַליקער שנאה צו דעם דייטשן פּאָרל. די שנאה האָט איינציקווייז אויפגעוועקט זיין

זכרון... ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט און אויפגעציטערט. אין דער מחשבה האָט ער געזוכט אַ מעסער אַדורצושטעכן דאָס גליקלעכע געלעכטער, וואָס האָט געשוועבט אויפן פּאַרטרעט, אַקוראַט ווי דערמיט וואָלט ער אויסגעפירט אַ נקמה-אַקט.

ער איז אָבער געבליבן זיצן אַפּהענטיק און באַטראַכט די אַלט-מאָדישע, ברוין-לאַקירטע שאַנק מיט אירע שווערע, מאַסיווע גע-זימסן. דער סוד פון אינעווייניק האָט אים אַ רגע געלאָקט און גלייך אָפּגעלאָזט. אין אַ ווינקל האָט אַן אַנטיקוואַרישער וואַנט-זייגער געטיק-טאַקעוועט מיט אַזאַ מאָדנעם אָפּקלאַנג, פּונקט ווי ער וואָלט נאָכגעמאַכט דעם ריטם פון זיין צייט. און ווי דאָס וואָלט געשען אויף זיין פאַרלאַנג, האָט זיך אויפן זייגער-טורעמל געעפנט אַ קליינ-טשיק טירעלע מיט געשניצטע פּאַלמען-בלעטלעך, דאָס הילצערנע פייגעלע אויפן שפּיץ טורעמל האָט צעשרויפט אירע פליגעלעך, אויפגעפּעכערט, ווי זיך געגרייט אַוועקצופליען, און זעקס אָפּגע-פלאָסענע פרייהייט-שעהן האָבן פאַר אים גענומען אָפּשפּילן דעם אַוועקגאַנג אין דער אייביקייט אַריין.

„בין איך, הייסט עס, טאַקע פריי ?"... — האָט נאַטאַן לוריע געוואָלט אויסשרייען און זיין שטימע האָט זיך אין עפּעס איינגע-קלעמט. — „קיינער יאָגט מיך נישט מער, קיינער טרייבט מיך נישט ?... דער שאָטן פון דער דייטשער ביקס באַגלייט מיך נישט מער ?... אָבער וואָס טוט מען איצט מיט זיך ? וווהין גיי איך, ווו שטיי איך ?"... — האָט ער צעוואָרפן זיינע בליקן אויף די פרעמדע ווענט.

און ער האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל דערפילט נאָך אומעטיקער ווי נעכטן... ער האָט זיך אַזוי אומבאַהאָלפן באַוויזן, ווי ער וואָלט ערשט איצט באַנומען, אַז מען האָט אים צוריקגעגעבן זיין פרייען ווילן און ער ווייסט ממש נישט, וואָס מיט אים צו מאַכן...

„האָב איך, הייסט עס, שוין נישט געגלויבט, אַז איך וועל נאָך אַמאָל לעבן לויט מיין אייגענעם ווילן ?"...

ער איז האַסטיק אַרויס פון בעט און זיך צוגעשטעלט צום פענצ-טער. ער האָט זיך געפילט ווי אַ קראַנקער נאָך אַן אָפּעראַציע. אין מוח האָט אים שטאַרק געזשומעט... פאַר די אויגן האָט אים גע-בלענדט. די שרענגע בלומען-טעפּ אויפן פענצטער-פּאַרענטש איז אים נאָך אַלץ פאַרגעקומען עפּעס פאַרדעכטיק.

„אפשר האָט מען מיך דאָ אַהערגענומען, ווי אַ געפאַנגענער, אויפצורוימען די וווינונג ? און באַלד וועט זיך באַווייזן דער וואַכ-מייסטער, וואָס וועט פון מיר אַרויסיאָגן די קישקעס ?״...

די רויטע בלימעלעך האָבן אויסגעזען פאַרחלשטע. זייערע פאַר-מאַכטע בעכערלעך, ווי געשלאָסענע קינדער-אויגן, האָבן נאַטאַן לו-ריען אַ צופּ געטאָן ביים הארצן...

נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער אין דער פרעמדער וווינונג עפּעס גענומען אַרומזוכן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער באַגאָסן די בלו-מען-טעפּ מיט פריש קוואַליק וואַסער. די אַראָפּגעבויגענע בלומען-שטענגלעך, פילנדיק אויף זיך די זילבערנע פאַסמעס וואַסער, האָבן זיך איינציקווייז אויסגעגלייכט. די אַראָפּגעלאָזטע בלומען-קעפּלעך האָבן זיך פאַריסן צו דער זון, די פאַרמאַכטע בלעטלעך האָבן זיך געעפנט, ווי קינדערישע פיסקעלעך ביים זייגן. און נאַטאַן לוריע האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אַ טויטע זאַך צוריק לעבעדיק געמאַכט...

אָבער באַלד האָט ער, שטייענדיק ביים אָפענעם פענצטער, אַוועקגעקוקט אין דער ווייטקייט און דערבליקט דאָס מוראדיקע לאַגער-טויער, וואָס האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען גאַנץ קליינטשיק... ער האָט דערקענט דאָס גרויסע פאַרזשאַווערטע שלאָס, וואָס האָט פאַר זיינע אומשולדיקע גורל-ברידער, פאַרהאַקט דעם אויסגאַנג... פון דער גאָלד-בלויער לופט האָט זיך פונדערווייטנס אַרויסגעשניטן די פירקאַנטיקע קאָנטורן פון דער לאַגער-תליה... די רונד-פאַרלייגטע שטריק האָט, מיט דינע ליניעס געצייכנט אין דער לופט אַ האַלדז, וואָס האָט אים דערמאָנט אין זיינעם אַ געהאַנגע-נעם חבר...

נאַטאַן לוריע האָט אַזאַ שטאַרקן ציטער געטאָן, אַז עפּעס אַ לייכטע זאַך הינטער אים איז אומגעפאַלן. און דערפילט האָט ער, ווי אין דער רגע, האָט זיך אין זיין אויפגעברויזט האַרץ אָפּגעשלאָגן דער גאַנצער גורל, וואָס איז איבער אים געקראָכן מיט אַש-גרויע פּיס און מיט אַ בלוט-רויטן קאָפּ, זינט די שטעכעדיקע דראָטן האָבן זיך ווי שאַרפע, אויסגעקרומטע ציין טיף-טיפער איינגעביסן אין זיין צאַנקענדיק לעבן...

אַרום און אַרום איז איצט נאָך געווען סודותדיק שטיל. דאָס הימלישע פּנים האָט אין נאַטאַן לוריעס אויגן אויסגעזען ווי אַ

קאָלירנרייכע געטלעכע מחשבה... פון דער פרימאָרגן-שטילקייט האָט קוים-קוים אַרויסגעפּליסטערט אַן אַנגענעמער, דינישטקער ביימער-געשאָרך. גרין-באַבלעטערטע צווייגן האָבן זיך לייכטיטשקע געהוידעט, געפאָכעט. פון דער סודותדיקער אַנטשוויגנקייט האָט אַרויסגעשפּילט דאָס טשיריקן פון פייגעלעך, וואָס האָבן אַפּנים נישט געאָנט, אַז זייער געצוויטשער האָט אים ערשט נעכטן גע-קרענקט, ווי יעדעס פויגלישע טרעלעכל באַזונדער, וואָלט זיך מיט אים ביטער גערייצט...

אַוועקגייענדיק פונעם פענצטער, האָט זיך נאַטאַן לוריע צו-געשטעלט צו אַ שפּיגל פון אַ ווייס פּאָלירטן טואַלעטן-טיש. נאָך לאַנגע יאָרן האָט ער צום ערשטן מאָל געזען זיין פּנים אין אַ שפּיגל און אויפגעציטערט... ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זיין אייגן פּנים, וואָס איז געהאָנגען אין שפּיגל, ווי אַ וואַקס-מאַסקע מיט אונ-טערגעשוואָלענע אויגן-טאָרבעס, מיט אַן אָפן מויל, אַן פאָדער-ציין, מיט טיף-צעאַקערטע שטריכן, גלייך ווי אַלע זיינע גורל-מינוטן וואָלטן זיך דאָ אויף אייביק איינגעקריצט צוזאַמען מיט אַ טויט-שרעק... אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען האָט אים אַריינגעזעצט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן, וואָס זענען אויסגעגליט געוואָרן אין אַ הויטע-פייער און זיי קענען נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר קוקן מיט אַ גלייכגילטיקייט אויף אַלע גרוילקייטן פון לעבן...

מיט אַ ווילדן טראָט איז נאַטאַן לוריע אַרויס פונעם טואַלעטן-צימער.

מיטאַמאָל האָט אים זיין לעבן-בלייבן געגומען פאַרפאָלגן...

„איז דאָס טאַקע געשען ?... טאָ פאַרוואָס זעט עס איצט ביי מיר אויס ווי אַן אומעגלעכקייט ?"...

די נעכטיקע אויפטרייסלענדיקע געוואָלדן פון אימת-המוות האָבן ערשט איצט אומאויפהערלעך געגומען אַפּקלינגען אין זיינע באַטויבטע אויערן... די וויי-געשרייען האָבן וואָס אַמאָל שאַרפער געגומען עגבערן זיין מוח... ער האָט זיך מיטביידע הענט אָנגע-כאַפּט ביי די שלייפן און איז מיט האַסטיקע טריט אַריינגעלאָפן אין אַ צווייטן צימער. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל ווי פאַרשטיינערט...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ביים טיש, אין אַ העל זומער-קלייד, איז געשטאַנען אַ צעשטראַלטע פון נחת זיין פרוי, רחל. אויפן

טיש אין אַ פּאָר ווייסע שיכעלעך האָט אונטערגעטאַנצט זיין זעקסיאָריק מיידעלע, העלענקאַ, ווען די מוטער האָט מיט צאַרטקייט אַרויפֿגעזעצט אַ ווייסן שלייף־באַנד אויף איר גאָלדענעם לאָקן־קאָפּ. אויפֿן דיוואַן האָט אַרומגעהוליעט זיין ייִנגעלע, זשאַק, רייטנדיק אויף אַ הילצערן פֿערדל.

נאַטאַן לוריע האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן: „רחל, קינדער מיינע!"... אָבער אין דער רגע האָט ער דערפֿילט, האָבן אים צוויי פּאָר הענט אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען און אַרויסגעשטויסן פֿון שטוב...

— ווו בין איך דאָ?... — האָט ער אויסגעשריגן און איז מיט אַ ווילדן טראָט אַריינגעלאָפֿן אין דריטן צימער. ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָטעל, ווישנדיק זיך דעם שווייס...

און ווי נאָר נאַטאַן לוריע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פּאָטעל, האָט אַ צוג גענומען רירן פֿונעם אָרט... דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פֿייף געטאָן, אַרויסלאָזנדיק שמאָלע פּאַסמעס פּאַרע, וואָס האָבן ווי צעפּלאָשעטע גריוועס פֿון ווילדע פֿערד, אַריינגעשפּאַרט אינעם פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטערל פֿונעם פֿלאָמבירטן בהמה־וואַגאָן. אַ היץ ווי אין אַ באַק־אויוון... פֿון דער ענגשאַפֿט, דאַכט זיך, וועלן די ווענט אַ ליאַדע מינוט פּלאַצן. אויפֿן שמוציקן באָדן זענען אָנגעוואַליעט מענער, ווייבער און קינדער. די הענט און פֿיס זענען דאָ אין דער ענגשאַפֿט געוואָרן איבעריק... מען וואַרפֿט זיי אַרום פֿון אָרט צו אָרט און מען קען פֿאַר זיי נישט געפֿינען קיין פּלאַץ... דער גאַנצער וואַגאָן קריגט זיך און שרייט, ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געווען ביים קלאָרן פֿאַרשטאַנד. אַ קינד פֿאַרקייכט זיך פֿאַר שרעק, שרייט די מוטער מיט באַנומענע קולות. אַ צווייט קינד, אַ נאָך נישט געבוירנס, האָט באַקומען אַ שטויס, ליגנדיק נאָך אין דער מוטערס בויך, קווטשעט די מוטער און בייסט זיך פֿאַר ווייטיק די פֿינגער... אַ קאָפּ פֿון אַ זקן האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן אויף וועמענס פּלייצע, שטויסט מען דעם קאָפּ פֿון אַקסל צו אַקסל, און קיינער באַמערקט נישט, אַז דער קאָפּ איז אַ טויטער... פֿונעם שכנותדיקן לוקסוס־וואַגאָן רייסט זיך אַריין אַ הילכיקער אָפּקלאַנג פֿון דייטשע לידער... עס שפּילט ווער אויף אַ מויל־האַרמאָשקע... עס דונערט ווער אויס אַ מעפּיסטאָ־געלעכטער... די רעדער טיק־טאַקעווען, האַמערן איבערן קאָפּ הילכיק און הילכיקער, ווי זיי וואָלטן

געוואַלט, אינעם שטאַלענעם זעגרילץ, פאַרטויבן די אומשולדיקע קולות, וואָס ווערן ערגעץ-ווו אַוועקגעפירט...

נאַטאַן לוריע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַריינגעשפּרייזט אין פערטן צימער. ער האָט געמאַט אַ טראָט אויף צוריק. דער צימער איז פול געוועזן מיט רויך... פון די וואָלקנס רויך, וואָס האָבן זיך דאָ שלאַנגיש געוויקלט, געקנוילט, האָבן אַרויסגעקוקט מענטשלעכע פּנימער...

ער איז צוריק געלאָפן אין דריטן צימער אַריין. אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ לייכטן גערויש. ער האָט גע-מאַכט אַ טראָט אַהין און צוריק און איז שטיין געבליבן אַ צעמיש-טער... עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעשוועבט אַ ווייס שלייפל באַנד, אַ פאַרבלאָנדזשעטעס, וואָס האָט זיך אַ ווײַלע געהאַלטן אין דער לופט, ווי אַ שמעטער-לינג, און באַלד געבליבן ליגן אויפן באָדן ווי צוויי שוואַרצע אָנ-געזענקטע פליגל...

„אפשר איז דאָס שלייפל פון מיין קינדס קעפל ?..." — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט אין דער לופט אַריין און איז אומ-געפאַלן, צוזאַמען מיט אַ שטול, וואָס האָט אַ טראַסקע געטאָן דער פּאָדלאָגע.

פילנדיק ווי דער שאַרבן זיינער האָט גענומען גליען, פונקט ווי די האָר אויף זיין קאָפּ וואָלטן געברענט, איז ער אַריין אין באָד-צימער און אַ לענגערע ווײַלע געלאָזט לויפן איבער זיין קאָפּ קאַלטע וואַסער-שטראָמען...

דערנאָך, מיינענדיק, אַז ער האָט זיך באַרואיקט, איז ער מיט אַ שווערן טראָט אַרומגעקראָכן אין דעם ליידיקן הויז. זיינע טריט האָבן דאָ אין דער אַנטשוויגנקייט אָפּגעהילכט, אַקוראַט ווי אונטן און אויבן, וואָלטן אַרומגעשפּאַנט נאָך צוויי פאַרוואָגלטע, אויסגע-וואָרצלטע מענטשן... אַ רגע האָט אים באַהערשט אַ צופרידנקייט, וואָס דאָס גאַנצע הויז קען איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן עס איבער-געלאָזט אויף הפקר, ווערן זיין אייגנטום. באַלד האָט אים עפּעס גענומען יאָגן, טרייבן פונדאַנען... דערשפּירנדיק אַ ריח פון פאַרלעגן פליייש, האָט ער עפּעס באַקומען אַ געפיל ווי ר׳וואָלט זיך געפו-נען אין אַ שעכט-הויז.

הינטן, אין גרויסן עס-זאַל, האָט געהערשט אַן אומאָרדענונג.

אויפֿן טיש — נישט-דערעסענע מאכלים און פֿאַרדאַרטע שטיקער פֿון אַ חויז-ברויט. אויף די בענק אַרום דעם לאַנגן טיש: אָנגע-וואָרפֿענע אַרבעט-בגדים, קאַלירטע קאָפּ-טיכלעך, איינגעמיסטיק-טע טרעפֿעס פֿון פֿאַראַבקעס. הינטער אַ קליין טישל — אַן אָפּע-נער עמער האָניק, אַרום וועלכן עס האָט געראַיעט, געזשומעט אַ מחנה קאַלירטע פֿליגן. די פֿענצטער-פֿאַרהאַנגען — אַראָפּגעריסן, אַ געבלימטער טעלער איז געלעגן אויפֿן באָדן אַ צעבראָזגעטער. אַ ווייס-ברוינע קאַץ איז דאָ אין דער פּוסטקייט אַרומגעקראָכן אַן עלנטע. אַ רגע האָט זי נאַטאַן לוריען ווי דערשראָקן אָנגעקוקט מיט אירע גרינע פֿאָספֿאָר-אויגן. און באַלד האָט זי גענומען מיאַו-קען, ווי געוויינט פֿאַר בענקשאַפֿט, צוטוליענדיק זיך צו זיינע פֿיס...

אַרויסקומענדיק אויפֿן גרויסן, פּירקאַנטיקן הויף, ערטערווייז באַוואַקסן מיט גראָז, איז נאַטאַן לוריע אַ ווײַלע שטיין געבליבן און זיך פֿרעמדלעך אַרומגעבליקט, ווי עפּעס וואָלט נאָך אויף אים געלויערט פֿון יעדן פֿאַרשאָטנטן ווינקל אַרויס... אים האָט זיך גע-דוכט, אַז אין די צוויי שורות דאָרפֿישע שטאַלן, לענג-אויס דעם הויף, פֿון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעהערט אַ שאַרפֿער ריח פֿון בהמה- און פֿערד-מיסט, ליגן פֿאַרשטעקט נעכטיקע פֿאַרברעכער, וואָס וועלן זיך באַלד אַרויסשאַרן און אונטערקאָסען זיינע באַפֿרייטע טריט...

ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט מיט וואָסערער הכנעה, אַראָפּגעזונקענע קעפּ, די נעכטיקע הערשער האָבן פֿאַרלאָזט דעם לאַגער אַ טאָג פֿאַר דער באַפֿרייאונג.

זיין בליק האָט זיך איינגעשניטן אין די צוויי אַקאַציע-ביי-מער, האַרט ביי די שאָפּעס, וואָס האָבן זיך גראָד צעפּאָכעט פֿון אַ לייכט-ווינטל. אויף אַ צווייג האָט ער געזען הענגען אַ וואָג-שאָל, וואָס האָט זיך נאָכאַנאַנד געהוידעט אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל איז דער הענקער געווען פֿון אויבן און דער קרבן פֿון אונטן; אַמאָל איז דער קרבן געבליבן פֿון אויבן און דער הענקער אונטן...

אינמיטן הויף — אַ פּלומפּ. אויפֿן געקאַרבטן שנאָבל הענגט אַן אַלטער, האַלב-צעקנייטשטער עמער, אין וועלכן עס ריזלט פֿון מינוט צו מינוט אַריין אַ קראָפּקעלע וואַסער מיט אַן אָפּהילך, ווי עס וואָלט דאָ ווער אַריינגעוואָרפֿן אַ האַרטע אַרבעס אין אַ בלע-כערנער כּלי רעכטס — אַ לייטער-וואָגן מיט פֿאַרטרוקנטע סנאָ-

פעם היי; לינקס — אַן אַלטמאָדיש בריטשקעלע מיט רויט-גע-פאַרבטע רעדער. צווישן די צוויי דישלעס — אַ כאָמעט פון אַ רייך געשפאַן.

איבערגעוועקט פון נאָטאָן לוריעס טריט איז פונעם כאָמעט אַרויסגעשפּרונגען אַ געלער האָן מיט אַ פייערדיק-רויטן קאַם, וואָס האָט צעשפּרייט זיינע פליגל, ווי צוויי קאָלירטע פעכערס, און זיך צעקרייעט, צעקוקאַרעקעט, ווי ער וואָלט דאָ, ווי תמיד, מיטן שפּראָץ אויף טאָג, געדאַרפט וועקן זיינע באַלעבאַטים.

אויפן האָנס געקריי האָט זיך אָפּגערופן אַ געהירזשע פון אַ פערד, וואָס האָט עפּעס אין דער רגע אויף אים מער געווירקט ווי אַ געשריי פון אַ מענטש...

ער איז אַריין אין טונקעלעם שטאַל, אויסגעבעט מיט שטרוי, דורך וועמענס שפּאַרונעס עס האָבן אַריינגעדרונגען שטראַלן, צע-וואָרפן ווי גאָלד-פעדים אויף אַ מיסט-קאַסטן. אַ ברוין גלאַנציק פערד מיט אַ ווייס פלעקעלע, אַ געשלענגלטעם צווישן די שליפיעס, האָט צו לוריען אויסגעדרייט דעם קאָפּ. און אָנקוקנדיק אים מיט איין אויג, ווי מיט אַ שטיק גרין-געשליפן גלאָז, האָט דאָס פערד גענומען העשען, שנאָרכן מיט די נאָזלעכער, טאָרען מיט דער מאָרדע אין דער ליידיקער קאָרעטע, גראָבן מיט אַ פוס דעם באָדן, גלייך ווי עס וואָלט לוריען שטומערהייט עפּעס געבעטן...

אַ מינוט איז לוריע געבליבן ווי געפּלעפט, אַריינקוקנדיק אי-נעם פערדישן אויג, ווי אין אַ גרינעם עקראַן, וואָס האָט אָפּגע-שפּיגלט אַ טייל חפצים פון שטאַל אין זיין קאָפּ, וואָס איז אַרויס-געקומען עפּעס אַזוי מאָדנע קליינטשיק, ממש אַ קינדער-קעפּעלע. ער האָט זיך האַסטיק צוריקגעצויגן.

„וואָס אַרט מיך זייערם אַ פערד, בעת זיי האָבן נישט געשאַ-נעוועט אונזערע פיטשענדיקע עופהלעך אין די קישנס? — — —"

דאָס פערד האָט אָבער וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער גענומען הירזשען און זוכן נאָטאָן לוריעס שאָטן. דאָס פערדישע בעטנדיקע קול, האָט ער דערפילט, מאַכט אויפציטערן די דינסטע סטרונע אין זיין פאַרוואונדעט האַרץ...

ער איז אַרויס אויפן הויף און זיך צוגעלאָזט צו דער פּלומפּ.

טראַגנדיק דעם עמער וואַסער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז קוים ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט ער געטראָגן אַן עמער וואַ-

סער פאַר דייטשע וואַכמייסטערס. איינער איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ סענקעוואַטן שטעקן און אין אים, איבערן גאַנצן וועג, אַריינגעהאַקט, ווי אין אַ ביינערדיקער שקאַפּע, ווייל ער האָט געוואַגט מיט זיין דורשטיקער צונג צו לעקן דעם פייכטן שטיין ביים קוואַל, וואָס די נאַטור זאָל האָבן נאָר באַשטימט פאַר די, וואָס פייניקן.

ער איז אַריין אין שטאַל מיטן עמער און אים צוגעשטעלט צום פערדס מאָרדע. דאָס פערד האָט געשליאָקעט מיט אַזאַ רוישיקן וואַסער-קלאַנג, אַקוראַט ווי קינדער-פיסלעך וואָלטן אין דעם עמער אַרומגעטאַנצט...

נאַטאַן לוריע האָט אויפגעציטערט... אין רונדיקן וואַסער-שפיגל האָט ער דערזען אַ ים מיט טויטע קינדער... אים האָט זיך געדאַכטן, ווי דער סענקעוואַטער שטעקן אין דייטשן וואַכמייסטערס האַנט פאַלט נאָך אַלץ איבער זיינע אויסגעפליישטע ביינער... און ערשט איצט, צעשיידט זיך אויף אַ ווײַלע מיטן טויט, דערפילט ער טי- פער דעם ווייטיק... און עס שרייט פון אים עפּעס אַרויס...

אינעווייניק אין אים האָט זיך אין דער רגע עפּעס אַ ריס געטאָן... ער האָט אַרויסגעהעשעט העכער ווי זיין קול... אין האַלדז האָט אים עפּעס אַ קלעם געטאָן... די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים גענומען ציטערן... און אַ טרער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין זיין אויג און נאָך אַ ווײַלע אַריינגעפאַלן אין עמער וואַסער...

און ווי נאָר די טרער איז אַריינגעפאַלן אין עמער וואַסער, האָט דאָס פערד אויפגעהערט טרינקען...

---

# אַ מאָדנע נקמה

נאָך דער באַפרייאונג, 1945.

פיר לאַגער-יידן, וואָס האָבן זיך שוין אַ קאַרגע וואָך אַרומגע-שלעפּט אויף שמוציקע לאַסט-וואַגאָנען, מיט אַ בענקשאַפט צוריק צו קומען קיין פראַנקרייך, האָבן זיך אין אַ זומער-אָוונט אָפּגע-שטעלט אויף אַ באַן-סטאַנציע פון אַ קליין דייטש שטעטל..

מיט אויסגעשמירטע פּנימער פון קוילן-שרוט זענען זיי אַרויס פון וואַגאָן. די העמדער האָבן ממש געקלעפּט אויף זייערע פאַר-שווייסטע לייבער. באַלאָדן מיט שווערע וואַליזקעס, פּלעצאַקעס און ברויטזעק עסנוואַרג, זענען זיי אומבאַהאָלפענע געבליבן שטיין אויפן פּעראָן

ביים דייטשן באַן-באַאַמטן, האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז דער צוג, וואָס איז זיי נויטיק צו זייער ווייטערדיקער נסיעה, גייט ערשט אָפּ אַרום פינף אַזייגער אין דער פרי.

בלית-ברירה האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין וואַרטע-זאַל.

אויף די בענק, אויף די טישן, אויף דער פּאָדלאָגע זענען גע-זעסן און געלעגן אויסגעצויגן הונדערטער דייטשע היימלאָזע. מענער-קולות, ווייבערישע קוויטשערייען, קינדערישע געוויינען האָבן פאַרטויבט די לופט. אַלטע ווייבער, יונגע פרויען, באָרוועסע מיידלעך, מינדעריעריקע קינדער, זענען גרופּעסווייז געלעגן אויף פעקלעך בעטגעוואַנט און געדרימלט.

אַנדערע גרופּעס האָבן געגעסן אָוונט-ברויט, סערווירט אויף דער פּאָדלאָגע. אַ היימיש ברויט, גרויס, ווי אַ רונדיקער קעז, איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַ פלעשל מיט עפּעס אַ געטראַנק, האָט ווי אַ שנאַבל זיך אַריינגעדזשאַביעט אין די דייטשע מיילער. פאַרביקע קאַפּ-טיכלעך האָבן געפלאַטערט אין דער לופט. העלע

און טונקעלע קאַפּעליושן מיט צעבויגענע ראַנדן, קאַסקעטן, גראַ-נאַטענע היטלעך מיט שוואַרצע זײַדענע בענדער, זענען געלעגן אָנגעהויפּט אינמיטן וואַרטע-זאַל.

אַ לאַנגער יעקע, מיט אַ גרינעם הוט אויף אַ האַלבן פּרצוף, איז געלעגן אויף דער ערד, מיטן קאָפּ אָנגעלענט אין דער וואַנט און פּאַרביטערט גענאַגט אַ פּייקע. זײַנע שטיוול האָבן דערמאָנט אָן אַ גוט-באַזיצער.

באַן-באַאַמטע אין אוניפאָרמען האָבן געשפּאַנט אַרײַן און אַרויס, געבייזערט זיך, פאַרוואָס די דײַטשע זויבערקייט ווערט באַשמוצט מיטן אָפּפאַל פון עסנוואַרג.

בעת די פיר לאַגער-יידן זענען אַרײַן אין וואַרטע-זאַל און דער-זען דאָס בילד, האָט זיי אַרומגענומען אַן עקל צו די דײַטשע ברו-אים, און זיי האָבן זיך אפילו אויף דער פּאָדלאָגע נישט געוואָלט אַוועקזעצן.

זיי האָבן זיך צוריק אַרויסגעשאַרט פון וואַרטע-זאַל און גע-בליבן שטיין אויף יענער זײַט וואָקזאַל, מיטן פנים צום שטעטל. זייערע בליקן האָבן זיך אַרײַנגעשניטן אין דער פרעמדקייט.

מיט געציילטע וואָכן צוריק, אין די לאַגער-בגדים, האָבן די פיר יידן געהאַט כמעט איין פנים, איין כאַראַקטער פון אַ געפּייניקטן, וואָס זוכט מיט אַלע מיטלען לעבן צו בלײַבן. אָבער באַלד נאָך דער באַפרייאונג, איז זיך יעדער נפש צוריקגעגאַנגען צו זײַן שורש.

אברהם בן סאַיד, דער אַלזשירער ייד, אַ פעסטער, ברוינהוי-טיקער מאַן פון אַ יאָר פופציק, וואָס האָט געהאַט אַ שטרענגן אויס-זען און איז געווען צאַרט ווי אַ קינד, האָט זיך שוין אויפן וועג אַהיים צוריק דערפילט ווי דער באַלעבאָס פון זײַן קאָפּע, אין פּאָרט פון „קליניאַנקור", וואָס ער האָט אין פּאַריז איבערגעלאָזט אויף הפקר.

דעם ערשטן טאָג, נאָך דער באַפרייאונג, ווען בן-סאַיד האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין אַ ריין-מעבלירטער דײַטשער וווינונג, איז ער פּאַרנאַכט געזעסן ביים פענצטער אויף אַן אויסלייג-שטול און גע-טראַכט פון זײַן היים. ביים אַרויפציען אויף זיך אַ ציווילן אָנצוג, נאָך דרײַ יאָרן טראָגן די לאַגער-מלבושים, מיטן גיהינום-ריח, האָט ער מיט אַ פריידיקן ציטער דערפילט, אַז ער קריכט צוריק אַרײַן אין זײַן אַמאָליקער הויט.

טראַכטנדיק פון זײַן היים, האָט ער זײַן ·פרוי, ראַשעל, אַזוי

בולט דערזען ביים שופלאַד פון זיין קאַפּע, אַז אירע שפּאַנישע, גאָלדענע רייפן אין אירע אויערן, האָבן זיך ממש געוויגט אין זיינע אויגן... זיין אָטעם איז געוואָרן אָנגעגליט. אים האָט שטאַרק גע-צויגן צו איר.

זיין זון, מאַרסעל, האָט ער דערזען ווי אַ שיין-אויסגעוואַקסע-נעם מאַן. ער דרייט זיך אַרום אין דער קאַפּע, מעשה באַלעבאָס.

— „אפשר מיינען זיי, אַז איך לעב נישט מער? ווי גרויס וועט זיין זייער איבערראַשונג, בעת איך וועל זיך פּלוצלונג באַווייזן אַן אומבאַשעדיקטער? אפשר האָט זי שוין אַ צווייטן? וואָס טראַכט איך, וואָס טראַכט איך? מיין זון וועט עס נישט דערלאָזן. און אפשר איז גאָר קיינער פון זיי נישט געבליבן לעבן און די קאַפּע איז שוין פאַרנומען פון אַ פרעמדן?" — אָבער זיין גוטע שטימונג האָט דעם געדאַנק נישט צוגעלאָזט צו זיך.

זיין פאַנטאַזיע איז אים צוהילף געקומען, בעת ער האָט זיך געוואָלט דערזען ביים טיש פון זיין עס-צימער.

ער דערציילט:

— ראַשעל, הער! איך בין ביי זיי געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער שמיד. זאָלסט נישט מיינען, ראַשעל, אַז איך בין לעבן-געבליבן אויף יענעמס חשבון! פאַרקערט, איך האָב נאָך געראַטעוועט אַנדערע. איך האָב מיר איינגעשטעלט מיין לעבן און געבראָטן קאַרטאָפל אין קוזשניע-פייער, כדי אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן פון מיינע לאַגער-ברידער.

דער געדאַנק, אַז ער פאָרט אַהיים, האָט בן-סאַידן אָנגעפילט מיט אַזוי פיל גליק, אַז אפילו די שוועריקייטן פון זיין נסיעה, דאָס כסדרדיקע טוישן די שלעפּצוגן, האָבן אים פאַרשאַפט גרויס תענוג.

שטייענדיק איצט ביים וואָקזאַל, פאַרלוירן צווישן טאָג און נאַכט אין אַ פרעמד דייטש שטעטל, האָט ער נאָך אַ ווײַלע אָנ-געבלאָזן זיינע באַקן, גוט-ברודעריש אַ פּאַטש געטאָן זיין שכן אי-בער דער פּלייצע:

— חברה, לאָמיר גיין אין שטעטל אויסצוזוכן אַ האָטעל. די האַרטע פּאַדלאָגע לאָז איך איבער פאַר זיי. איצט איז געקומען זייער ריי!

דער צווייטער לאַגער-ייִד איז געווען לעוו דאַווידאָוו, אַ פּאַרי-זער גאָלדשמיד, געבוירן אין רוסלאַנד. אַ נידעריק, שוואַך מענטשל, וואָס איז לעבן געבליבן אַ דאַנק די דראָבנע פינקלדיקע שטיינדלעך,

מיט וועלכע ער האָט געפּאַשעט די דייטשע מייסטערס אין פאַ-בריק.

ביים אַוועקגעבן דאָס לעצטע שטיינדל, האָט ער זיך דערפילט, ווי מען וואָלט פון אים אַרויסגעצאַפּט דעם לעצטן טראָפּן בלוט. זיין גלויבן צו קענען אויסהאַלטן האָט אין אים געגומען צאַנקען...

די דייטשע מייסטערס, וועלכע דאַווידאָוו האָט געהאַט צוגע-ווינט אָפּצונעמען אַ בריליאַנטל פאַר אַ פאַרשימלט, מיליטעריש ברויט, האָבן אים גענומען מערדערלעך שלאָגן, מיט דער כּוונה פון אים נאָך עפּעס אַרויסצוקריגן.

בעת דער באַפרייאונג איז דאַווידאָוון מער נישט איבערגעבליבן אין מויל, ווי די צוויי באַק-ציין און אַן אָנגעשוואָלן פּנים, אַז מען האָט אים ממש די אויגן נישט אַרויסגעזען.

להיפּך צו בן-סאַידס אָפּטימיסטישער נאַטור, איז ער געווען מער גענייגט צו פּעסימיזם און האָט עקשנותדיק געזען זיין געשעפט אויסגערויבט. זיין רייך-באַצירט שוי-פענצטער — פּוסט, מיט אויס-געהאַקטע שויבן. זיין פרוי, שאַרלאָט, האָט ער שוין צענדליקער מאָל געזען אין חלום ווי אַ סקעלעט...

אין לאַגער, ליגנדיק אויף די נאַקעטע קבֿרים-ברעטער, האָט ער טיילמאָל געזאָגט צו בן-סאַידן:

— אוי, האָב איך אונזערע שונאים צוגעגרייט אַ פאַר-מעגן! נאָר כ׳טרייסט מיך, וואָס כ׳האָב זיי נישט צוגעגרייט קיין קינדער אומצוברענגען. עס איז גענוג טראַגיש, אַז איך מוז אַזוי טראַכטן. וואָרום ביז צו דער דעפּאָרטאַציע, האָב איך און מיין פרוי גענוג געליטן דערפון, וואָס מיר האָבן נישט קיין קינדער. מיין פרוי האָט זיך נישט ווייניק געדאָקטערט.

נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך דערפילט טאָפּלט דער-שלאָגן און באַליידיקט פון גורל, פאַרוואָס ער האָט אין פאַריז נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער.

— אפשר וואָלט אַ קינד לעבן געבליבן און עס וואָלט געווען צו וועמען אַהיים צו פאָרן? — האָט דער געדאַנק אים כּסדר פאַר-פאָלגט...

הערנדיק, אַז בן-סאַיד וויל גיין אין שטאָט אַריין איבערנעכ-טיקן, האָט דאַווידאָוו פאַרביטערט געזאָגט:

— לאָמיר גיין! מיר ווייסן דען, צו וואָס מיר יאָגן זיך אַהיים?

אפשר איז גאָר בעסער, אַז אונזער רייזע זאָל זיך אַביסל פאַר־שלעפּן ?...

דער דריטער, שמעון גאָלדבערג, איז געווען אַ פּוילישער ייִד, וואָס האָט שוין צוויי צענדליק יאָר געווינט אין פּאַריז. אַ מיטל־יאָריקער מענטש מיט אַ רונדיקער פּלייצע פון זיצן איינגעבויגן אי־בער דער ניי־מאַשין פון פופצן יאָר אָן.

אין לאַגער האָט אים דאָס מזל גראָד צוגעשפּילט. ער איז גע־וואָרן שעף פון דער „שניידער־שטובע". ער האָט געמאַכט אין גע־היים דייטשע מונדירן פאַר די וועכטער פון גיהנום און געגעסן פאַרשטעקטערהייט אַרישע געקעכצן. ער האָט אַמאָל אַ גוטן באַ־קאַנטן צוגעוואָרפן אַ ראַציע ברויט אויך. בכלל אָבער איז ער גע־ווען שטרענג צו די געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך אין די זונטיק־פרימאָרגנס געשטויסן אין זיין „שניידער־שטובע" און געבעטן אַ לאַטקעלע זיך צו פאַרשטעלן די נאַקעטע קני אָדער אַ פאָדעם זיך איבערצוניייען דעם לאַגער־נומער.

די קולות פון געפאַנגענע, וואָס האָבן נאָכן אַפּעל באַקומען פינף־און־צוואַנציק שמיץ, פאַר נישט זיין אין „אָרדענונג" צוזאַמענ־געשטעלט, האָט שמעון תמיד אַריינגענומען אין זיך. די שמיץ האָבן אים געבריט די הויט. ער האָט זיך מיטאָג־שעה נישט געקענט פריער צורירן צו די דייטשע מאכלים, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין אַרבעט, ביז ער האָט נישט אויסגעזוכט אַ היתר אויף זיינע אָפּזאָגן.

— וואָס זאָל איך טאָן ? — האָט ער צו זיך גערעדט, שניידנדיק זיך פליטשלעך דייטשן וווּרשט. — אַז זיי דערלויבן נישט, איך זאָל געבן לאַטקעלעך און פאָדעם, כדי ס'זאָל זיין וועמען צו שלאָגן. ווער בין איך דען ? איך בין דאָך דער זעלבער קרבן. זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון מיין אָמט און ווערן אַזוי באַהאַנדלט ווי זיי ?

יעדעס מאָל נאָך אַזאַ חשבון־הנפש, האָט ער בחינם אַוועקגע־געבן דעם ייִדישן מיטאָג און טייל געפאַנגענע האָבן געלויבט זיין גוט הארץ.

נאָך דער באַפרייאונג, בעת פון די צוויי געעפנטע טויערן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט האַלבע קאַליקעס, מענער, פרויען און יונגע מיידלעך און זענען מיט געזאַנג געגאַנגען אין שטאָט אַריין, האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט די באַפרייטע אַ טרויעריקער. ער איז געווען אומרואיק. ער האָט געוואָלט און נישט געקאָנט מיטזינגען.

אַלע ווײַלע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס שפּרינגט ווער אַרויס פון דער מאַסע און נעמט אים פּאַטשן אַזוי גוט, ווי מען איז איבערן וועג באַפאַלן די „קאַפּאָס“ און מיט די לעצטע כּוחות זיי געשלאָגן.

— עס וועט באַלד קומען מײַן ריי, עס וועט באַלד קומען מײַן ריי !... — האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַן אויפגעציטערטער.

אויפן שאָסיי האָבן זיך כּסדר געראָלט פראַנצויזישע אָפענע אויטאָמאָבילן, באַצירט מיט פענדלעך. די יונגע חברה, וועלכע האָבן נאָך געהאַט כּוח אַ שפּרונג צו טאָן, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און מיטגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן. עלטערע יידן ווידער, וואָס האָבן נישט געקאָנט דערגיין אויף די פיס, האָבן קרעפטיקע יונגען גע־כאַפּט אויף די פּלייצעס און זיי געטראָגן ווי קינדער. עס האָט זיך ווער דערמאָנט אָן דעם שנײַדער און אויסגערופן :

— שמעון, דו קאָנסט אויך וועמען נעמען אויף די פּלייצעס. דו האָסט בעסער געגעסן פון אונז !

ער איז גלײַך צוגעשפּרונגען און האָט אַן עלטערן ייד אַ כאַפּ געטאָן אויף די פּלייצעס. טראָגנדיק דעם ייד, איז אים לײַכטער גע־וואָרן אויפן האַרצן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיט דעם טראָגן דעם יידן, קויפט ער זיך אויס פון זײַנע זינד. און ווען דער עולם האָט ווידער גענומען זינגען אַ ליד, האָט ער אויך מיטגע־זונגען מיט אַ שווערן אָטעם. און הערנדיק ווי דער ייד זינגט אויך מיט, רייטנדיק אויף זײַנע פּלייצעס, איז ער שטיל געבליבן און גע־גאַנגען איבערן שאָסיי אַ צופרידענער און אַ לאַכענדיקער.

אין שטאָט זענען די יידן אַרײַן אין די אָפענע דײַטשע הײַזער און גענומען זוכן מלבושים זיך איבערצוטאָן.

שמעון איז געבליבן שטיין אויף אַ הויף אין אַ גערטנדל, וואָס האָט אײַנגערעמט אַן עלעגאַנטע געבײַדע און זיך צוגעקוקט, ווי דאָס יונגוואַרג שלעפּט אַרויס פון דער וווינונג היטלערס פּאָרטרעט און מען פאַרברענט עס אויפן הויף. אַרום די פלאַמען האָבן באַ־פרײַטע ייִנגלעך און מיידלעך געטאַנצט; הגם זייערע פיס זענען נאָך געווען געבונדן פון שוואַכקייט.

ער איז פריער נישט אַרײַן אין דער וווינונג, ביז מ׳האָט אים גערופן. אַ יונגער יאָט האָט אים צוגעוואָרפן אַן אָנצוג.

— שמעון, דו האָסט מיר אַמאָל געגעבן אַ לאַטקעלע, נאַדיר אַן אָנצוג און טו זיך איבער !

ער האָט זיך אײַנקוואַרטירט מיט נאָך פיר יידן אין אַ גרויסער

וווינונג פון זיבן צימערן. שפּעטער זענען צוגעקומען צוויי פּרויען, אַ יונגערע און אַן עלטערע. די יונגערע האָט געררומט און די עלטערע האָט גענומען צוגרייטן דאָס ערשטע אָוונט-ברויט אין אַ מענטש-לעכער וווינונג, ביי אַ פּרייען טיש, באַשטעלט מיט בלומען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שאַסיי געררוישט מיט באַפרייטע יידן, וועלכע זענען פריידיק אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק. שמעון איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער און אַריינגעקוקט אין דער נאַכט אַריין. צווישן די פיר יידן, וואָס האָבן דאָ געוווינט מיט אים צוזאַמען, איז ער געווען דער קרעפּטיקסטער, און אים איז גע-קומען אויפן געדאַנק זיך צוצושאַרן צום מיידלס געלעגער, נאָר עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן. דאָס מיידל האָט אים מיט איר ענלעכ-קייט דערמאָנט אין זיין טאָכטער, בערטע. אַ געדאַנק האָט אַ גאַנצע נאַכט געפּיקט זיין מוח :

— „ווער ווייסט, צי זי לעבט...״

צומאָרגנס ביים ראַזירן זיך, האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַר-גינען, וואָס זיין פּנים זעט אויס זאַטער ווי די פּנימער פון די אַנדערע יידן.

די מתנות, וואָס ער האָט באַקומען פון די דייטשן פאַר זיין אַרבעט, האָט ער צעטיילט. הגם קיינער האָט אים נישט פאַרגע-וואָרפן, אַז ער איז נישט אינגאַנצן כשר, האָט ער זיך כסדר אַליין געגעסן און זיך געפילט נידעריקער פון די איבעריקע, וועלכע זע-נען לעבן געבליבן, אויסהאַלטנדיק דעם נסיון אויף אייגענעם חש-בון.

ווען די פרוי, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער וווינונג, איז אים געקומען פרעגן, וואָס זי זאָל צוגרייטן אויף מיטאָג, איז שמעון געבליבן שטיין אַ פאַרשטומטער. דאָס ווייבל האָט אים מיט איר קול דערמאָנט זיין פרוי.

נאָך עטלעכע טעג אָפּרו האָט שמעונען די דייטשע ערד גע-נומען בריען. ער האָט וואָס גיכער געוואָלט אַהיימפאָרן. ער טאַקע האָט אונטערגעיאָגט בן-סאַידן און דאַווידאָוון זיך צוצוגרייטן אין וועג אַריין.

איצט ביים וואָקזאַל, הערנדיק דאַווידאָווס רייד, אַז בעסער איז, אַז די רייזע זאָל זיך פאַרשלעפּן, איז ער געוואָרן אויפגערעגט :

— איך לייג פאָר, אַז מען זאָל גיין צופוס. טויזנטער מענטשן, וואָס ווילן וואָס-גיכער אַהיים קומען גייען צופוס.

— ער האָט נאָך די כוחות פון די דייטשע זופּן! — האָבן דאַ־ווידאָווס אויגן זיך אַרויסגעריסן פון די אונטערגעשוואָלענע פליי־שיקע קישעלעך.

— טשעפּע אים נישט מיט די דייטשע זופּן! — האָט בן־סאַיד זיך געבייזערט אויף דאַווידאָוון. — ער האָט פאַר מיר געגנבעט אַ פּאָר שיך ווינטער־צייט און מיר דערמיט געראַטעוועט ס׳לעבן.

דער פערטער לאַגער־ייד איז געווען, זשאַק שטאַרקמאַן. גע־בוירן אין פּוילן, דערצויגן אין פראַנקרייך. אַ פעסט־געבויטער, רויט־פּנימדיקער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. אין פּאַריז האָט ער איבערגעלאָזט אַ קראַנקע מאַמע און אַ געזונטע כלה. זיי האָבן אים אַהיים געצויגן.

ער האָט אַדורכגעמאַכט די שווערסטע פיזישע אַרבעטן און נישט זיין גוף און נישט זיין גייסט האָט זיך איינגעבראָכן.

זשאַק איז איצט געווען עלעגאַנט אָנגעטאָן. אפילו אַ שטרויע־נעם הוט האָט ער זיך איינגעשאַפט. דער רעוואָלווער אין טאַש, וואָס איז אים פאַרבליבן פון די רוסן, זייענדיק פיר וואָכן אַ יידי־שער פּאַליציאַנט, האָט אים צוגעגעבן מוט און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן אין שטאָט געפינען אַ צימער. אויב נישט מיטן גוטן, וועל איך נעמען מיט געוואַלט. אויף מיר מעגט איר זיך פאַרלאָזן.

פון וואָקזאַל איז אַרויסגעקומען אַ דייטשער באַאַמטער. ער האָט באַטראַכט די פיר יידן.

זשאַק האָט זיך צו אים דרייסט דערנענטערט:

— מיר פאָדערן אַ צימער. מיר קומען פון אַ לאַגער.

— מיינע הערן, איך קאָן אייך לאָזן איבערנעכטיקן אין אַ באַ־ראַק, וואָס אַ גרופּע היימלאָזע האָט פאַרלאָזט, — האָט דער באַ־אַמטער אָנגעוויזן אויף אַ הילצערןביידל.

— אַ באַראַק? — האָט זיך זשאַקס קאָפּ אַרויסגעהויבן פון האַלדז. — דאָס לאָזן מיר איצט פאַר אייך. מיר האָבן דריי יאָר געפוילט אין באַראַקן. מיר פאָדערן אַ שיין־מעבלירטן צימער.

— מיינע הערן, מיין וווינונג איז רעקווירירט געוואָרן, — האָט דער באַאַמטער אויסגעשפּרייט די הענט.

— חברה, מיר גייען אין שטאָט אַריין! — האָט זשאַק קאָמאַנ־

דעוועט. און נעמענדיק אויף זיך דעם באַגאַזש, האָבן די פיר יידן אַוועקגעשפּאַנט.

שטילע, שמאָלע געסלעך. אויף די טראָטואַרן — ווייס זאַמד, ווי אויף אַ פּליאַזשע. רויטע, ווייסע און גרינע הייזקעלעך מיט אַן אייגנאַרטיקן דייטשן סטיל. פאַר יעדן הייזקעלע — אַ גערטנדל. אין די שפּאַרונעס פון די ווייס-גרינע פּלויטלעך, שטעקן פאַרשידנ-קאָליריקע בלומען אַריין זייערע צעעפנטע בעכערלעך. אויף די טורעמלעך פון אַ גאָטיש קלויסטערל, אַן אָפּשטאַם פון אַ ווייטן יאָרהונדערט, שוועבן אַרום טויבן. זיי וואָרקען אין דער פאַרנאַכ-טיקער לופט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געפילט, אַז אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אויף דער וועלט. אין די ביר-שענקען ראַיען זיך מער פליגן ווי קליענטן. אַ רויטער יעקע מיט אַ גערינג-בויך שטייט אויף אַ שוועל, אין אַ ווייסער שירץ. פויערן און פויערטעס אויף ראָווערן פאָרן פאַרביי און באַגריסן העפלעך די פיר פרעמדע.

— ווו געפינט זיך אַ גאַסט-הויז ?

— גראַדע אויס, נאָכהער לינקס, מיינע הערן !

די יידן שפּאַנען ווייטער.

אַ מיליטערישער לאַסט-אויטאָמאָביל פאָרט מיט גערויש פאַר-ביי. הינט בילן אין די הויפן, הערנדיק פרעמדע קולות.

אויף אַ שיינער צוויי-שטאָקיקער געביידע, מיט אַן אויפשריפט: „שטאָט-ראַט״, פלאַטערט אַ פראַנצויזישע פאָן. אויף די מאַרמאָרנע שטיגן זיצט אַ גרופּע סאָלדאַטן. איינער מיט אַ געקרייזלטער טשו-פּרינע, אָפּגעלייגט אויפן שטערן, שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע און די איבעריקע באַגלייטן אים מיט שטימען, וואָס דערמאָנען אין קלאַנג פון מעטאַל.

די פיר יידן, דערפרייטע, שטעלן אַוועק די וואַליזקעס און דאַ-ווידאָוו דערנענטערט זיך צו די פראַנצויזישע סאָלדאַטן.

די האַרמאָשקע קורטשעט זיך איין און הויכט אויס דעם לעצטן טאָן. דאָס געזאַנג ווערט איבערגעריסן.

פאַר איבעררעשונג קאָן דאַווידאָוו נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

— איר קומט פון אַ קאַצעט ?

— יאָ.

— מען דערקענט עס. וואָס זוכט איר ?

— אַ האָטעל איבערצונעכטיקן !

— גייט דאָרט אַריבער אין יענעם געסל לינקס ! האָרט ביים שאָסיי געפינט זיך אַ גאַסטהויז. מיר האָבן דעם האָטעל מיט עט־לעכע טעג צוריק פאַרלאָזט. וווהין פאָרט איר ?

— קיין פּאַריז.

— אָ, פּאַריז ! אונזער הערלעך פּאַריז ! — האָבן די סאָלדאַטן זיך דערפרייט.

בעת די יידן זענען אַוועק, האָט די האַרמאָשקע ווידער אָנגע־הויבן אַ מעלאָדיע. די קלינגענדיקע שטימען, ווי מעטאַלענע גלאָקן, האָבן אַריינגעהילכט אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט. אייניקע סאָלדאַטן האָבן צוגעפייפט, אַנדערע האָבן צוגעפּויקט מיט די קלעצלעך. דער טאַקט האָט אָפּגעהילכט.

— איך בענק שטאַרק נאָך פּאַריז, — האָט בן־סאַיד געזאָגט, — איך וואָלט שוין געוואָלט זען דעם שפּיץ פון אייפל־טורעם.

— נאָט אייך דאָס גאַסט־הויז ! — האָט זשאַק אויסגערופן.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם באַגאַזש פון זיך און אָנגעקלונגען.

אַ הונט האָט זיך צעבילט. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

בן־סאַיד האָט מיט כעס גענומען קלינגען, צושרייענדיק אויף פראַנצויזיש :

— „האָם דע שיען, האָם דע שיען !" (מענטשן־הינט, מענטשן־הינט !).

ענדלעך האָבן זיך דערהערט טריט אויף שטיינערנע פּאָסאַצ־קעס. עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגע דייטשקע, אין אַ ווייס שירצל. אירע בלויע אויגן האָבן באַטראַכט מיט שרעק די פיר אומבאַקאַנטע געסט.

— מיר זוכן אַ צימער איבערצונעכטיקן. מיר ווען באַצאָלן !

— האָט דאַווידאָוו געזאָגט.

— איך באַדויער, מיינע הערן, — האָט די פרוי געענטפערט, — אונזער גאַסט־הויז איז באַזעצט מיט מיליטער.

— נישט אמת, — האָט זיך זשאַק אַ טרייסל געטאָן. — מיר האָבן נאָר־וואָס גערעדט מיט פראַנצויזישע סאָלדאַטן. זיי האָבן אייער גאַסט־הויז פאַרלאָזט.

— מיר האָבן אָבער אַ באַפעל נישט אויפצונעמען קיין ציווילע מענער, — האָט די דייטשקע מיט האַסטיקע טריט אַוועקגעשפּאַנט און פאַרשלאָסן די טיר צום אַריינגאַנג.

— וואָס טוט מען איצט ? — האָט בן־סאַיד געפרעגט. — איך

וועל אַריבער דעם פּלויט און אַריין דורך אַ פענצטער. די פענצטער שטייען אָפן.

— נישט נויטיק, — האָט זשאַק געהויבן מיט די אַקסלען. — איך זע דאָ אַ סטעזשקעלע, וואָס מוז פירן צום האָטעל דורך אַ הינטער-טיר. קומט, חברה! איך וועל איר שוין דערציילן אַ מעשה, וועט איר פינצטער ווערן אין די אויגן.

זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ פינצטערן קינאָ-זאַל. אויפגע-שטאַפּלטע שטולן ביי די ווענט. אין אַ ווינקל — אַ פאַרשטויבטע פּיאַנאָ. אויפן באָדן — האַלב-צעריסענע אַפישן, אויף וועלכע „פילם-סטאַרן" האָבן זיך געקושט. דורך די אויפגעפּראַלטע טירן, האָט זיך אַריינגעריסן אַ שמאָלע פּאַסמע אָוונט-ליכט, וואָס האָט קוים באַ-לויכטן דעם איינגאַנג. די יידן האָבן זיך אַרומגעקוקט.

— פאַרן ערגסטן פאַל, וועט מען דאָ אויך קענען איבערנעכ-טיקן, — האָט שמעון געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ביי מיר נישט. איך שלעפּ זיי אַרויס פון די בעטן, — האָט זיך זשאַק ענערגיש באַוועגט.

פּלוצלינג האָט זיך געעפנט אַ זייטן-טיר און עס איז אַרויסגע-קומען אַ הויכער יעקע מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. זיין רעכט אויג איז געווען אונטערגעהאַקט און אַ בלויע פּרענגע, ווי אַ קליינע פּאַד-קאָווע האָט זיך געצייכנט אַרום זיין אויג. זיין פּרצוף, צעאַקערט מיט טיפע שטריכן, האָט אויסגעזען ווי געשניצט פון טונקל-האָלץ. זיינע גרינע אויגן אַדורכגעפלאָכטן מיט בלוט-פעדים, האָבן אָנגע-וואָרפן אַן אימה. ער האָט אין דער האַלב-טונקלקייט באַטראַכט די פיר יידן. זיין בליק האָט אַרומגעשוועבט אויף די קלאַפּעס. אויף יעדער קלאַפּע האָט ער באַמערקט אַ פראַנצויזיש פענדל. ער האָט אַרויסגענומען אַ ליולקע פון פּיסק, אויסגעהוסט זיך מיט אַ הוילן הוסט און געפרעגט:

— פראַנצויזן?

— פראַנצויזן.

— קריגס-געפאַנגענע?

— מיר זענען די ריכטיקע קריגס-געפאַנגענע.

— דער-דאָ מיטן געשוואָלענעם פּנים, קומט מיר אָבער נישט פאָר ווי קיין קריגס-געפאַנגענער. מיר האָבן דאָ קריגס-געפאַנגענע געגעבן בעסער צו פרעסן ווי אונזערע סאָלדאַטן.

— זענט איר דער אייגנטימער פון האָטעל ? — האָט זשאַק דרייסט אַ פרעג געטאָן.

— כאַ-כאַ ! אַן אייגנטימער פון אַ האָטעל ! איך האָב שוין איצט אַ דרעק צו באַפעלן. איך בין געווען אַן אויבער-שאַכט-מייס-טער. געאַרבעט מיט קריגס-געפאַנגענע און... טפו ! וואָס געווען איז איצט שייסע !

— קענען מיר דאָ באַקומען אַ צימער ?

— וואָס פרעגט איר ביי מיר ? איך בין דאָך איצט... טפו ! — האָט ער אויסגעשפיגן און אַוועקגעשפּאַנט, קוקנדיק מיט אומצו-טרוי אויף די פיר אומבאַקאַנטע.

זשאַק האָט אויפגעריסן די טיר, פון וועלכע דער דייטש איז אַרויס און איז מיט האַסטיקע טריט אַריין אין די האָטעל-קאָרידאָרן. די איבעריקע דריי יידן — נאָך אים.

צוזאַמען מיט דער יונגער דייטשקע, איז איצט אַרויסגעקומען אַן אַלטיטשקע מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר.

— דאָס זענען די הערן, מוטער, וואָס האָבן פריער געקלונגען און געבעטן אַ צימער, — האָט די יונגע דייטשקע געזאָגט און פאַר מורא געשמייכלט צו די מענער.

— מיר וועלן זיי לאָזן איבערנעכטיקן, — האָט די אַלטיטשקע געציטערט. — זיי זעען אויס אָנשטענדיק. נאָר דו גיי אַריין, הילדאַ ! — האָט די אַלטינקע אַוועקגעשטופּט די טאָכטער.

— האָט נישט קיין מורא. מיר וועלן אייער טאָכטער נישט אָנ-רירן, — האָט שמעון זיך פאַרקרומט.

— יאָ, איך האָב צוטרוי, איך האָב צוטרוי ! הילדאַ, פיר די מענטשן אַרויף !

די טאָכטער האָט די יידן אַרויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק. די אַלטיטשקע איז זיי נאָכגעקראָכן.

אַ צענדליק טירן זענען געווען אויפגעפּראַלט. אין די ליידיקע צימערן האָט געהערשט אַן אומאָרדענונג. אויפן באָדן — שמוציקע ליילעכער, קאָלדרעס און פאַרביקע קישעלעך. אויף די נאַכט-טיש-לעך אָנגעהויבענע, מיליטערישע ברייטלעך, אַ וואַנט-זייגער האָט זיך הינטן, ערגעצווו אין אַ צימער, צעקלונגען מיט אַזאַ מאָדנע אַלט-מאָדישן קלאַנג, ווי פון אַ ווייטן יאָרהונדערט.

— פאַרוואָס האָט איר אונז נישט אַריינגעלאָזט, ווען דאָ זע-נען פאַראַן אַזוי פיל פרייע צימערן ? — האָט זשאַק שטרענג אויס-

געשריגן, און די איבעריקע דריי יידן האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

— מיינע הערן, נעמט דאָס נישט פאַר אומגוט, — האָט זיך די אַלטינקע געבעטן, — עס איז נאָך אַ מלחמה. מען ווייסט היינט נישט מיט וועמען מען רעדט. מען האָט דאָ אין שטעטל עטלעכע מענטשן אַוועקגעשאָסן. מען זאָגט, אַז דאָס האָבן זיך יידן נוקם גע־ווען אין זיי. קיין וווּנדער נישט. די יידן האָבן פיל געליטן. די באַנצן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע האָבן אונזערע לייט פאַרסמט.

— און ווער איז דער מאַן, וואָס מיר האָבן דאָ געזען אַרויסגיין ?

— האָט זשאַק שאַרף געקוקט אויף דער אַלטינקער.

— ער איז מיינער אַ... שוואָגער. אַ... אַ... קריגס־גע...

— געליטענער, — האָט די טאָכטער פאַרענדיקט.

ער באַרימט זיך דאָך אָבער, אַז ער איז געווען אַן אויבער־שאַכט־מייסטער. מיר ווייסן, וואָס דאָס איז. מיר האָבן געאַרבעט מיט אוי־בער־שאַכט־מייסטערס. זיי האָבן געשלאָגן מיט ברעטער, ביז מען איז אַוועקגעפאַלן און מער נישט אויפגעשטאַנען. אפשר האָבן זיך יידן אויך אין אים נוקם געווען ? ער האָט דאָך אַ געשפּאַלטענעם שאַרבן, — האָט זשאַק געוואָרפן אַ בליק דאָ אויף דער טאָכטער, דאָ אויף דער אַלטינקער.

— וואָס פלוידערט ער, אַ שאַכט־מייסטער ? ער מוז זיין שיכור, — האָט די אַלטינקע פאַרבראָכן די הענט.

— ער האָט צוויי זין פאַרלוירן ביי סטאַלינגראַד, גייט ער אַרום אַ פאַרביטערטער און שיכורט.

— אַ ביטער שלח־מנות, נעבעך ! — האָט שמעון אויסגערופן.

— וואָס זאָגט דער מאַן ?

— ער האָט מיטלייד...

— אָך זוי ! הילדאַ, לאָמיר די מענטשן איינאָרדענען די געלע־גערס. דו זעסט דאָך, אַז זיי זענען מיד. איר קאָנט דערווייל אַראָפּ־גיין אין וואַש־רוים. אָ, ווי שמוציק די לייט ווערן היינט אויף אונ־זערע צוגן !

— וואָס זאָלן מיר אייך צוגרייטן אויף אָוונט־ברויט ? — האָט די טאָכטער פריינטלעך געשמייכלט און אַראָפּגעפירט די יידן אין וואַש־רוים.

— פּוטער, אייער און קאַפע. דאָס איבעריקע האָבן מיר אייגנס.

— זייער שיין ! — האָט די יונגע דייטשקע אויסגעזונגען. אָנ־געוויזן די יידן דעם וואַש־רוים און אַריין אין קיך.

אין עס-זאַל האָבן די יידן זיך ברייטלעך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש, באַשטעלט מיט בלומען און זיך גענומען צו דער אכילה.

— אייגנטלעך זענען מיר אידיאָטן, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט קאַפע. זיי זענען קראַנק געווען אונז צו געבן מילך, — האָט שמעון אויסגעפּאַקט זיין קרעמל עסנוואַרג.

— איך לויף אַריין אין קיך נאָך מילך, — האָט זיך זשאַק אויפגעכאַפּט.

— איך האָב נישט ליב קיין מילך, — האָט בן-סאַיד לעבהאַפט געקלאַפּט אין טיש אַריין, — זאָל זי דערלאַנגען ווייסע קאַפע.

— ווייסע קאַפע, — האָט דאַווידאָוו באַשטעטיקט.

די יונגע דייטשקע האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ טאַץ שפּייזן, אַוועקגעשטעלט עס מיט אַ שמייכל.

— ווען איר ווילט נאָך עפּעס האָבן, זייט אַזוי העפלעך און קלינגט ביי דעם גלעקל, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ קנעפּל ביים איינגאַנג.

— מיר בעטן אַ ביסל מילך צו דער קאַפע.

— זאָפאָרט, מיינע הערן.

— חברה, איר וועט זען איך וועל דאָ אָפּאַרבעטן אַ שטיקל. איך וועל מיר הייסן מאַכן אַ רעכענונג און איר זאָגן, אַז היטלער וועט באַצאָלן, — האָט זשאַק געזאָגט קייענדיק.

די יידן האָבן זיך צעלאַכט.

דאָס געלעכטער האָט איבערגעשניטן דער יעקע מיטן באַנדאַזשירטן קאָפּ. ער האָט זיך אַריינגעשלייכט און זיך אַוועקגעזעצט רייטנדיק אויף אַ באַנק. זיינע אויגן האָבן אַהערגעשפּיזט צו די יידן. ער האָט נערוועז גענאָגט זיין ליולקע, אַרויסגעאָטעמט וואָלקנדלעך רויך, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון די גוט-געשטימטע יידן.

די יידן האָבן קיין אַכט נישט געלייגט אויף זיין אַריינקומען. זיי האָבן יעדע שפּייז באַשמאָלצן מיט וויצן און מער געלאַכט ווי געגעסן.

דער דייטש האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו די יידן און אַרויסלאָזנדיק אויף זייערע פּנימער אַ וואָלקנדל רויך האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבן דעם קריג נישט פאַרשפּילט!

— נישט ענטפערן! — האָט שמעון געזאָגט אויף פראַנצויזיש.

— איך ווייס ווער איר זענט, — האָט ער ווידער גערעדט, ציענדיק בייז זיין ליולקע, — נאָר די שטאָט איז באַזעצט...

— אַרויס, שווייַן! — האָט זיך זשאַק אויפגעכאַפּט, — מיר זענען יידן, יידן! האָסט פאַרשטאַנען? — האָט ער אים מיט אַ פינגער געשטאָכן אין פּרצוף אַריין.

דער יעקע האָט זיך הינטערווייַלעכטס גערוקט צו דער טיר.

— איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט! — האָט דער יעקע איינגעקאָרטשעט דעם קאָפּ אין די פּלייצעס.

— ביי מיר פּאַלסטו דאָ באַלד אַוועק ווי אַ געפּגרט פערד, — האָט זיך בן-סאַיד אַ ריס געטאָן פונעם טיש און אויפגעהויבן אַ פויסט.

פון בן-סאַידס אויסגעשריי איז די טאָכטער אַ פאַרסאַפּעטע אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן און נעמענדיק דעם דייטש אונטערן אָרעם, האָט זי זיך געבעטן.

— קום, פריץ! שטער נישט די מענטשן. לאָז זיי צורו!

— דו ביסט זיי דאַנקבאַר, וואָס זיי האָבן דערשאָסן דיין מאַן אין וואַרשעווער געטאָ?

— רעד דאָך קיין דומהייטן! — האָט זי אים קוים אַרויסגעשלעפּט.

— נאַדיר יעקיש בלוט, — האָט זיך זשאַק געקאָכט צוריקזעצנדיק צום טיש, — אפילו איצט קאָן ער זיך נישט באַהערשן.

— יידן, אים צו להכעיס לאָמיר זינגען אַ יידיש ליד! — האָט שמעון אויסגערופן און זיך גלייך צעזונגען, צוקלינגנדיק מיט אַ לעפעלע אין טיש אַריין. די איבעריקע האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

★

נאָכן אָונט-ברויט האָבן זיך די יידן אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן שטעטל. זיי זענען געווען גוט געשטימט. דער געדאַנק, אַז זיי האָבן וווּ איבערצונעכטיקן האָט זיי באַרואיקט און היימישער געמאַכט די פרעמדע געגנט.

גייענדיק אַזוי אָן אַ ציל, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ געביידע און באַמערקט, אַז דאָס איז די קאָמענדאַנטור. נייגעריקע זענען זיי צוגעגאַנגען און אַלץ באַטראַכט. אויף אַ וואַנט איז דאָ

געווען אויסגעהאנגען אַן אילוסטרירטע צייטונג. קוקנדיק אויף דער צייטונג, האָט זיך עפּעס אינעווייניק אין זיי אַ טרייסל געטאָן... אויף די אילוסטראַציעס האָבן זיי באַמערקט קוימענס, פון וועלכע פּאַס־מעס רויך, ווי טונקעלע שלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויקלט און זיך אַריינגעשניטן אין אַ צוויט בילד, וואו לאַנגע רייעס סקעלעטן זע־נען געלעגן אויסגעסדרט... נאַקעטע גופים פון מענער, פרויען און יונגע קינדער — הויט און ביין. קעפּ און קעפּלעך ווי נאַקעטע שאַרבנס, מיט הוילע לעכער, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אויגן און געזען דאָס ליכט פון דער וועלט...

אַ שוידער איז זיי אַדורך איבער די ביינער... זיי האָבן זיך שטו־מערהייט אָנגעקוקט... דערנאָך נאָכאַמאָל באַטראַכט די בילדער מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם... אין זייערע אויערן האָט אָפּגעהילכט דאָס קנאַקן פון אַ גהינום־פייער, וועמענס פלאַמען דערגרייכן צו זייערע הערצער.

בעת דאַווידאָוו איז געקומען צו זיך, האָט ער איבערגעלייענט די פראַנצויזישע אונטערשריפט: „אין די דייטשע פאַבריקן פון טויט האָט מען אומגעבראַכט מיליאָנען אומשולדיקע לעבנס. דער גרעס־טער טייל יידן. די צאָל פון די קרבנות איז נאָך נישט באַוווסט".

די יידן זענען אַוועק שטילע, ערנסטע און פאַרטראַכטע... דער אויפבראַז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן, האָט זיך צו־נויפגעגאָסן און געבילדעט פון זייערע פאַרשידנאַרטיקע פּנימער איין געשטאַלט.

— ווער ווייסט, צי מיר האָבן נאָך וועמען אויף דער וועלט? — האָט זיך בן־סאַיד אָפּגעשטעלט אין גאַנג.

— אין מיר האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון נקמה, קוקנדיק אויף די בילדער, — האָט זשאַק געזאָגט מער אויפגעברויזט ווי פאַר־בּיטערט.

— ביסט דאָך געווען אַ פּאָליציאַנט, פאַרוואָס האָסטו נישט גע־נומען קיין נקמה? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט, הויבנדיק מיט די אַקסלען.

— איך האָב נישט גענומען קיין נקמה? מיט ווייניק „קאַפּאָס" האָב איך זיך אָפּגערעכנט? איך וואָלט נאָך גרויזאַמער געווען מיט די דייטשן, ווען איך וואָלט וועמען געכאַפּט פון די פאַרברעכער.

זיי זענען אַרויסגעקומען אויף אַ שאָסיי. די טאָפּאָלן האָבן שטיל גערוישט. די לופט אַרום איז געווען בלוי און פייערדיק רויט.

אויפן בלויען האָריזאָנט האָבן זיך אומענדלעך-לאַנגע בלוטיקע שטרייפן געצויגן און אָנגענומען פאָרמען פון פורפור-רויטע וואַלפיש. אַ גלעטנדיק זומער-ווינטל האָט דעם אַרומיקן פייזאַזש קוים באַוויגן.

— מיט וואָס, פרעג איך, פאָרן מיר אַהיים? — האָט זשאַק אויסגערופן, — האָבן מיר אַ רעכט צו פאַרלאָזן די דייטשע ערד, איידער מיר נעמען ביי זיי נקמה?

— האָסט דאָך אַ רעוואָלווער, שים! — האָט שמעון געזאָגט און געציטערט.

— איך דאַרף נישט קיין רעוואָלווער. איך קאָן נאָך מיט מיינע הענט אויך עפּעס אויפטאָן, — האָט זשאַק געוויזן זיינע הענט.

— מיר זענען נישט קיין מערדער-פאָלק, — האָט דאַווידאָוו אַריינגערעדט אין זיך.

— נאָר אַן אידיאָט קען אַזאַ נקמה-אַקט אָנרופן מאָרד, — האָט בן-סאָיד געזאָגט.

— יידן, לאָמיר אויפהערן רעדן פון מאָרדן! — האָט זיך שמעונס שטימע געבעטן.

דאָ האָט זיך זשאַק אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיין שטימע האָט שאַרף געשניטן די לופט:

— חברה, איך מאַך קאַלט דעם דייטש מיטן באַנדאַזשירטן קאָפּ. מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס, וואָס אַנדערע געליטענע יידן האָבן אָנגעהויבן.

— בראַוואָ, זשאַק! — האָט אים בן-סאָיד געקלאַפּט אויף דער פּלייצע.

— אוי, הלוואי וואָלט איך געהאַט דיין כוח, זשאַק, — האָט דאַווידאָוו פאַרביסן די ליפּן.

פאַר שרעק האָט זיך שמעון אַוועקגעזעצט אויפן גראָז.

— מען וועט הערן אַ שאָס, וועט מען גלייך פאַלן אויף אונזערע שפּורן, — האָט זיין שטימע געציטערט. די יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרום שמעונען.

— איך וועל דעם יעקע שטום מאַכן אָן אַ רעוואָלווער, — האָט זשאַק נערוועז אַ טרייסל געטאָן שמעונס קאָפּ.

— הער נישט וואָס ער רעדט! — האָבן בן-סאָידס אויגן געבליצט ווי אַן אָנגעשאַרפטער שטאָל.

— איך וואָלט אים אַריינגערוקט אַ מעסער און זאָל ער זיך

באָדן אין בלוט, ווי מיר האָבן זיך געבאָדן, — האָט דאַווידאָוו פֿאַר-ביטערט געזאָגט.

— לאָמיר מאַכן אַ פּלאַן, עס ווערט שפּעט, — האָט בן-סאַיד געזאָגט און זיך אָוועקגעזעצט.

זשאַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז און אויך מיטגעצויגן דאַווידאָוון. ער האָט איבערגעוואַרט דעם פֿאַרביי-פֿאָרנדיקן ראָוער און געזאָגט:

— דאָס געשעעט אַרום דריי-פֿערטל פֿינף, איידער מיר לאָזן זיך אַרויס צום צוג. אַלע זאַכן מוזן זיין אַרויסגעטראָגן אין קאָרי-דאָר אַרום האַלב פֿינף. איך מאַך פֿאַרטיק דאָס שטיקל אַרבעט און מיר ציען זיך. היינט פֿאָרן שלאָפֿן גיין מוזן מיר זיך דערוויסן אין וועלכן צימער דער אויסוואורף כאַליעט. מיר מאַרשירן צוריק!

— האָט זיך זשאַק האַסטיק אויפֿגעכאַפּט.

שמעון האָט זיך אַ שווייגנדיקער נאָכגעשלעפּט די איבעריקע דריי יידן. זיין האַרץ האָט שרעקלעך געהאַמערט...

ביים איינגאַנג צום גאַסט-הויז, איז די יונגע דייטשקע זיי אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל.

— אפשר קאָנט איר אונז באַזאָרגן אַ ליכט? — האָט זשאַק גע-פֿרעגט, קוקנדיק אין דער זייט, — מיר דאַרפֿן זיך אויפֿכאַפּן אַרום האַלב פֿינף. אין דער פֿינצטער קאָן מען אָנמאַכן צופֿיל גערויש.

— איר זענט ווירקלעך אָנשטענדיק, — האָט זיך די דייטשקע פֿאַרנויגט, — איך וועל אייך גלייכצייטיק באַזאָרגן אַ רעכענונג.

— באַצאָלן? — האָט בן-סאַיד געפֿרעגט.

— יאָ, באַצאָלן! איך האָב נישט קיין געדולד זיך צו אַמפּערן איבער אַ פּאָר נאַרישע מאַרק, — האָט זשאַק זיך געדרייט אַהין און צוריק, אויסקנאַקנדיק זיך די פֿינגער.

— זי גייט.

— ביטע שיין! — האָט זי דערלאַנגט אַ ליכט און אַ רעכענונג.

— דאַנקע-שיין! — האָט זי אויסגעזונגען נאָכן אָפּנעמען דאָס געלט.

דערנאָך האָט די דייטשקע די יידן אַריינגעפֿירט אין זייערע צי-מערן.

די יידן, צעטומלטע, האָבן זיך גרופּירט אין זשאַקס צימער און פֿאַרמאַכט די טיר. אויסגעזעצט זיך, יעדער אין אַן אַנדערן ווינקל און האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט אָן ווערטער.

— זי איז אַוועק ? — האָט זשאַק שטיל געפרעגט, — טאָ הערט, חברה ! קודם, לאָמיר פּרובירן, צי די שליסלען פּאַסן צו אַלע טירן. אפשר האָט דער מנול זיין שליסל אינעווייניק ? מען מוז דערגיין אין וועלכן צימער ער כאַליעט. שמעון, דו גייסט אַרום מיט אַ ציגאַרעט אין מויל און קלאַפּסט אָן אין אַלע צימערן, דו זוכסט אַ שוועבעלע.

שמעון האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ציטער, פילנדיק, אַז דער מאָרד איז שוין כמעט אַ געשעענער פאַקט, האָט ער מער נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק און געזאָגט :

— איך גיי, איך גיי ! איר קאָנט אייך אויף מיר פאַרלאָזן !

פלוצלינג האָט ווער אַריינגעקלאַפּט אין דער וואַנט און אַ שטימע האָט זיך דערהערט :

— לאָזט שלאָפן, איידעלע ראַסע !

די יידן זענען אויפגעשפּרונגען. זיי האָבן דערקענט זיין קול און זיך שטיל צעלאַכט.

— זשאַק האָט אים פּאַר אַ שכן...

— איצט איז עס אין אָרדענונג, — האָט זיך זשאַק געריבן די הענט פאַר צופרידנהייט, — פּרובירט די שליסלען ! שמעון, כאַפּ אַ בליק, צי זיין שליסל איז אַרויסגענומען און לאָמיר מאַכן נאַכט ! חברה, גייט נישט פריער אַרויס פון דאַנען, ביז מיר וועלן אַלע גלייך אָנשטעלן די זייגערס !

— אַ גוטע נאַכט !...

★

אינדרויסן האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג און אין די האָטעל-קאָרידאָרן איז נאָך געווען פינצטער. די דריי יידן זענען שוין געשטאַנען אין קאָרידאָר מיט זייערע באַגאַזשן. זשאַק, מיט באָר-וועסע פיס און מיט אַ ליכט אין האַנט, האָט זיך שטיל צוגעשאַרט צו אַ טיר... ער האָט זי לייכט געעפנט און נאָך שטילער זיך אַריינגעשלייכט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל. דאָס ליכט-פלעמל האָט זיך געבויגן אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס.

זשאַק האָט באַמערקט דעם באַנדאַזשירטן קאָפּ אין בעט און האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטאָן... דאָס ליכט האָט ער מיט

די פינגער פֿאַרלאָשן. געמאַכט אַ טראָט און געבליבן שטיין. לויערנ־דיק האָט ער זיך איינגעהערט אינעם יעקישן אָטעם... דערנאָך האָט ער געשטעלט נאָך אַ טראָט און געבליבן שטיין. זשאַקס האַרץ האָט זיך געוואָרפֿן אין זיין ברוסט... זיינע צעצונדענע אויגן, האָבן אַריינגעבליצט אין דער האַלב־טונקלקייט. ער איז שוין געשטאַנען ביים ראַנד פֿון בעט. דאָס בלאַסע טאָג־ליכט איז געפֿאַלן אויפֿן האַרטן יעקישן פּרצוף.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זשאַק אַרויסגעקומען אָן אויסגעבלייכ־טער, מיט אַ בליק, וואָס האָט זיינע חברים איבערגעשראָקן.

אין איילעניש האָבן אים די יידן אָנגעטאָן די שיך. מעשה־שטן, איז אַ שוך וועמען אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט און אַראָפּ־געפֿאַלן אויף דער פֿאַדלאָגע מיט אַ הילכיקן טראַסק, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ ציטער ביי די איבערגעשראָקענע יידן. מען האָט אין געאייל זשאַקן אָנגעהאָנגען דעם רוקזאַק, געכאַפּט זיינע וואַ־ליזעס און געיאָגט ווי פֿון אַ שׂרפֿה, האָבן זיך די יידן אַרויסגעראַ־טעוועט פֿון האָטעל.

זיי זענען געלאָפֿן שווייגנדיקע. די הענטלעך פֿון די וואַליזעס האָבן געקלונגען.

אין לאַסט־וואַגאָן זענען די פֿיר יידן אַוועקגעפֿאַלן אין אַ ווינקל און זיך געווישט דעם שווייס. זשאַק האָט נאָך קיין וואָרט נישט געהאַט אַרויסגערעדט. ער האָט געקוקט פֿאַר זיך מיט אַ צע־שטרייטן בליק, ווי ער וואָלט נישט געווען ביים קלאָרן פֿאַרשטאַנד. זיין אָטעם איז נאָך אַלץ געווען אַזאַ האַסטיקער, ווי ער וואָלט גע־קלעטערט אויף אַ באַרג.

— זאָל דער צוג שוין רירן, זאָל ער שוין רירן ! — האָט שמעונען געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— מען קאָן אונז דערקענען ! — האָט דאַווידאָוו געזאָגט מיט אַ ציטער.

— האָט נישט... קיין... מורא ! — האָט זשאַק אַרויסגערעדט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, — איך האָב אים... נישט דערמאָרדעט !

דער צוג האָט גערירט.

— פֿאַרוואָס ? — זענען אַלע צוגעפֿאַלן צו זשאַקן.

— איך קאָן זיך דאָס נישט דערקלערן, — האָט זשאַק שווער אַרויסגעאָטעמט. — עס האָט מיט מיר פּאַסירט אַ זאַך, וואָס איז העכער ווי דער שכל. ווען כ׳האָב שוין געוואָלט באַרירן זיין האַלדז און נעמען אים דריקן מיט אַלע כוחות, האָט זיך אין מיר אַ וואָרף געטאָן, נישט דאָס האַרץ, וואָס פאָדערט נקמה, נאָר דאָס האַרץ פון אַ מענטשן. פאַר די אויגן האָט מיר אָנגעהויבן בלענדן. כ׳האָב מער נישט געזען קיין דייטש, נאָר אַ לעבעדיק, שלאָפנדיק באַשע-פעניש, וואָס אָטעמט, און מיינע הענט זענען געליימט געוואָרן, איך האָב זיי פּשוט נישט געקענט באַוועגן.

# ווען אַ לעבן לעשט זיך

בעת דאָס יידישע פּאַריז האָט זיך דערוווּסט, אַז דער באַקאַנ־טער ד״ר קאַרלינסקי איז צוריקגעקומען פון דעפּאָרטאַציע און האָט צוריק געעפנט זיין קאַבינעט, איז זיין וואַרטע־זאַל ביז שפּעטלעך אין אָוונט אָנגעפילט געוואָרן מיט אַלטע און פריש צוגעקומענע פּאַ־ציענטן.

די אַלטע פּאַריזער איינוווינער, וועלכע האָבן נאָך געדענקט דעם וואַרטע־זאַל פון פאַר דער מלחמה, האָבן באַמערקט, אַז אויף דער וואַנט, צווישן די צוויי ווענעציאַנישע פענצטער, איז געבליבן אַ פלעק... אויף דעם פּירקאַנטיקן פלעק האָט אַמאָל געהאַנגען ד״ר קאַרלינסקיס פּאָרטרעט אין אוניפאָרם, ווי אַ פראַנצויזישער, יונגער קאַפּיטאַן פון דער פאַריקער וועלט־מלחמה.

איינער פון די אַלטע פּאַציענטן האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווען פראַנצויזישע אַגענטן זענען געקומען נעמען ד״ר קאַרלינסקין, כדי אים אַוועקצופירן קיין דראַנ־סי *), איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַראָפּגענומען דעם פּאָר־טרעט און אים צעבראָכן.

— היינט איז פאַר מיר מער קיין כבוד נישט צו זיין אַ פראַנ־צויזישער קאַפּיטאַן — האָט ער געזאָגט.

די פראַנצויזישע אַגענטן, פאַרקויפטע נשמות צום דייטש, האָבן זיך איבערגעקוקט און האָבן ד״ר קאַרלינסקין אַרויסגעפירט מיט אַ שטרענגקייט, ווי די סצענע וואָלט אויף זיי קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט.

אין דער טיר פון וואַרטע־זאַל האָט זיך באַוויזן ד״ר קאַרלינסקי.

---

*) אַ לאַגער הינטער פּאַריז, וווּ מען האָט קאָמפּלעטירט טראַנספּאָרטן צו טויזנט מאַן און אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

דאָס איז געווען אַ הויכער, אויסגעדאַרטער זקן מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, וואָס האָט געוואָרפן אַ זילבער-טאָן אויף זיין שוואַרצן אנצוג. אין דער לינקער לאַץ — אַן אָפּצייכענונג פון אַ דעפּאָרטירטן. זיינע באַקן מיט פאַרשפּיצטע קינען, גלאַטיק-אויסגעראַזירט. זיין קליין העלדזל, ווי ביי אַ יינגל, איז, לויז, אַרומגעשוומען אין זיין צו-גרויסן קאָלנער. דער קראָפּ האָט אים געצאַפּלט אין פּאָדער-האַלדז, ווי אַ צאַנקענדיק פלעמל.

בעת זיין דערשיינען אויף דער שוועל, האָט ד״ר קאַרלינסקי, אויף וועמען צענדליקער קראַנקע האָבן געלייגט האָפענונגען, זיך שטאַרק צעהוסט. עס איז געוואָרן שטילער אין רוישיקן וואַרטע-זאַל, אַזוי ווי ד״ר קאַרלינסקי הוסט וואָלט אַנגעוואָרפן אַן אימה.

ער האָט מיט זיין שאַרפן בליק אַרומגענומען כמעט אַלע פּאַ-ציענטן. עס איז געווען דאָס יאָר 1945. יידן פון נאָענט און ווייט זענען אַרויסגעקראָכן האַלב-טויטע פון זייערע באַהעלטענישן, אַנ-דערע זענען צוריקגעקומען פון דעפּאָרטאַציע. אויף די פּנימער פון די פּאַציענטן האָט זיך נאָך געשפּיגלט אַ טויט-שרעק. אין זייער האַלטונג איז געלעגן אַ טיפע נידערגעשלאָגנקייט. עלעגאַנטע פרויען, מיט יונגע שטריכן, האָבן אויסגעזען אַזוי פאַרעלטערט און נעבעכ-דיק, ווי די אָפּגעריסענע פרויען אין טיפן עלטער. יונגע קינדער זע-נען געזעסן נעבן זייערע עלטערן, ווי מידע, דערוואַקסענע מענטשן, אין וועמענס אויגעלעך די יוגנט-פרייד איז געווען אויסגעלאָשן.

ד״ר קאַרלינסקי איז, נאָכן אויסהוסטן זיך, געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון זיין וואַרטע-זאַל אַ געררירטער. דערנאָך האָט ער מיט אַ פּאָטערלעכער צאַרטקייט אויפגענומען דעם ערשטן פּאַציענט.

שפּעט אין אָוונט איז ד״ר קאַרלינסקי געבליבן זיצן ביי זיין טישל אַן אויסגעשעפּטער. דער הוסט האָט אים כסדר געמאַטערט. ער האָט געקוקט אויף זיין טישל און באַמערקט זיין אַפּאַראַט, מיט וועלכן ער האָט אויסגעהערט צענדליקער קראַנקע און אים איז מיטאַמאָל באַפאַלן אַ שרעק, אַז ער זאָל נאָר נישט זיין דער גע-פּערלעכסטער צווישן זיי. ער האָט געקוקט אויף דעם אָפענעם שופלאַדל, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט צעקנייטשטע הונדער-טער-באַנקנאָטן און עפּעס האָבן די באַנקנאָטן אים אויפגערייצט. אַ געדאַנק אַזוי שאַרף, ווי אַ מעסער-שניט, האָט באַרירט פון אינע-ווייניק זיין שאַרבן.

„מיט דעם געלט, אָפּגענומען פון צענדליקער היטלער-קרבנות,

וויל איך ראַטעווען איין קרבן — מיך אַליין. וועל איך זיך דערמיט קענען ראַטעווען ?״

דער ד״ר קאַרלינסקי האָט זיך געפילט שלעכט. ער האָט זיך אַליין געמאַכט אַן איינשפּריצונג, אָבער דער הוסט, וואָס איז אים באַלד דערנאָך באַפאַלן, האָט אים צוגענומען מער כוחות, ווי די איינשפּריצונג האָט אים פאַרשאַפט.

אין אַלע צימערן איז געווען שטיל. אין דער האַלב-געעפנטער טיר איז געשטאַנען די פראַנצויזישע דינסט. אַ פּרימיטיווע פראַ-ווינצער פרוי, וועמענס דרך-ארץ צו ד״ר קאַרלינסקי איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו בשעת אַ סכנה איז זי נישט געווען געניג דרייסט זיך צו אים דערנענטערן, אים באַרירן אָן אַ באַפעל.

— מאַדאַם מאַרט, ברענגט אַ גלאָז קאַלט וואַסער !

און ווען דער הוסט האָט זיך אים איינגעשטילט, האָט ד״ר קאַר-לינסקי דערפילט, ווי עפּעס אַן אינערלעכע מורא לויפט אין אים אַרום ווי אַ ווינט. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָנגעגריפן דאָס טעלעפאָן-טרייבל :

— האַללאָ ! דאָ רעדט ד״ר קאַרלינסקי. ווער איז ביים אַפּאַראַט, מאַדאַם גליקשטיין ? האָב איך אַ געלעגנהייט אייך איבערצושיקן מיינע קאָמפּלימענטן. איך בעט אייך, מאַדאַם גליקשטיין, זייט אַזוי העפלעך און שיקט מיר צו אייער מאַן צום אַפּאַראַט. איך דאַנק אייך. איך וואַרט. קאָלעגע גליקשטיין ? זייער גוט, וואָס כ׳האָב אייך געטראָפן אין דער היים. איך בעט אייך קומט תיכף צו מיר אַרי-בער ! איך פיל זיך עפּעס נישט אין אָרדענונג.

ד״ר קאַרלינסקין איז ווידער באַפאַלן דער הוסט, איידער נאָך ער האָט אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן-טרייבל.

ד״ר גליקשטיין האָט דעם הוסט אויפגעכאַפּט דורכן טעלעפאָן און געזאָגט צו זיין פרוי :

— בערט, מיר דאַכט זיך, אַז קאַרלינסקי האָט צו טאָן מיט די לונגען.

בעת ד״ר גליקשטיין, אַ שטאַרק-געבויטער, רויט-פּנימדיקער מאַן, אין אַ פּאָר אַמעריקאַנער ברילן, איז אָנגעקומען, האָט זיך זיין אַלטער קאָלעגע קאַרלינסקי שוין געפונען אין בעט, האַלטנדיק זיין רעכטע האַנט איבער די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געמאַטערט מיט אַ שווערן געדאַנק.

— אַ גוטן אָוונט אייך, טייערער קאָלעגע ! וואָס איז, אייך איז

שוין נמאס געוואָרן די ראָל פון אַ דאָקטער; איר ווילט שפּילן דעם פּאַציענט ? — האָט ד״ר גליקשטיין געפּרוווט אים אויפהייטערן.

— אויף יעדן קומט זיין ריי, גליקשטיין — האָט ד״ר קאַרלינסקי געזאָגט, פאַרטראַכט. — זיצט.

— איך האָב דאָך אייך געוואָלט רעווידירן.

— נישט נייטיק. איך האָב נאָך אייך נישט געשיקט, איר זאָלט מיך היילן. דאָס וועט אייך זיין צו שווער. די געזונטע לונגען, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין לאַגער, קענט איר מיר ביי אייער בעסטן ווילן, נישט אומקערן. איך דאַרף פון אייך אַ מאָראַלישע הילף. איך האָב עפּעס אויף מיין געוויסן...

— איר ?

— איך. איר דאַרפט שוין אַליין פאַרשטיין, וואָס איך מיין. — האָט ד״ר קאַרלינסקי געקוקט אויף זיין קאָלעגע. — איר געדענקט נישט, אַז כ׳האָב אַמאָל אַוועקגעוואָרפן אַ יידישע פרוי מיט אַ מיי־דעלע פון צען יאָר און זיך אַריינגענומען אַן אַנדערע ? אַמאָל בין איך געווען גליקלעך מיט דער צווייטער פרוי, נישט נאָכגעטראַכט צי כ׳האָב געטאָן אַ פאַרברעכן. בלויז, ווען מיין ערשטע פרוי האָט צוריקגעוואָרפן די „אַלימענטן״ פאַרן קינד, האָב איך פיל געליטן און איינציקווייז פאַרגעסן. היינט אָבער, נאָכן חורבן, טוט מיר די דערמאָנונג טאַט אַזוי וויי, ווי אַ שניט נאָך אַן אָפּעראַציע. קורץ, מיין ערשטע פרוי געפינט זיך אין פּאַריז און איך וואָלט זיך מיט איר אומבאַדינגט געוואָלט זען. דאָס איז איר אַדרעס.

ד״ר גליקשטיין האָט צוגענומען דעם אַדרעס, קוקנדיק אויף קאַרלינסקין.

— איר זייט זיכער, אַז זי וועט וועלן קומען צו אייך ?

— זיכער בין איך נישט. נאָר כ׳האָב געהערט, אַז זי האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט מיין לעבן־בלייבן.

— אַנטשולדיקט מיר, קאָלעגע קאַרלינסקי ! אפשר וואָלט איר פאַר אַלעם אַרויסגעפאָרן אַ ביסל אין אַ סאַנאַטאָריע ?

— איר, אַ דאָקטער, זאָגט דאָס ? איר ווייסט דאָך יאָ וועמען אַ סאַנאַטאָריע קען העלפן...

— איך האָב געוואָלט וויסן אייער בלוט־דרוק.

— איך קאָן איצט וועגן גאָרנישט טראַכטן. אויב איר ווילט באמת פאַר מיר עפּעס טאָן, זעט, אומבאַדינגט, אַז מיין פרוי זאָל מיך קומען באַזוכן. איר זאָגט מיר צו מיט דעם זיך צו פאַרנעמען ?

— קיין פראַגע נישט, קלערט קאַרלינסקי, איז דאָס אַלץ וואָס איר ווילט מיר בעטן? אפשר דאַרפט איר דאָ האָבן אַ קראַנקן-שוועסטער?

— נישט נייטיק. איך האָב אַ דינסט. איך דאַנק אייך זייער. אָבער געדענקט...

ד״ר גליקשטיין האָט, פאַרן אַוועקגיין, זיין קלערנע לאַנג באַטראַכט...

★

צומאָרגנס איז דער טאָג געווען אַ זוניקער. דער רעגן, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט געררייצט ד״ר קאַרלינסקיס נערוון, האָט אויפגעהערט כליאָפּן, פויקן אין די שויבן. דער פאַרכמאַרעטער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. די זון האָט די עטלעכע פאַרבליבענע שוואַרצע כמאַרעס אָנגעצונדן מיט גאָלד-פלאַמען. ד״ר קאַרלינסקי האָט זיך פון דעם וועטער געפילט אויפגעלעבט. דער הוסט האָט אים אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט. און בעת ד״ר גליקשטיין האָט אים טעלעפאָנירט, אַז זיין געוועזענע פרוי קומט אים באַזוכן נאָכמיטאָג, איז ער לאַנג געבליבן שטיין איבערראַשט און פאַרטראַכט.

„ניין, איך וועל זיך אָנטאָן, — האָט ער צו זיך געזאָגט אין געדאַנק. — אויב בלייב איך ליגן אין בעט, וועט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַ פאַרלאָזענע פרוי קומט צום טויטן-בעט פון איר מאַן אים מוחל זיין״...

די זופּ, וואָס זיין דינסט האָט פאַר אים צוגעגרייט, האָט ער נישט געקאָנט אַראָפּברענגען... ער איז געווען צעשרויפט... זיינע נערוון אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן... זיינע בליקן האָבן נאָכאַנאַנד געוואַכט איבערן וואַנט-זייגער... ער האָט געזען ווי די באַגילדטע אומרו וויגט זיך אַזוי געלאַסן אַהין און צוריק, ווי איר ווייטער גאַנג וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין באַדייטונג...

בעת די דינסט איז אַוועק, האָט איר ד״ר קאַרלינסקי נאָכגעשריען:

— מאַדאַם מאַרט, לאָזט אָפן די טיר! עס דאַרף ווער קומען... און מיר איז שווער צו גיין עפענען.

דער זייגער האָט נאָך עטלעכע שעה אָנגעצויגן ד״ר קאַרלינסקיס נערוון און ענדלעך האָט זיך אין דער וווינונג באַוויזן אַ זקנה: אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אָנגעטאָן אין שוואַרצן; אַ ווייסער קאָפּ האָר

— אַנשטענדיק פאַרקעמט, האָט ווי אַ זילבער־ראַנד, אַרומגערייפט איר שוואַרץ היטעלע מיט אַ קאָלירטער פעדער. זי איז אַריינגעקו־מען מיט לאַנגזאַמע, מידע טריט. די אויגן אַראָפּגעלאָזן.

ד״ר קאַרלינסקי איז געזעסן ביים טיש אין אַ געבלימלטן שלאָפ־ראָק. דערזעענדיק דאָס געשטאַלט פון זיין ערשטער פרוי, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פונעם פאָטעל אַן איבערראַשטער, אַן אויפגע־טרייסלטער און איז צוריקגעפאַלן שרייענדיק:

— עווא! עווא!

זי איז געשטאַנען שטיל און האָט אים אָנגעקוקט. די זקנה איז געווען שטאַרק גערירט פון זיין טראַגישן אויסזען. פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט אַוועקגעזעצט ביים טיש, קעגנאיבער אים, נאָר אין דער זייט ביי דער וואַנט און געזאָגט מיט אַ שווערן זיפץ:

— ווען ד״ר גליקשטיינס פרוי וואָלט מיר נישט געזאָגט, אַז דו ביסט געפערלעך קראַנק, וואָלט איך נישט געקאָנט קומען צו דיר...

— איך גלייב דיר, עווא! איך ווייס, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער ווען דער מענטש איז יונג, באַגייט ער פיל נאַרישקייטן. יעדער מענטש מאַכט עפּעס קאַליע אין לעבן. דאָס, וואָס האָט צווישן אונז פּאַסירט, איז מענטשלעך און מיר דאַרפן זיך קענען מוחל זיין...

— פאַר מיין פּערזאָן האָב איך דיר שוין לאַנג מוחל געווען, נאָר פאַר מיין טאָכטער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אָן אַ פּאָטער...

ד״ר קאַרלינסקי האָט זיך שטאַרק צעהוסט... ער האָט אויסגע־שפּרייט ביידע הענט, געוואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָר דער הוסט האָט דערשטיקט זיינע רייד...

די אַלטינקע איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. זי האָט געקוקט מיט אַ פייכטן בליק אויף איר געוועזענעם מאַן, וועמען זי האָט אַמאָל שטאַרק ליב געהאַט. זי האָט געזען זיינע צוויי צאַפּלדיקע הענט, וואָס ווילן זיך איבערבעטן און זי האָט אַן אינערלעכן צי־טער געטאָן. דאָס מענטשלעכע אין איר האָט גובר געווען די שנאה, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געטראָגן אין האַרצן צו אים. זי איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען. צוגעגאַנגען צו ד״ר קאַרלינסקין, אים אַרומגענומען מיט אַ צאַרטקייט, וואָס איז אים געווען באַקאַנט פון זייער צוזאַמענלעבן. איר באַריר האָט אים ווי געטאָן און דער־פרייט צוזאַמען...

— אַלעקסאַנדער, דו וועסט זיך צוריקלייגן אין בעט אַריין.

הערנדיק פון אירע ליפּן זיין נאָמען „אַלעקסאַנדער“ מיט דער

זעלבער ווייכקייט, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, איז ער געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. ער האָט געקוקט אויף אירע ווייסע האָר און דערזען האָט ער די זקנה אין איר בליענדיק־יוגנט־לעכער געשטאַלט פון אַמאָל. ער האָט זי אַרומגענומען מיט ליב־שאַפט און בענקשאַפט, ווי מען נעמט אַרום די יוגנט...

זי האָט אים, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, אַריינגעפירט אין בעט אַריין.

— עוואַ, איך וויל דיר שטאַרק בעטן, זאָלסט מיר אַריינשיקן רעבעקאַן, אונזער טאָכטער...

— אויב זי וועט וועלן קומען...

— זי וועט נישט וועלן קומען? — האָט זיך זיין קאָפּ אַ הייב געטאָן פון קישן.

— זי קען דיך כמעט נישט, אַלעקסאַנדער. דו ווייסט, זי האָט שוין באַקומען איר דאָקטאָראַט. מען רעדט איר גלענצנדיקע שידו־כים און זי וויל נישט הערן. זי ליידט פון אַ מאַניע, אַז איר דער־וואַרט דער זעלבער גורל, וואָס איר מוטער...

— דער זעלבער גורל?... — האָט ער אַ ציטער געטאָן... און זיך פאַרהוסט מיט טרערן אין די אויגן.

די אַלטינקע איז געבליבן שטיין אַ צעבראָכענע ביי זיין בעט... און ווי זי וואָלט נאָך געזוען זיין ווייב, האָט זי געפרעגט ווייך:

— אַלעקסאַנדער, איך זע דאָך, אַז דו ביסט אַליין, וואָס דאַרפסטו?

— גאָרנישט מער, ווי זען רעבעקאַן.

זי איז אַוועק פונעם בעט, כדי אויסצווווישן זיך אירע פאַר־טרערטע אויגן און, צוריקקומענדיק, האָט זי געזאָגט:

— אַלעקסאַנדער, מיר איז שווער דיר איבערצולאָזן אַליין. אויב דו ביסט מסכים, קען איך דאָ בלייבן, ביז דו וועסט געזונט ווערן.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ בליק, ווי איר רחמנות וואָלט אים צעשמעטערט...

— כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט...

— נאַרישער מענטש, פאַרוואָס זאָל איך זיך נוקם זיין? מיר זענען דאָך שוין ביידע צוויי אָפּגעלעבטע. אין די לעצטע טעג פון אַ מענטשלעך לעבן הערן אויף אַלע אַמביציעס. דער מענטש ווערט אַזוי לויטער, ווי ביי זיין קומען אויף דער וועלט. אַ גוטע בעסע־

רונג, אַלעקסאַנדער! איך קום דיך באַלד ווידער זען. איך וועל זיך באַמיען דיר אַריינצושיקן רעבעקאַן.

— לאָז מיך כאַטש קושן דיינע הענט!

די זקנה האָט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן. דאָס וועלן קושן אירע הענט האָט אויפגעוועקט אין איר אַ דערשטיקטן נקמה-געפיל, וואָס איז געווען פיל שטאַרקער ווי איר רחמנות. זי האָט געוואָלט און נישט געקענט אויסשרייען:

— מיינע הענט זענען דאָך דיר געווען איבעריק... האָסט דאָך זיי אַרויסגעוואָרפן... אָבער זי האָט זיך באַרואיקט און געזאָגט עפּעס אַנדערש:

— קוש!

★

פּאַרנאַכט-צו, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פּאַרלעשן, האָט מאַדאַם עווא אַריינגעפירט איר טאָכטער אין ד״ר קאַרלינסקיס שלאָף-צימער און זי איז אַראָפּ אין גאַס אַריין עפּעס איינקויפן. זי איז געווען צו שוואַך בייצוווינען די סצענע.

ד״ר קאַרלינסקיס קאָפּ האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט פונעם קישן און איז צוריקגעפאַלן. זיינע שוואַרץ-אַפּלען האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרגליווערטע. ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דער ברונעטער, שיין אויסגעוואַקסענער טאָכטער, וועלכע שטייט אויף זיין שוועל אַ פאַרפרעמדטע. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט זיין געוועזענע פרוי עווא אין דער זעלביקער פּאָזע, ווי ער האָט זי באַקענט ווי אַ סטודענטקע. שווייגנדיק האָט אויף אים זיין טאָכטער געמאַכט אַן איינדרוק, ווי עוואַס געשטאַלט פון דער יוגנט וואָלט זיך געקומען מיט אים רייצן...

ערשט, ווען רעבעקאַ האָט זיך דערנענטערט צו ד״ר קאַרלינסקיס בעט און מיט אירע צאַרטע פינגער באַרירט זיין פולס, האָט ער אַ ציטער געטאָן אויפן גאַנצן קערפּער... ער האָט ממש געפילט ווי אַ שטראָם פון אייגן בלוט גיסט זיך אַריין אין זיין האַלב אויסגעלאָשן לעבן.

— רעבעקאַ! — האָט ער מיט בײדע הענט אַ כאַפּ געטאָן איר קאָפּ און אים אויסגעקושט. — רעבעקאַ! איך בין אַזוי גליקלעך דיך צו זען, אַזוי גליקלעך!

זי איז געבליבן זיצן אויפן ראַנד פון בעט אַ שווייגנדיקע. אין

איר קלאַפּנדיק האַרץ האָט װער אױסגעגראָבן אַן אַלט קינדעריש ליבע-געפֿיל, װאָס די צײַט האָט עס שױן געהאַט פֿאַרשאָטן מיט אַמביציעס פֿון אַ דערװאַקסענעם מענטשן. נאָר אירע אױגן, קוקנדיק אױפֿן פֿאָטער, האָבן זיך אָנגעשעפּט מיט רחמים און זי האָט געפֿילט װי פֿון מינוט צו מינוט װערט איר דאָס אַלטע כמעט אומבאַקאַנטע פּנים נענטער, ליבער, רירנדיקער. זי האָט זיך געװאָלט אײַנרעדן, אַז זי איז ערשט אַלט צען יאָר און איר פֿאָטער איז אױף אַ װײַלע אַװעקגעגאַנגען און איז צוריקגעקומען אַ קראַנקער.

— זאָגסט מיר גאָרנישט, רעבעקאַ?

זי האָט געװאָלט זאָגן אַ צאַרט װאָרט, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אין דער מוטערס לײדן און געזאָגט:

— שטרענגט אײַך נישט אָן, ד״ר קאַרלינסקי!

— שטרענגט אײַך נישט אָן, ד״ר קאַרלינסקי. יאָ, דו האָסט רעכט מיך צו רופֿן ד״ר און נישט פּאַפּאַ. עס איז שרעקלעך! אָ, טאָכטער מײַנע! װען איך װאָלט כאָטש געהאַט כּוח מיט דיר צו דיסקוטירן, דיר צו זאָגן עפּעס פֿון דעם, װאָס איך האָב געלערנט ביז מײַנע האָר זענען גרױ געװאָרן. אָבער איך האָב דיך צוריקגעפֿונען צו שפּעט, מײַן קינד, צו שפּעט...

זי האָט זיך אױפֿגעכאַפּט אַ גערירטע. דעם פֿאָטער צורעכט געמאַכט דאָס קישן. אים אױפֿגעקנעפּלט דאָס האַלדז-קנעפּל פֿון נאַכט-העמד. אים דערלאַנגט אַ לעפֿעלע װאַלעריאַן-טראָפּן. מיט איר טיכעלע אים אַרומגעװישט דעם שװײס פֿון שטערן.

— באַרואיק דיך, פּאַפּאַ! עס װעט אַלץ נאָך זײַן גוט.

אַ לעבעדיקער שמײכל האָט זיך צעשפּילט אױף זײַנע האַלבטױטע ליפּן.

— אַ דאַנק דיר, טאָכטער! מיר איז בעסער... איך פֿיל, װי מיר װערט פֿון מינוט צו מינוט בעסער... װוּ איז די מאַמע?... — האָט ער זיך געכאַפּט בײַ דער ברוסט.

ד״ר קאַרלינסקיס אױגן זענען געװאָרן פֿײַכט. זײַנע הענט האָבן געריסן דאָס העמד בײַם האַלדז.

— עפֿן ס׳פֿענצטער! עס איז מיר שרעקלעך דושנע!... לופֿט! לופֿט!

אַן אױפֿגעציטערטע איז רעבעקאַ צוגעשפּרונגען צום פֿענצטער. אױפֿגערוקט די פֿאָרהאַנגען. רינגען אױף אַ שטאַנג האָבן זיך צע-

קלונגען. באַלד האָט זי צוריק פאַררוקט דעם פאָרהאַנג. זי האָט גע-
פילט, אַז עפּעס ס׳פענצטער איז שוין נישט נייטיק... זי האָט אַ
צעטומלטע ווילד געקנוידערט דעם פאָרהאַנג מיטביידע הענט, זי
האָט זיך געווישט די אויגן מיטן קרעמקאַלירן טיול. דערנאָך האָט
זי דעם פאָרהאַנג אָפּגעלאָזט. צוויי אויסגעהאָפטענע פּאַוועס, אָנגע-
צונדן מיט אַ פּורפּור רויט, אַן אָפּשפּיגלונג פון שקיעה-פלאַמען, האָבן
זיך נאָך באַוויגן פון איר באַריר, ווי זיי וואָלטן מיטן לעצטן אָטעם
פון אויסגייענדיקן טאָג ערגעץ-ווו אַוועקגעפלויגן.

רעבעקאַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פאָטערס בעט. איר
בליק איז צופעליק געפאַלן אויף דער וואַנט. זי האָט באַמערקט, ווי
די באַגילדעטע אומרו פון זייגער, איבער איר פאָטערס קאָפּ, איז
געבליבן שטיין...

פּאַוואָלינקע, מיט אַן אינערלעכן נשמה-ציטער, האָט זיך רע-
בעקאַ דערנענטערט צום פאָטערס בעט און באַמערקט ווי ד״ר קאַר-
לינסקיס קאָפּ גיט אַ פאַל פון רעכטס אויף לינקס. זיין פּנים בלייבט
איינגעגראָבן אין קישן, ווי אַ טויטן-מאַסקע אין פּראָפיל, באַדעקט
מיט שווייסיקע פּערעלעך, באַלויכטן מיט אַ רויטן פלאַם פון טאָג-
פאַרלעש...

— פּאַפּאַ! — האָט רעבעקאַ אויסגעשריען, פאַלנדיק ווי איינ-
געבראָכן איבערן ראַנד פון בעט... פּאַפּאַ! — — —

אין דער רגע איז די מוטער אָנגעקומען מיט אייליקע טריט,
האַלטנדיק אין האַנט אַ קריגעלע הייסע מילך...

# נאָך דער לוויה

אַ זוניקער נאָכמיטאָג אין האַרבסט.

דער גאָרטן אַרום דער קירכע „סאַקרע-קער״, וואָס דאָ טורעמט ער זיך באַרג-אַרויף און דאָרט שיפּט ער זיך באַרג-אַראָפּ, איז באַלעבט, צערוישט פון הונדערטער פרויען, יידישע און פראַנצויזישע, וואָס פירן זייערע קינדער אַריין און אַרויס פון גאָרטן. דערוואַקסענע קינדער ווערן געפירט ביי די הענטלעך. די עלטערן ציטערן איבער יעדן קינדערישן טראָט, בעת זיי שטייגן אויף די שטיגן, וואָס די נאַטור גופא האָט מייסטערהאַפט אויסגעהאַקט פון פאַרביקע סקאַלעס. פון די שטיינערנע ווענט גיסן זיך שטראָמען וואַסער, ווי פליסנדיקע זילבערנע לענטעס, און פליעסקען אַריין אין טאָליקן באָדן. יונגע פּאָרלעך פירן זיך געאָרעמט און פאַרשווינדן אין שטילע, סודותדיקע אַלייען. עלנטע מענער, מיט אויפגעבלעטערטע ביכער אין די הענט, שפּאַנען טראָט ביי טראָט, אַקוראַט ווי דער גאָרטן וואָלט געווען זייער פּריוואַטע וווינונג.

די זון האָט צופוסנס דער ווייסער קירכע אויסגעלייגט אַ זוניקן דיוואַן, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם באָדן אין אַ גאָלדיקער ליכטיקייט. קינדער שפּילן זיך אויף דעם דיוואַן, גראָבן זאַמד און גאָלד באַנאַנד; בויען פאַנטאַסטישע הייזקעלעך און מאַכן זיי צוריק חרוב, ווי דערוואַקסענע. קינדעריש געלעכטער קלינגט אין דער לופט — דיניטשקע גלעקעלעך. פרויען, אויסגעזעצט אויף שטולן, זיצן און שטריקן, דערציילן זיך סודות פון פאַמיליע-לעבן. זייערע רייד מישן זיך אוים מיטן בלעטער-געפליסטער אויף די האַלב-אָפּגעלעבטע האַרבסט-ביימער.

אונטן אין טאָל, נאָך עטלעכע רייען שטאַרק-אַראָפּגעשיפּטע, ברייטע שטיגן, ליגט די רוישיקע פאַרבנרייכע שטאָט פּאַריז, וואָס

זעט אויס אין די אויגן פון די זיצנדיקע אויפן „סאַקרע-קער״-באַרג, ווי אַ קאָלירטע מיניאַטור-צייכענונג, אַ באַוועגלעכע, ווי אַ קינדער-פילם.

אויף אַן אייזערנעם פּאַטעל זיצט דאָ אַ יידישע פרוי: ליזע זילבערשאַץ. אין אַ לוקסוס-וועגעלע שלאָפט רואיק איר זעקס-חדשימדיק יינגעלע. ליזע זילבערשאַץ איז אַ ברונעטע דרייסיק-יאָריקע פרוי, אין אַ באָרדאָ קאַנאַדיען, מיט אַ ברוינעם שאַלאַווע קאָלנער. זי זיצט און לייענט אַ בוך. אירע לאַנגע אויערינגלעך, אויף דינינקע גאָלדענע קייטעלעך, וויגן זיך אַרום איר לילאַ, פיין-אויס-געבונדן שאַליקל. זי זעט דאָ, אין גאָרטן, אויס ווי איינע פון די גליקלעכסטע פרויען. אָבער פון צייט צו צייט נעמט זי אַרויס אירע אויגן פונעם בוך, לאָזט אַרויס אַ זיפץ, קנאַקט זיך אויס די פינגער, ווי אינערלעך וואָלט זי עפּעס געקוועלט...

דאָס געשטאַלט פון איר ערשטן מאַן שטייט איר בולט פאַר די אויגן. זינט זי האָט אָפּגעגעבן אַ ביטע אויסצוגראָבן זיינע ביי-נער פון באַרג וואַלעריען, וווּ ער איז בעת דער דייטשער באַזע-צונג דערשאָסן געוואָרן ווי אַן ערובניק, טרעט זיין געשטאַלט נישט אָפּ פון איר. טיילמאָל ביינאַכט, אין טיפסטן שלאָף, נאָך אַ גוט-פאַרברענגטן אָוונט, שטעלט זיך זיין סקעלעט ביי איר בעט און מאָנט זיין מאָראַלישן חוב. דאָס דערזען אים מיט פאַרמאַכטע אויגן, וואַרפט תמיד אויף איר אָן אַ טויט-שרעק... זי שרייט פון שלאָף מיט אַן אויסטערליש קול, וועקט איבער איר איצטיקן מאַן.

— ליזע, וואָס איז געשען?...

— קאַשמאַרן, שרעקלעכע קאַשמאַרן!... האָסט גוט געטאָן, וואָס האָסט מיך אויפגעוועקט!

איצט, זיצנדיק אין גאָרטן, דערמאָנט זי זיך:

„אָפּגעלעבט מיט אים פינף יאָר אין דחקות. ער האָט פאַר מיר שווער געהאָרעוועט. קיין קינד פון אים האָב איך מיר נישט גע-קענט פאַרגינען. אָבער טראָץ דעם איז ער דאָך געווען מיין ער-שטע ליבע. אין די לעצטע יאָרן פאַרן מלחמה-אויסברוך האָט אונז אָנגעהויבן צו גיין אַביסל בעסער. אָבער באַלד האָט די מלחמה אַלצדינג צעטראָטן. ער ליגט באַגראָבן אויף אַ באַרג, אַ פראָסט ברעטל דעקט צו זיין בערגל ערד, און פרעמדע פרויען קומען דאָרט לייגן בלומען אויס רחמנות״.

די דערמאָנונג לאָזט זיך אַראָפּ איבער איר, ווי אַ שוואַרצער שלייער אויפן פּנים פון אַן אלמנה. אָבער ווי נאָר איר קינד וועקט זיך, ווערט די דערמאָנונג אין איר אויסגעלאָשן. דאָס איצטיקע לעבן שווענקט אַוועק דעם נעכטן. זי געדענקט גוט, אַז איר איצ-טיקער מאַן האָט נאָר ליב איר פרייליך פּנים, איר צופרידענעם שמייכל. און בעת ער קומט אין אָוונט אַ מידער פון דער אַרבעט, האָט ער ליב צו ווערן געצערטלט פון איר. און טראַכטנדיק פון אירע אויפגאַבן ווי אַ פרוי און מוטער, וואַרפט זי אַ בליק אויפן האַנט-זייגערל, צי זי האָט נישט חלילה צופיל פרייע צייט פאַר-שווענדט. באַלד כאַפּט זי דאָס קינדער-וועגעלע און פאָרט מיט איי-ליקע טריט אַרוים פון גאָרטן.

און ווי נאָר מאַדאַם ליזע באַטרעט איר שוועל, ווערט זי גלייך אַריינגעוועבט אין איצטיקן פאַמיליע-לעבן. זי האָט מער נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן איר מאָראַלישן חוב. זי מוז צוגרייטן אַ געשמאַקן אָוונט-ברויט פאַרן מאַן, אָנקאָרמען איר קינד און עס לייגן שלאָפן. דערנאָך — אַוועקגיין מיטן מאַן זיך פאַרוויילן.

אָבער טיילמאָל, בעת מאַדאַם ליזע בלייבט אַליין, קומט איר ערשטער מאַן ווידער אויפן געדאַנק. זי אַנטפלעקט אין זיך אַ געוואַל-טיקן אומרו. זי פילט, אַז זי האָט נאָך איבערצוקומען אַ לוויה. זי וואָלט שוין געוון די דאָזיקע איבערלעבונג געוואָלט אָפּפטרן. דע-מאָלט כאַפּט זי זיך האַסטיק אויף, לאָזט איבער איר קינד ביי אַ שכנה און לויפט אַוועק זיך נאָכפרעגן, צי די דערלויבעניש איבער-צופירן איר מאַנס ביינער איז שוין באַשטעטיקט.

און איינמאָל אין אַן אָוונט איז עס געשען:

מאַדאַם ליזע איז געזעסן מיט איר מאַן ביי אַ שיין-סערווירטן טיש. דאָס עס-צימער איז געווען העל באַלויכטן. דער ראַדיאָ האָט צוגעשפּילט. דאָס קינד האָט געלאַכט אין פאָטערס הענט. דער פאָטער, אַ גליקלעכער, האָט געקוקט מיט צעשטראַלטע אויגן אויפן קינד. דאָס נפשל האָט געפלעמלט, מיט זיינע ליכטיקע שוואַרצע אייגעלעך, אַמאָל אויפן פאָטער, אַמאָל אויף דער מוטער. פּלוצלונג האָט ליזע אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ. זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, כדי אַריינצוברענגען פון דער קיך דעם קאָמפּאָט. איר מאַן האָט איר נאָכגעקוקט מיט פאַרחידוש אין די אויגן...

— וואָס איז דיר, ליזע? ביסט עפּעס היינט אָוונט אַזוי שלעכט

געשטימט, און כ׳האָב טאַקע געוואָלט פרעגן, פאַרוואָס דו ביסט נישט אויפגעקעמט, צעשויבערט, ווי דו וואָלסט זיך מיט וועמען געשלאָגן...

— עס אַפֿ, מאָרים ! כ׳וועל דיר שוין דערנאָך זאָגן...

— וואָס ? פילסט זיך עפּעס נישט אין אָרדענונג ?

— לאָז מיך קודם לייגן ס׳קינד !

און בעת זי איז צוריקגעקומען פון שלאָפצימער, האָט זי זיך שווער אַוועקגעזעצט קעגנאיבער איר מאַן. אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט אַ טרויעריקן בליק, און דערנאָך געזאָגט שטיל :

— פאַרמאַך דעם ראַדיאָ !

— וואָס איז, ליזע ? — האָט מאָרים שטימע געציטערט ביים פאַרמאַכן דעם ראַדיאָ.

— שרעק זיך נישט, מאָרים ! עס האָט מיט דיר נישט קיין שייכות. דינסטיק, צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, וואָלט איך דיך געבעטן צו זיין פריי.

— צו וואָס, ליזע ?

ליזע האָט אַ ציטער געטאָן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דינסטיק נאָכמיטאָג... דינסטיק נאָכמיטאָג... פירן מיר איבער מיין ערשטן מאַן אויף אַ יידישן בית-עולם. כ׳וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט לעבן מיר זיין און מיך באַגלייטן...

מאָרים איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. ער האָט לאַנג געקוקט אויף זיין פרוי. זיין הויכער גוף איז געוואָרן נידעריקער, אַראָפּגעזעצט זיך ווי אַ פּלעמל. ער האָט געעפנט ס׳מויל עפּעס צו זאָגן און האָט נישט געפונען קיין ווערטער. ער האָט זיך אַמאָל-צוויי אויפגעהויבן און צוריק אַראָפּגעזעצט...

נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך אָנגערופן :

— ליזע, איך גיי אַביסל אַרויף צו מענדלען. איך וועל דיך אַביסל לאָזן אַליין...

— גוט. ביסט אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד... — האָט ליזע ווי תמיד געוואָלט אַ שמייכל טאָן, אָבער איר שמייכל איז דאָס מאָל אַרויסגעקומען אַן אויסגעקרומטער.

גאַנץ שפּעטלעך איז מאָרים אַהיימגעקומען. ער איז מיט שטילע, שאָרכלאָזע טריט אַריין אין שלאָפצימער, אָנגעצונדן אַ קליין רויט אַבאַזשור-לעמפּעלע און באַטראַכט דעם אָרום. דאָס קינד איז זיך

רואיק געשלאָפן אין קליינעם בעטעלע. ליזע איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, עס האָט זיך אים אָבער אויסגעוויזן, אַז זי שלאָפט נישט, נאָר טראַכט... אירע אויגן-לעפּלעך האָבן געצוקט. צופעליק האָט זיין בליק באַמערקט ווי איר פּיזשאַמע איז פאַר-קנעפּלט ביז אַרויף אין האַלדז אַריין... ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער קאַנאַפּע.

„אפשר זאָל איך זיך אויסבעטן אויף דער קאַנאַפּע?"

דאָ האָט ליזע זיך שלאַנגיש אַ וויקל געטאָן אין דער בלויער וואָלענער קאָלדרע, געעפנט אירע אויגן, באַטראַכט איר מאַן שטיין אינמיטן צימער מיט דער מאַרינאַרקע אין דער האַנט.

— מאָריס?

— יאָ, ליזע.

— פאַרוואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפן?

— איך האָב דיך נישט געוואָלט אויפוועקן.

— איך שלאָף נישט. קענסט מיר געבן אַ פּראָשעק צו קאָפּ-שמערצן.

— ליזע! — האָט זיך מאָריס געבעטן אויפן ראַנד פון בעט מיטן גלאָז וואַסער אין האַנט. — באַרואיק דיך! איך פיל, וואָס ביי דיר אין האַרצן קומט היינט פאָר. די מלחמה האָט פון יעדן איינעם פון אונז אָפּגעריסן אַ שטיק. דער אָנדענק פון דיין מאַן איז מיר נישט ווייניקער הייליק ווי דיר. ער איז דאָך אונזער אַלעמענס קרבן. אָבער...

— גענוג, מאָריס, לייג זיך שלאָפן!

ער האָט זיך אומדרייסט אַריינגעשאַרט אין בעט, געבליבן ליגן כמעט אויפן ראַנד. אין צימער איז געוואָרן פינצטער. ער האָט זיך איינגעהערט אין זיין פרוים אָטעם... ער האָט זייטיק באַטראַכט זיין פרוים'ס צעגלאַנצטע אויגן. ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט און באַרירן אירע וויעס, צי זיי זענען נישט פייכט פון טרערן, אָבער זיין האַנט איז געבליבן ליגן אַ געליימטע.

— עס איז דיר בעסער, ליזע?

„אויב זי ענטפערט נישט, איז זי מסתמא איינגעשלאָפן". — האָט מאָריס געטראַכט, און געבליבן ליגן אַ גאַנצע נאַכט אַ וואַ-כעדיקער.

דינסטיק נאָכמיטאָג.

דער טאָג איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ זוניקער ליכטיקייט. אויפן בית-עולם „באַניע“ איז שטיל און סודותדיק. אין די פאַרלאָזטע, אומבאַלעבטע אַלייען רוישן דיביימער מיט עפּעס אַ מאָדנעם געפליסטער. מיט גאָלד-געלע בלעטער זענען אויסגעפלאַסטערט די שמאָלע שאָסייען, וואָס מען טרעט נאָר אויף זיי, בעת מען פירט אַ מענטשן צו זיין אייביקער רו. פייגל שפּילן אַריין אין דער טויטער שטילקייט. דאָ שטעלט זיך אַ פייגעלע אויפן געזימס פון אַ רייכער, מיט גאָלד-באַצירטער מצבה; דאָרט — אויף אַן אָרעמען שטיין, וואָס איז אויף דער ערד אַריינגעוואַקסן אין אַ געפלעכט פון ווילדע גרעזער.

מיט רעש איז אין טויער אַריינגעפאָרן אַ שוואַרצער טויטןוואָגן. אויפן וואָגן — אַ קאַסטן, באַדעקט מיט ווייס-שוואַרצע דעקטיכער. נאָכן וואָגן שפּאַנט ליזע אין אַ שוואַרצן שלייער און האַלט איר נאָז אין אַ ווייס טיכעלע. אירע אויגן זענען רויט. מאָרים פירט זיין פרוי אונטערן אָרעם, מיט אַן ערנסטער מינע אויפן פּנים. נאָך זיי — אַ קליינע גרופּע קרובים און קרובות, וואָס האָבן זיך קוים צייט גענומען אַוועקצוואַרפן די אַרבעט אינמיטן דער וואָך און צוקומען באַערן אַ מלחמה-קרבן. נאָך די קרובים, עטלעכע „סאָסיעטע“-יידן. דער וואָגן פאָרט אויפן בית-עולם לאַנגזאַמער, פּאַוואָליער. דאָ און דאָרט ווישט זיך אַ פרוי אויס אַ טרער.

ביים אָפענעם קבר זענען שוין געשטאַנען, וואַרטנדיק, צוויי קברנים אין טונקל-בלויע, לייוונטענע בגדים, און צוקומענדיק האָט ליזע באַמערקט ווי איינער האָט דעם צווייטן מיט אומגעדולד צוגעוואָרפן אַ גראָבע שטריק, וואָס האָט זיך אויף איין אויגנבליק געקנוילט אין דער לופט, און באַלד מיט אַ שטאָלענעם האָק אַ הילך געטאָן אין קאַסטן אַריין. די שטריק האָט עפּעס פון איר אַרויסגעשלעפּט... זי איז אויסגעבראָכן מיט אַן אויסטערליש געוויין. איר שטימע האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אַריינגעוואָיעט אין דער שטילקייט, אַז איר אייגענער מאַן האָט נישט דערקענט איר קול. עטלעכע ווייבער האָבן די פאַרצאַפּלטע ליזע געכאַפּט אין די הענט אַריין און זי אונטערגעהאַלטן.

נאָך אַ קורצער צערעמאָניע האָט מען דעם קאַסטן אַראָפּגע-

לאָזט אין אַ „סאָסיעטע"-קבר. ליזע איז נאָך געבליבן שטיין ביים אָפענעם קבר און געהערט פאַלן מיט אַן אָפּהילך שאָפעלעך ערד, שאָפעלעך ערד...

דער קליינער עולם איז זיך צוריקוועגס איילנדיק צעלאָפן. די אלמנה מיטן איצטיקן מאַן זענען געבליבן די לעצטע אויפן בית-עולם. זיי זענען צוריקגעגאַנגען שווייגנדיקע, מיט צוריקגעהאַל-טענע טריט און פייגל האָבן זיי נאָכגעשפּילט.

אַהיימקומענדיק האָט ליזע אויסגעטאָן דעם שוואַרצן שלייער, אָפּגעזיפצט, ווי באַפרייט פון עפּעס, וואָס האָט געפּרעסט איר נשמה...

זי האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט.

— ווו איז ס'קינד ?

— אין גאָרטן מיט דער פראַנצויזישער שכנה.

— מאַך מיר אַ גלאָז טיי מיט ציטרין !

— גיי, ליזעטשקע, וואַש דיר אָפּ דאָס פּנים מיט קאַלט וואַ-סער ! טרערן מאַכן אַלטע שטריכן, — האָט זיך איר מאַן געבעטן.

— נאַרישער יונג ! כ'האָב מלחמה-צייט גענוג געוויינט, פונ-דעסטוועגן האָט עס מיר נישט געשטערט צו זיין גענוג שיין דיר צו געפעלן, — האָט ליזע געזאָגט מיט אַן אויסגעלייטערטן שמייכל.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען ליזען אָפּגעבערענגט אַ קלייד, וואָס זי האָט עס שוין געהאַט באַשטעלט מיט צוויי חדשים פריער.

מאַרים איז געשטאַנען אַ צעשטראַלטער, באַטראַכט דאָס קלייד פון אַ זילבער-קאָליר, געפוצט מיט גאָלדענע, בלישטשענדיקע שופּן.

— ליזע ! — האָט זיך איר מאַן געבעטן. — טו מיר צוליב און מעסט דיר אָן דאָס קלייד ! איך קען ממש נישט אויסהאַלטן פאַר נייגעריקייט. איך וויל זען, ווי דו וועסט אויסזען אין דעם קלייד.

ליזע האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט פאַרבראָכענע הענט...

— דאָס איז אַן איראָניע פון מיין גורל. פונקט היינט האָט מען מיר אָפּגעבראַכט דאָס קלייד. מאַרים, האָב אַביסל פאַרשטאַנד און הענג דאָס קלייד אין שאַנק אַריין, — האָט ליזע באַפוילן מיט אַ שטימע, וואָס האָט זיך נאָך געבאָדן אין טרויער.

מאַרים האָט אַ ציטער געטאָן, הערנדיק איר קול. ער האָט אויפגעפראַלט די שאַנק און אַריינגעהאָנגען דאָס קלייד.

הערנדיק דעם גרילץ פון דער שאַנק-טיר, וואָס האָט ליזען דער-מאָנט אין דעם געסקריפּ פונעם קאָסטן, בעת ער האָט באַרירט אַ קבר-שטיין, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שוידער אין די ביי-נער... זי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער און אַריינגעקוקט אין דער שאַנק. זי האָט געזען ווי צופוסנס איר ניי באַלאָווע קלייד ליגט איר שוואַרצער אַריינגעוואָרפענער שלייער, אַ צעקנוידעטער, ווי אַ צעטראָטענע שפּין...

# אַ בוקעט בלומען

נאָך האַלבער נאַכט. אַ קאַלטער דעצעמבער-ווינט האָט צעטרייסלט די אָפּגעבלעטערטע האַרבסט-ביימער אויף דעם שטילגעוואָרענעם בולוואַר דע בעלוויל. די לעצטע קאַפֿעען האָבן זיך שוין געשלאָסן. די פֿלאַכטע-דעכלעך איבער טעראַסעס האָבן איצטער געפּאַקט איבער ליידיקע שטולן, אויפֿגעשטאַפּלטע מיט די פֿיס אינדערהייך. דאָ און דאָרט האָט דער אָפּשיין פֿון עלעקטרישע לאָמפּן זיך נאָך געשפּיגלט אין שויבן; אַנדערשוו האָבן די שויבן שוין געשטעקט אין די פֿענצטער-ראַמען, ווי מאַטע שפּיגלען אין דער נאַכט אַריין.

איבערן בולוואַר, מיט לאַנגזאַמע, מידע טריט, האָט זיך אַהיימגעשלעפּט אַן עלנטע, די זעכציק-יאָריקע דראַמאַטישע שוישפּילערין, ראָזאַ פֿינקלשטיין. דער ווינט האָט אויפֿגעפּראַלט איר אָפּגענוצטן, אויסגעריבענעם פֿוטער-מאַנטל און די צוויי צעפּעכערטע פּאָלעס האָבן אַריינגעיאָגט אַ קעלט אין אירע ביינער. דאָס קליינע פּילצן-היטעלע, וואָס איז איר געזעסן אויפֿן שפּיץ קאָפּ, האָט ראָזאַ פֿינקלשטיין צוגעהאַלטן מיט דער לינקער האַנט. אין דער רעכטער — האָט זי פֿעסט געהאַלטן אַ בוקעט בלומען, וואָס זי האָט מיט ליבשאַפֿט געדריקט צו איר ברוסט.

נישט געהערט האָט ראָזאַ פֿינקלשטיין דעם גערויש פֿון ווינט. נישט געזען ווי די צווייגן, ווי אויסגעלאָשענע מנורה-רערן, צאַפּלען אין דער לופֿט. פֿאַר אירע אויגן האָט געשוועבט אַן אַנדער בילד : אַ פּאַריזער-זאַל. אין דער ערשטער ריי — ליידיקע שטולן. זי שטייט אויף אַ שטימונגפֿול-באַלויכטענער סצענע, אין אַ געבאָרגט שוואַרץ, סאַמעט-קלייד און רעציטירט די יידישע קלאַסיקער און מאָדערנע שרייבער. אין דעם זאַל איז געפּייערט געוואָרן איר פֿערציק-יאָריקע טעאַטער-טעטיקייט. נאָך רוישן אין אירע אויערן די הילכיקע

הענט-פּאַטשערייען; נאָך הערט זי די לויב-ווערטער פון באַקאַנטן טעאַטער-קריטיקער, אַראַנאָווסקי:

„בשעת די ברוינע בעסטיעס האָבן געברענט דאָס יידישע קינסטלער-וואָרט, האָט עס ראָזאַ פינקלשטיין מיט מסירת-נפש אָפּ-געהיטן אין איר מוח".

און דערפילנדיק זיך נאָכאַמאָל דערוואַרעמט פון די דאָזיקע ווערטער, טוליעט זי ווי אַ קינד צו איר ברוסט, דעם בוקעט בלומען. און דערביי דאַכט זיך איר אויס, אַז דאָ טראָגט זי אַהיים אירע פערציק געמאַטערטע יאָרן אויף דער יידישער בינע.

זי דערשלעפּט זיך צו אַ פינצטערן פּאַסאַזש, ווו גרויסע שטשו-רעס, מיט גלאַנציקע פעלן, שפּרינגען פון לעכער אַרום און גראָבן זיך אַריין אין ערדישע היילן. ראָזאַ פינקלשטיין זעט אָבער נישט, וואָס אַרום איר טוט זיך. דער הוסט באַפאַלט זי נאָך יעדן שפּאַן. זי מוז זיך אַלע ווײַלע אָפּשטעלן און אויסהוסטן. זי דערהייבט זיך מיט די שטיגן, קוים אַרויף אויפן פערטן שטאָק, שליסט אויף איר קאַלט צימערל, מאַכט ליכטיק און פאַלט אַוועק אויפן נישט-פאַרדעקטן, צעשויבערטן בעט. און אין דער זעלביקער פּויזע ווי זי האָט גע-שפּאַנט אין גאַס, מיטן בוקעט בלומען אין דער האַנט, און מאַנטל מיטן הוט, בלייבט זי זיצן אַן אָפּהענטיקע.

זי קוקט זיך אַרום. אין צימערל הערשט אַן אומאָרדענונג. אויפן טישל בײַ דער גאַז-מאַשינקע שטייען נאָך אַ שטוים אומגעוואַשע-נע טעלער פון עטלעכע טעג צוריק. דער טשייניק אויף דער גאַז-מאַשינקע איז פאַררויכערט ווי דער האַלדז פון אַ קוימען. אויפן נאַכט-טישל ליגן בריוו און וואַרטן אויף ענטפער.

אויפן שטיינערנעם פּאַרקעט ליגן אויסגעריסענע בלעטלעך פון באַרימטע פּיעסעס. קוקנדיק אויף די אויסגעפּליקטע בלעטלעך, דאַכט זיך איר, אַז זי זעט ליגן צעטרעטן אַלע אירע ראָלן, וואָס זי האָט אויסגעשפּילט דורך די פערציק יאָר פון איר טעאַטער-טעטיקייט.

זי קאָן זיך נישט דערקלערן פאַרוואָס גראָד היינט אַוונט קומט איר אויפן געדאַנק איר ערשטע ראָל אין גאָרדינס „די שחיטה", ווו זי האָט געשפּילט די צעפּיעשטשעטע, צעבאַלעוועטע, שיינע הע-נע, וואָס ביים צווייטן אַקט האָט זי ווי אַ שפּיל-פויגל אַרומגע-שוועבט אויף דער בינע. און עפּעס אַזוי ווי איר מוח וואָלט איר געמאַכט אַ חשבון הנפש, שלעפּט ער אַרויס פון איר זכרון, די ער-שטע באַגעגעניש מיט אַ רעזשיסער.

אַלט געווען איז זי אַכצן יאָר: אַ שלאַנקע ברונעטקע, מיט אַ דינער טאַליע, ווי אַ פידל. אירע דריבנע לעקעלעך האָבן זיך אַרומגעלייגט איר האַלדז, ווי אַ שאַלאָווע קעלנערל פון שוואַרצן באַראַנעק. די שוואַרצע קאַרשן-אויגן אירע האָבן געפינקלט מיט דעם ערשטן רייץ, וואָס רייסט זיך צום לעבן. געווען איז עס ווינטערצייט. אונטערן אָרעם — סלאָוואַצקיס אַ באַנד לידער און שעקספירס „אָטעלאָ" אויף פויליש. דער רעזשיסער האָט מיט אַ צעשמייכלט פּנים זי אויסגעהערט און געזאָגט:

— איר האָט אַ פיינע דיקציע. און לויט אייערע באַוועגונגען האָט איר טאַלאַנט אויך. — האָט ער נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון אירע זעלטן-שיינע פּנים.

און פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן בינע-דערפאַלגן. עס זענען אָפּגעפלאָסן גליקלעכע יאָרן, געמישט מיט ליבע-אַוואַנטורעס, ליבע-דערקלערונגען, בענקשאַפט, אייפערזוכט, אינטריגעס, ביז איר האַרץ האָט זיך אין אַ טאָג אָפּגעשטעלט אויף דעם שוישפילער איזאַק קאַרנבלום.

זי געדענקט גוט, ווי ער האָט זי געמאַטערט פאַרן לייכטסטן קוש, וואָס זי האָט געשענקט אירן אַ פאַרערער און ער גופא האָט זי פאַרראַטן ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט דערפון טיף געליטן און נאָך טיפער געשוויגן. זי האָט איר מאַן היים געליבט און האָט נישט געקאָנט באַשליסן זיך מיט אים צו שיידן.

אָבער מיט דער צייט האָט זי גאָר אָנגעהויבן באַמערקן, אַז ער האָט אויפגעהערט צו ווערן אייפערזיכטיק. זיין גלייכגילטיקייט האָט זי ממש דערשיטערט. זי האָט זיך פּאַר עפּעס גענומען שרעקן. און עס איז טאַקע געשען. איינמאָל, אין אַן אָוונט, איז ער אַהיימגעקומען אָן אויפגערעגטער און האָט מיט אַ גלייכגילטיקייט אַ זאָג געטאָן:

— ראָזאַ, די ערשטע ליבהאָבערין וועסטו מער נישט קענען שפּילן. בערטאַ בלומענפעלד איז בעסער פון דיר. איך וויל דיך נישט מער נאַרן. איך קלייב זיך פון דיר אַרויס.

איז זי געזעסן און האָט געהאַלטן אינמיטן איינשטודירן אַ ראָל פון אַנדרעיעווס אַ פּיעסע. דאָס בוך איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. געבליבן זיצן איז זי ווי פּאַראַליזירט און געזען, ווי ער פּאַקט איין זיינע זאַכן און פייפט דערביי אַ ביליק גאַסן-לידל. און בעת

זי האָט באַוויזן אַרויסצושרייען : „איזאַק !״, איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

— מיר דאַרפֿן זיך נישט געזעגענען, מיר וועלן זיך יעדן טאָג זען. — האָט איר לאַנג געקלונגען אין די אויערן.

איצטער שוועבט איר בליק אויף דער וואַנט, ווו עס הענגט אַן אַלטער פּאָרטרעט פֿון איר ערשטער ליבע. קוקנדיק אויפֿן פּאָרט-רעט, פֿילט ראָזאַ פֿינקלשטיין ווי אין איר האַלדז ווערגט זיך אַ גע-וויין, וואָס זי קאָן נישט אַרויסוויינען. זי וואָלט געוואָלט שרייען : „איזאַק״ זי ווייסט אָבער, אַז ער ענטפֿערט אפילו נישט אויף אירע בריוו, וואָס זי האָט אים יאָרנלאַנג געשיקט קיין אַמעריקע, ווו ער לעבט מיט אַ פֿרוי און האָט שוין פֿון איר צוויי דערוואַקסענע קינ-דער. יעדעס מאָל בשעת זי האָט געקוקט אויף זיין פּאָרטרעט, האָט אין איר האַרצן עפּעס געשניטן. אָבער היינט אָוונט, פֿילט זי, ווערט זי פֿון זיין בליק ממש משוגע... איר דאַכט זיך, אַז זיין שמייכלדיק יונג פּנים לאַכט אויס איר צעקנייטשטקייט, איר קרענק, איר אָרעמקייט דאָ אינעם צימערל און איר לעצטע ראָל : „די באָבע-יאַכנע״.

„יאָ, איך האַלט שוין ביי דער „באָבע-יאַכנע״ — טראַכט ראָזאַ פֿינקלשטיין און צעהוסט זיך אַזוי שטאַרק, אַז זי קאָן ממש דעם אָטעם נישט צוריקכאַפּן.

זי קוקט זיך אַרום ווי זי וואָלט ביי וועמען געזוכט הילף און זעט נישט קיינעם; אויסער זיינע אויגן אויפֿן פּאָרטרעט, וואָס לאַכן זי אויס... זי וואָלט גערן געוואָלט אויפֿשטיין, זיך מאַכן אַ גלאָז טיי, אָבער זי פֿילט זיך עפּעס אַזוי צעבראָכן, אַז זי איז באמת נישט בכוח זיך צו רירן פֿון אָרט. זיצט זי און קאָרטשעט זיך איין אין איר מענטעלע, שמעקט צו די בלומען, כדי זיך אויפֿצופֿרישן מיט זייער אַראָמאַט. און קוקנדיק אויף די בלומען, זעט זי ווידעראַמאָל דעם זאַל, די מאַסע און אַן אינעווייניקסטער ציטער גייט איר אַדורך אי-בערן לייב. זי ווייסט נישט, פֿאַרוואָס גראָד אין דער רגע האָט אין איר מוח אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק, אַז דאָס איז געווען איר לעצטער אויפֿטריט.

זי דערמאָנט זיך, אַז אינמיטן רעציטירן האָט זי זיך צעהוסט. זי געדענקט, אַז ביי שלום-עליכמס „זייגער״ האָט מען כמעט נישט געלאַכט. און ביי פּרצעס „נאָך קבורה״ האָט איר האַלדז פּלוצלינג גאָר אָנגעהויבן קרייען. דער עולם האָט געלאַכט מיט אַ פֿאַר-שטיקטן געלעכטער. און זי דערטראַכט זיך, אַז די הענט-פּאַטשע-

רייען, וואָס מען האָט איר געשענקט, זענען מער נישט געווען קיין אָנערקענונג, נאָר רחמנות.

— ווער עס רופט אַרויס רחמנות, רחמנות איז אויף דער לעצ-טער מדרגה. — דעקלאַמירט זי פאַר די פיר ווענט.

אין איר מוח הייבט עפּעס אָן רוישן, זשומען, אין די שלייפן — האַמערן... עס ווערט איר מיטאַמאָל טונקל פאַר די אויגן, אַקו-ראַט ווי אַ געדיכטער, טונקעלער נעפּל וואָלט זיך פאַר איר אַוועק-געשטעלט. דער הוסט באַפאַלט זי ווידער. איר פּנים ווערט רויט, דערנאָך — בלייך. זי שטרעקט אויס אַ האַנט אין דער לופט און לאָזט זי באַלד אַראָפּ, ווי אַן אונטערגעבראָכענע. זי וואַרפט זיך פאַר, פאַרוואָס זי איז היינט אָוונט אויפגעטראָטן. שוין צוויי מאָל האָט מען, צוליב איר קראַנקייט, אָפּגעלייגט איר יובילײ, וואָלט מען אים צום דריטן מאָל אָפּגעלייגט.

„האָב איך דען נישט געקאָנט שטאַרבן, ווייל די וועלט איז מיר שולדיק געווען אַ בוקעט בלומען?" — פרעגט זי זיך אין געדאַנק.

★

צומאָרגנס, בעת די הויז-וועכטערין האָט אָנגעקלאַפּט ביי ראָ-זע פינקלשטיין, ברענגנדיק איר אַ פאַרחתמטן בריוו מיט געלט, האָט קיינער נישט געענטפערט. זי איז געלעגן אָן אויף אייביק-אַנטשלאָפענע, אָנגעטאָן אין דעם מאַנטל. דער הוט איז, ווייזט אויס, ביים לעצטן גסיסה-ציטער איר אַראָפּגעשפּרונגען פון קאָפּ. אירע טויטע הענט האָבן נאָך קראַמפּהאַפט געקלאַמערט דעם בוקעט בלומען.

# אַניטאַ

## 1

אַנטשולדיקט מיר, מאַדאַם אַניטאַ, וואָס איך בין אַוועק פון פאַריז אָן אַ „זייט געזונט“. עס איז אין מיר עפּעס פאָרגעקומען, וואָס האָט מיין שלעכט-געשטימטן „איך“ אַריינגענומען, ווי אַ פּאָרטרעט אין אַן ענגער ראַם...

איר זאָגט דאָך מיר תמיד, אַז איר פאַרשטייט אויסגעצייכנט דעם אומרואיקן גייסט פון אַ קינסטלער, וועט איר מיר געוויס מוחל זיין מיין טאַקטלאָזיקייט.

אייער אויסדרוק, אַז קינסטלער זענען גייסטיקע אַלקאָהאָליקער, איז באמת וווּנדערבאַר. מיר מוזן זיך כסדר אָנשיכורן מיט שיינקייט און ליידן, אַנישט שטעלט זיך אָפּ אונזער שאַפערישער גייסט.

מיר איז נמאס געוואָרן די רוישיקע, פאַרבנרייכע שטאָט, מיט אירע געמאָלענע וועלדער, פעלדער, וואַסערלעך, גרימירטע בינע-בערד, מיטן טעאַטראַלישן געלעכטער, געקינצלטן שמייכל אין לעבן, ווי אויף דער בינע. כ׳בין אַוועק צו דער נאַטור זיך אַביסל אויפפרישן און איינזאַפּן אַביסל עכטקייט.

איך געפין זיך, זינט עטלעכע טעג, אין אַ שטיל דערפל אין מערב-פראַנקרייך. דאָס דערפל פאַרמאָגט איין איינציק באַלעבעטישע געסל מיט אַ צענדליק פּויערישע טיפּן און כאַראַקטערן. די איבעריקע זאַכן, וואָס באַוועגן זיך דאָ, זענען ביימער.

אַ קליין גאָטיש קלויסטערל שטייט דאָ אינעם האַרץ פון דערפל, איז עס אַ גאַנצע וואָך פאַרשלאָסן. עס שווייגט אינעם טאָג אַריין; עס שווייגט אין דער נאַכט אַריין. נאָר איך וויל זיך איינרעדן, אַז איך הער אין דעם שווייגן די אַלע תפילות, וואָס פרי-

מיטיווע דורות האָבן דאָ אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אַריינ־געפּליסטערט. איך זע דעם ווייסן וואַל פון דער יונגער כלה, אַריינ־געפירט צו דער חתונה־צערעמאָניע און איך זע דעם שוואַרצן אלמנה־שלייער, צעכוואַליעט איבער אַ קאַסטן, באַדעקט מיט אַ שוואַרץ טוך...

אין אַ גרויסער שטאָט קען מען איבערן טאָג זען צענדליקער קלויסטערס, ממש אַרכיטעקטאָנישע קונסט־ווערק און מען זאָל זיי נישט שענקען קיין בליק. אָבער דאָ, אין דעם שטילינקן דערפל, פיל איך, אַז ווען דאָס קלויסטערל וואָלט נישט געווען, וואָלט מיר עפּעס געפעלט. גאַנץ פּשוט דערפאַר, ווייל די געביידע האָט אַן אַנדער קאָליר, אַן אַנדערן סטיל, אַן אַנדערן אינהאַלט, ווי אַלע הייזקעלעך אינעם דאָרף.

## 2

שפּעט אין אָוונט האָב איך גערן צו שפּאַצירן אַליינזאַם. דאָס דערפל שטייט דעמאָלט אַן אויסגעלאָשנס, פאַרווישט אין דער טונקעלער גרינקייט פוןביימער. די קאָנטורן פון די הייזקעלעך ווערן פאַרשלונגען אין דער פינצטערער איינקאָלירקייט. עס איז שטיל אַרום און אַרום. ערגעץ־ווו הערט מען זשמיאַקן אַ זשאַבע. אין וואַלד שפּילט דער נאַכטיגאַל. אין דער לופט זשומען פאַר־שידענע פליגן. איך באַקום טיילמאָל אַ שטאָך אין דער פינצטער און ווייס נישט פון וועמען. אין שטאָט קען דאָס טרעפן אין אַ שיינעם העלן טאָג...

די ביימער רעדן פון שלאָף. דאָ און דאָרט צעשאָרכן זיך אַ מחנה בלעטער, וויגן איין ווי אַ פּאַסטאָראַלע מוזיק. דער הימל איבער מיין קאָפּ פאַרמאָגט אַ סאַמעטענע ווייכקייט פון אַ טיפן, טונקל־בלוי, באַצירט מיט זילבער־פּינטעלעך. אויפן ווייטן האָרי־זאָנט — ווייסינקע, געקרייזלטע וואָלקנדלעך, זעען אויס, ווי מידע געלאָקטע שאָף, נאָך אַ הייסן זומער־טאָג, אויף הימלישע סטעזש־קעס שפּאַנען אין דער אייביקייט אַריין. די זילבערנע שטערנדלעך הענגען זיי אויף די העלדזער, ווי גלעקלעך. און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער ממש זייער צעגלעקלטקייט אַרום פון דער שלוהדיקער שטילקייט.

איך גיי אַליין אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג. איך און מיין שאָטן.

מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ, וואָס איך נעם אַרום מיט מיין בליק, געהערט מיר. די גאַנצע נאַטור-שיינקייט איז מיינע. עס ווערט אויף דער נשמה אַזוי גוט און לייכט, אַז איך פיל בחוש, ווי דאָס צאַרטע ווינטל בלאָזט פון מיר אַרויס אַלע שווערקייטן, זאָרגן, אַנטוישונגען, קאָנפליקטן, קנאה, אייפערזוכט, וואָס דאָס שטאָטישע לעבן האָט אין מיר אַריינגעקנעטן.

איך שטעל זיך אָפּ ביי אַ גרין-באַוואַקסענער סקאַלע, פון וועלכער עס שטראָמט מיט קראַפט, אַ וואַסער-קוואַל. אַ שמאָלע פּאַסמע, ווי אַ צעלאָזענער קאָפּ זילבער האָר פון אַ וואַסער-נימפע, גיסט זיך באַרג אַראָפּ מיט שטורעם און שרייט אין דער נאַכט אַריין. ווער ווייסט וויפיל יאָרן דער וואַסער-פאַל פליסט זיך שוין אַזוי און וויפיל צייט ער וועט נאָך אַזוי שטראָמען ? זיין הילכיקער געררויש איז דער איינציקער אין דער פאַרשוויגענער אַרומיקייט. מיר ווערט אַזוי פריש און ווייך אויף דער נשמה, הערנדיק זיין וואַסער-קול, אַז מיר דאַכט זיך, אַז נישט בלויז מיינע אויגן באָדן זיך אינעם וואַסער-קוואַל, נאָר מיין גאַנצער קערפּער. מיר ווערט קיל און פריש. מיינע נערוון — רואיק. וואָס אַמאָל רואיקער, אַז איך קען ממש דעם קוואַל נישט פאַרלאָזן.

איך גיי צוריק אין דערפל אַריין. דער קלויסטער-זייגער שלאָגט שוין אויס 12. די לאַנג-צעצויגענע קלאַנגען ווירקן פאַרן אויער, ווי אָרגל-טענער וואָלטן אַריינגעשפּילט אין דער נאַכט-שטילקייט.

★

נעכטן נאָכמיטאָג בין איך געזעסן מיט די פיס אין אַ קיל וואַסערל. מיין פּנים האָט זיך אין וואַסערל געשפּיגלט. איך האָב עס לאַנג באַטראַכט און מיר געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס געשטאַלט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. איך האָב געוואָלט דערגיין, וואָס דאָס פּנים דריקט אויס און האָב דערזען אין וואַסער-שפּיגל אַ בענקשאַפט צו אַ פרוי. אין די אויגן איז געלעגן אַ טרויער. איר זייט גערעכט מיט אייער אויסדרוק, אַז דער הערשער פון מיין לעבן איז נישט דער קאָפּ, נאָר מיין האַרץ...

שפּעטער אַביסל בין איך אַוועק אין וואַלד. איך האָב געהאַט מיט זיך באַלזאַקס אַ ראָמאַן, נאָר עס האָט זיך עפּעס נישט געלייענט... איך האָב געהאַט אַ שרעקלעכן דורשט. איך בין אַריין צום ערשטן בעסטן פּויער און געבעטן וואַסער. דערזעענדיק אויפן

הויף אַ ברונעם, האָב איך מיר אַליין געוואָלט אָנשעפּן אַן עמער וואַסער, האָט מיר דער פֿויער דערקלערט, אַז פֿון דעם ברונעם טאָר מען קיין וואַסער נישט שעפּן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. פֿאַר זיין כאַטע און ער האָט דערציילט:

„פֿאַר עטלעכע יאָר, זומער, האָבן דאָ ביי מיר געוווינט שטאָ־טישע מענטשן. איר זעט דאָרט מיין שיינע ווילאַ. אין אַ טאָג איז אַראָפּגעקומען אַ יונגע, שיינע דאַמע, וועמען עס זענען נאָכגעפֿאָרן צוויי ליבהאָבערס. ביידע האָבן זי באַדינט און געווײַלט. איינער אויף אַ פֿידל; דער צווייטער האָט געזונגען. די מענער האָבן זיך כסדר געקריגט, זיך איבערגעבעטן, זיך ווידער צעקריגט און די דאַמע האָט זיך פֿון דעם געוויילט.

אין אַ פֿרימאָרגן, ביים אָנשעפּן אַן עמער פֿריש וואַסער, איידער די מענער זענען געקומען פֿון זייער האָטעל, האָט די דאַמע גע־מאַכט אַ געוואָלט, אַז זי האָט אין דעם ברונעם אַריינגעלאָזט איר בראַסלעט, וואָס זי שעמט זיך אויסצוזאָגן וויפֿיל ער האָט געקאָסט. בעת די צוויי ליבהאָבערס זענען אָנגעקומען און האָבן דאָס דער־הערט, האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעשטעלט שעפּן וואַסער פֿון דעם ברונעם, מיט דער האָפֿענונג צוריק צו געפֿינען דעם בראַסלעט. איינ־מאָל דער אַן עמער; איינמאָל דער צווייטער אַן עמער. אין אַ שעה אַרום איז איינער פֿון זיי מיד געוואָרן; דער צווייטער האָט נאָך געשעפּט און דעמאָלט האָט זיך די דאַמע אָנגערופֿן מיט אַ שמייכל:

— הער אויף שעפּן! איך האָב מיין בראַסלעט באַהאַלטן אין בייטל. איך האָב אייך געוואָלט אויספּרוּוון, ווער פֿון אייך וועט האָבן מער געדולד צו מיינע קאַפּריזן.

פֿאַרטאָג בין איך געגאַנגען שעפּן וואַסער פֿון ברונעם, האָב איך דעם מידגעוואָרענעם ליבהאָבער דערקענט אַ דערטרונקענעם. בעת מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט, איז ער שוין געווען קאַלט. פֿון דעמאָלט אָן האָט דער גלח פֿון דערפֿל פֿאַרבאָטן דאָס וואַסער צו נוצן. און שוין אַ היפּשע צייט, ווי דאָס וואַסער איז באַדעקט מיט בלעטער און בעת כ׳קוק אַריין, דאַכט זיך, אַז ס׳איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קבר״.

★

מאַדאַם אַניטאַ,

דערלויבט מיר אייך עפּעס דערמאָנען. זינט מיר קענען זיך, זייט איר ביי מיר געווען צום ערשטן מאָל ערב מיין אַרויספֿאָרן

אויפן דאָרף. איך האָב אייך געוויזן אַ גייסטיקע ביזשוטעריע, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעפינקלט די פּערל, וואָס צענדליקער גע־ניאַלע גייסטער האָבן געשאַפן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אייך געוויזן לאָרד בייראָנס „טשיילד העראָלד״, הוגאָס: „אָריענטאַלן״, שעקספּירס סאָנעטן, האָפמאַנס דערציילונגען, איבסענס דראַמען, זאָרזש זאַנדס „לאַ מאַרקיז״. דאָס איבעריקע געדענק איך נישט. נאָך דעם אַלעם, האָט איר געזוכט מיין מעבל, וואָס איז געמאַכט פון האָלץ. בעת איך האָב אייך גע־לייענט דאָס וווּנדערלעכע מעשהלע פון שאַרל נאָדיע „די פעע פון די ברעקלעך״, האָט איר מיך אינמיטן לייענען געפרעגט, פאַרוואָס איך טויש זיך נישט די וווינונג. און שפּעטער, אין קאָפּע זיצנדיק, האָט איר מיך אומדירעקט געפרעגט פאַרוואָס כ׳טויש נישט מיין נשמה. איר וועט זאָגן, דאָס זענען נישט אייערע רייד. איך ווייס. אָבער דערמאָנט זיך: עס איז אין דער קאָפּע אַריינגעקומען אַ כי־נעזער, וואָס האָט אונז אָנגעבאָטן מעטאַלענע פּרויען־שפּילקעלעך מיט פאַלשע שטיינער, האָבן אייערע אויגן אויפגעלויכטן.

אַהיימגייענדיק, האָט איר מיר אויפן וועג געזאָגט:

— איך באַדויער אייך, איר האָט צעטרענצלט אייער לעבן.

איך וועל קיין זעלבסטמאָרד נישט באַגיין. איך דערמאָן זיך, אַז אויף „אַננאַ קאַרענינאַס״ זעלבסטמאָרד האָבן קריטיקער געזאָגט, אַז טאָלסטאָי האָט מיט אַ האַק דערמאָרדעט אַ פליג...

פונדעסטוועגן וויל איך אייך נישט לאָזן זוכן דעם בעטהאָווען־ביוסט, וואָס איז אַלעמאָל געשטאַנען אויפן דעק פון אייער פּיאַנאָ. איך האָב דעם ביוסט באַהאַלטן, כדי איר זאָלט נישט שפּילן פאַר גרינשטיינען. איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איר האָט זיך צו דעם ביוסט אַזוי צוגעוווינט, אַז אַזוי גוט ווי איר קענט נישט שפּילן אָן נאָטן, קענט איר נישט שפּילן אָן דעם ביוסט. איצט איז מיר אַלץ איינס. איר קענט יאָ שפּילן פאַר גרינשטיינען. דער ביוסט גע־פינט זיך אין דער נידער פון אייער קליידער־שאַנק. פאַרזיכטיק, צעברעכט אים נישט! וואָס איז בעטהאָווען שולדיק אין מיין אייפערזוכט?

איך שרייב דעם בריוו אויף אַ פעלד. צווישן הימל און ערד. אַרום מיר זע איך אַ וועלט־בילד, וואָס איז נישט געמאָלן פון קיין יחיד און הענגט נישט אויף דער וואַנט פון אַ יחיד. נאָר עס הענגט

אין וועלט-רוים און אַלע מענטשן, וואָס האָבן אָפענע אויגן, קע-נען דאָס באַוווּנדערן. איך ריים אויס אַ פעלד-בלום און לייג דאָס אַריין אין אייער בריוו. אפשר איז די אומשולדיקע בלום נישט צופרידן, וואָס איך שיק זי אין שטאָט אַריין? מיין בריוו איז נישט פאַרענדיקט, ווייל דאָס לעבן האָט נאָך אונזער שטילן קאָנפליקט אויך נישט פאַרענדיקט.

זייט געזונט, מאַדאַם אַניטאַ.

---

# אַ מעטער לייוונט

אויף זשאַק ברוינערן, איינער פון די באַגאַבטסטע יידישע מאַ-לער אויפן „מאָנפּאַרנאַס", האָט מען געזאָגט אין דער שטיל, אַז אַ שעה נאָך זיין טויט וועט מען פאַר זיינס אַ בילד צאָלן פאַנטאַס-טישע סומעס.

דערווייל אָבער, כל-זמן זיין אַסקעטיש פּנים האָט נאָך אָפענע אויגן, האָט ער אָפּגעפּינצטערט זיינע יאָרן אין דחקות, טראָגנדיק זיינע לייוונטן פון איין אויסשטעלונג צו דער צווייטער. און יעדע אַנטוישונג האָט אים, להיפוך צו אַנדערע מאָלער, אָנגערעגט צו נייע אידעען.

איינמאָל אין אַ ווינטער-פרימאָרגן, האָט זיך זשאַק ברוינער גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט און זיך אַוועקגעשטעלט אַריינלאָכן דעם טאָג אין פּנים אַריין, מיט אַזעלכע אויפלויכטנדיקע, צעשטראַלטע אויגן, אַקוראַט ווי אין דער רגע וואָלטן אַלע זיינע ליידנדיקע יאָרן פון עפּעס-וואָס אויסגעלייזט געוואָרן.

זיין בעטל אויף פיר רעדלעך, האָט ער איילִיק, נערוועז פאַ-רוקט אין אַ ווינקל. ער האָט זיך מיט אַ פאַרצאַפּלט האַרץ פאַר פרייד, אָנגעטאָן דעם שלאָף-ראָק. מיט אַ ווילדקייט האָט ער אַלע אָנגעוואַליעטע זאַכן אַראָפּגעוואָרפן פונעם צייכן-טיש. אַלץ אין אים האָט געפיבערט. ער האָט זיך אַזוי האַסטיק באַוועגן, גלייך ווי אין יעדער רגע קען עפּעס פון דעם, וואָס ער פילט איצט, אויס-רונען.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם סקיציר-בלאָק מיטן צייכן-בלייער, און אָנצינדנדיק אַ שטיקל פאַרבליבן ליכט אינעם אַנטיקוואַרישן, זעקס-רערנדיקן לייכטער, אויף וועמענס פּיעדעסטאַל עס איז געווען

אויסגעגאָסן אַ פאַרשטויבט, בראָנזן מלאכל, האָט ער זיך מיט אַ גליענדיקן אָטעם אָוועקגעזעצט צייכענען.

זשאַק ברוינער איז איצט געווען באַהערשט פון אַ נייער אי-דעע, וואָס האָט זיין גאַנץ וועזן התלהבותדיק פאַרכאַפּט...

די אידעע איז ביי אים געבוירן געוואָרן אין דער לעצטער, שלאָפלאָזער נאַכט, בעת ער האָט זיך אַ הונגעריקער, אַן אויסגע-פרוירענער פאַר קעלט, געוואָרפן אויף זיין געלעגער און נישט גע-קענט אַנטשלאָפן ווערן. הגם אויף זיין אייזערן אייוועלע איז, ווי תמיד, אין די שווערע ווינטער-נעכט, געלעגן דער פייערדיק רויטער שאַל, וואָס האָט אים אינעם פינצטערן אַרום דערמאָנט אין אַ גע-הייצט אייוועלע, האָט עס דאָסמאָל נישט געווירקט אויף זיינע אָפּ-געשוואַכטע נערוון... די איינזאַמקייט האָט אים איצט שרעקלעך געפּייניקט... די בענקשאַפט צו ווערן געצערטלט פון אַ פרוי, האָט אים אויפגערייצט ביז משוגעת... און דערביי האָט אים אַ גיפטי-קער צווייפל שלאַנגיש גענורקעוועט...

„אפשר זענען מיינע לייוונטן מיט אַלע איזמען, נישט מער ווי די שאָטנס פון מיינע לעבעדיקע אידעען ?... אפשר בין איך, ביים גאַנצן מאַטערניש נישט מער ווי איינער פון די טויזנטער מאָלער, וואָס וועלן פאַרביישוועבן דעם „מאָנפאַרנאַס" ווי אַ שאָטן און פאַרגעסן ווערן ?"...

אַריינוועבנדיק אין דער נאַכט-חשכות די דאָזיקע געדאַנקען, איז אין זשאַק ברוינערן פלוצלונג אויפגעגאַנגען אַ ניי ליכט, וואָס האָט אין זיין פינצטער געמיט העל אַריינגעלויכטן און אָנגעצונדן אַ נייע אידעע אין זיין מוח...

איצט, ביים בלאַסן פרימאָרגן-שיין, געשטרייפט מיטן גאָלדע-נעם ליכט-פלעמל, זיצט שוין זשאַק ברוינער, מיט אַ ליידיקער ליול-קע אין מויל, און רייסט פון זיך אַרוים דעם אויפבליץ פון ביינאַכט. און ווי-נאָר דער ערשטער שטריך איז געווען געצייכנט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגייסטערטער. אַביסל פאַר קעלט, אָבער נאָך מער פאַר צופרידנקייט, האָט ער זיך געריבן אין די הענט אַריין.

— אָט איז די ליניע, וואָס כ׳האָב געזוכט מיין גאַנץ לעבן ! כ׳בין זיכער, אַז פיל מאָלער וועלן אָפּשטאַרבן, זוכנדיק אַזאַ ליניע און וועלן זי נישט געפינען.

און ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעזעצט פאַרזעצן די צייכענונג.

בעת דער קאָנצעפּט איז פאַרטיק געוואָרן, איז די מיטאָג-שעה שוין געווען פאַרביי. דער קינסטלער איז געווען אַזוי פאַרטייעט פאַר קעלט, אַז ער האָט האַסטיק גענומען שפּאַנען איבער דער אַטעליע, כדי זיך צו דערוואַרעמען. דעם עטיוד האָט ער מיטגענומען אין גאַנג און אים אומציילִיקע מאָל באַטראַכט מיט אַ פאַרזשמורעט אויג. דעם קינסטלערס האַרץ האָט זיך ממש אין אים געוואָרפן פאַר גליק...

— אָט דאָס איז עס !...

פלוצלונג האָט זיך זשאַק ברוינער אָפּגעשטעלט מיט אַזאַ מינע, ווי עפּעס אַ שווערער געדאַנק וואָלט פאַרוואָלקנט זיין פרייד.

„אויסצופירן די טעמע, צום „מיז-ען-פּאַזש", וועל איך דאָך דאַרפן אַ מעטער לייוונט !... ווו וועל איך זיך שאַפן געלט אויף אַ גאַנצן מעטער לייוונט ?"... — האָט דער קינסטלער, נאָך ווילדער ווי פרי-ער, גענומען שפּאַנען. אַ וואָלקנדל פאַרע האָט אַרויסגעשאָסן דאָ אין דעם ווינקל; דאָ אין יענעם ווינקל, ווי עס וואָלט דאָ ווער עפּעס אויסגעשריגן מיט אַ שטומער צונג...

אָנגעטאָן, האָט זיך זשאַק ברוינער, ווי ער וואָלט געוואָרן גע-יאָגט פון אַ שׂרפה. שטייענדיק ביים ראַזיר-שפּיגל, האָט ער גע-פרעגט זיין שאָטן : „צי זיין דערגרייכונג קומט נישט אַמאָל צו שפּעט ?"... דערנאָך האָט ער זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט אין גאַס אַריין.

אויפן הימל האָבן זיך געטורעמט געקאַרבטע ווייסע וואָלקנס, ווי מעכטיקע שניי-בערג. אַ נאַסער שניי איז געפאַלן. אַ שטורעם-ווינט האָט געהודזשעט.

זשאַק ברוינערן האָט זיך איצט אויסגעוויזן, הגם ער האָט נאָך נישט געהאַט די מינדסטע אויסזיכט צו באַקומען געלט אויפן מע-טער לייוונט, אַז ער גייט שוין אין לעבן אַדורך דעם לעצטן שטו-רעם...

אין דער קאַפע „די דאָם" איז אים די ערשטע אַנטקעגנגעקו-מען די מאָדעלקע „קיקי", וואָס האָט זיך ביי ברוינערן געמאָנט געלט פאַר פאַזירן.

— לאָז מיך איצט אָפּ, קיקי ! כ׳דאַרף האָבן געלט אויף אַ מע-טער לייוונט. — האָט זיך דער מאָלער ביי איר געבעטן און זיך אַ פאַרביטערטער אוועקגעדרייט.

ער האָט אַרומגענישטערט מיט זיין בליק אין אַלע קאַפע-ווינ-

קעלער און נישט געפינענדיק קיינעם, וואָס זאָל כאַטש אויף אַ רגע אַנצינדן אין אים אַ האָפענונג, האָט ער זיך האַסטיק אַריינגעלאָזט אין דער קאַפע „קופּאָל״.

אַ נייע גאַלעריע פון מאָלער-טיפּן, איינגעקאַרטשעטע, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס אויסגעקוקט, האָט פאַר אים פאַרבייגעשוועבט. ער האָט באַגריסט באַקאַנטע, דאָ און דאָרט דערלאַנגט אַ האַנט, ערגעץ-ווו אויסגעטוישט אַ וואָרט. און הגם ער האָט נישט געהאַט צו וועמען צוצוגיין זיך באָרגן געלט, האָט ער פונדעסטוועגן אַרויסגערעדט.

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַריבערגע-שפּרייזט צו דער קאַפע „לאַ ראָטאָנד״.

אויף דער טעראַסע, אין אַ מעקסיקאַנישן ברייטן מאַנטל, מיט אַ קאַפּישאָן, מיט באָרוועסע פיס אין אַ פּאָר סאַנדאַלן, איז גע-שטאַנען, אַ האַלב-שיכורער דער שפּאַנישער מאָלער, מאַראַנאָ. דער שפּאַנישער מאָלער, אויף וועמענס האַלדז עס האָט געפלאַטערט אַ רויט, דורכזיכטיק שאַליקל, האָט זיך געשפּילט מיט אַ פינף-פראַנק-שטיק, וואַרפנדיק די מטבע אין דער לופטן און כאַפּנדיק זי צוריק ווי אַ קונצנמאַכער.

— מאָראַנאָ, כ׳דאַרף... — האָט אים זשאַק ברוינער דערלאַנגט די האַנט.

דער שפּאַנישער מאָלער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פול מויל ווייסע ציינער. ער האָט זיין מטבע אַריינגעלייגט אין זשאַק ברוי-נערס האַנט.

— מער האָב איך נישט...

זשאַק ברוינער האָט אים צוריקגעגעבן דעם פינף-פראַנק-שטיק און איז אַריין אין דער קאַפע „לאַ-ראָטאָנד״. אַ קאָלירנרייך ליכט האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. רייכע געסט האָבן דאָ גע-געסן געשמאַקע מאכלים. אַנדערע זענען געזעסן ביי גלעזלעך און געוואַרט אויפן אָרקעסטער. עטלעכע רייצנדיקע „לייכטע מיידלעך״ זענען געזעסן ביי טישלעך און געררויכערט, צוּוואַרפנדיק יעדן אַריינ-געקומענעם מאַן אַ בליציק אויג און אַ דין סודותדיק שמייכעלע... זשאַק ברוינער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז אַוועק.

ער האָט זיך אַרויסגייענדיק דערמאַנט אינעם געסל: „די גרוי-סע כאַטע״, ווו עס האָבן געוווינט עטלעכע זיינע באַקאַנטע פאַר-

מעגלעכע סקולפּטאָרן. ער האָט אויסגעמאָסטן אַ היפּש ביסל שטיגן, געעפנט און פאַרמאַכט טירן, אָבער פון אומעטום, איז ער אַרויס-געקומען מיט אַ גרעסערער געקרענקטקייט ווי ער איז אַריין.

פון אַ סקולפּטאָר-אַטעליע אין „פּאַרטער", וועמענס איינגאַנג האָט דערמאָנט אין אַ חורבה, פון וועלכער עס פאַלט שטיקער טינק, און דער פאַרקעט איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט אַ דיקן שיכט צעטראָטענעם, צעטראָשטשעטן גיפּס, איז ער וואָס אַן אמת אַרויסגעקומען אַ צעשמייכלטער, מיט אַן אָנגעפילטער ליולקע טאַבאַק, אָבער ער האָט אויך דאָ נישט באַקומען קיין הלוואה.

איבערלאָזנדיק אַ לענגערן בליק דער האַלב צעקרישלטער „וואַלטער-טאַרסאַ", וואָס איז דאָ געלעגן אויף אַ נידעריק דעכל פון אַ קאַמער, ווי אויסבראַקירט, האָט ער ערגעץ-ווו אַוועקגעאײַלט.

לסוף, נאָכן אַרומבלאָנקעווען זיך, ווי אַ שטיק אומרו, האָט זיך זשאַק ברוינער, אַ נידערגעשלאָגענער, אַריינגעזעצט אין אַ שטול פון אַ זייטיק קאַפעלע און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שוואַרצע קאַפע מיט אַ בייגל, דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּן...

די טראָטואַרן זענען אין דרויסן געלעגן נאָכן נאַסן שניי, ווי שוואַרצע שפּיגלען. די הימלישע שניי-בערג האָבן זיך שוין גענומען איינהילן אין נאַכט-שאָטנס. פון די דעכער האָבן געקאַפּיעט טראָפּנס. דאָס וועטער האָט שלעכט געווירקט אויף זשאַק ברוי-נערס אויפגערייצטע נערוון.

פּלוצלונג, זיצנדיק אַזוי אַ פאַרצווייפלטער, פאַרציענדיק דאָס לעצטע ביסל טאַבאַק, וואָס איז אים אין דער ליולקע פאַרבליבן, איז אין זשאַק ברוינערס זכרון אויפגעגאַנגען אַ נאָמען, וואָס האָט אויף זיין קאַלט פּנים געוואָרפן אַ וואַרעמען שטראַל...

„די אַלטינקע פייגעלע" ! „דאָס איז דאָך מיינס אַ נאָענטע משפחה, פון מיין מוטערס זייט. אָבער ווי אַזוי באַווייזט מען זיך עפּעס פּלוצלונג נאָך אַ הלוואה צו אַזאַ אַלטינקער, בעת איך קום נישט צו איר אַזוי גרוים ווי ס'יאָר איז ?..."

פונדעסטוועגן האָט זיך עפּעס אין אים אַ ריס געטאָן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַהינגעפאָרן.

אַריינקומענדיק האָט שוין די אַלטינקע געטראָגן איר נאַכט-קופּקע אויף אַ מילך-ווייסן קאָפּ האָר. זי איז געזעסן ביים וואַרע-מען אייוועלע און עפּעס געשטריקט. אויף איר טיף-צעאַקערט פּנים

איז שוין געווען אויסגעשפרייט דער שאָטן פון שלאָף. איין אויג, הינטער אַ ברילן-גלאָז, האָט זיך שוין האַלבלעך פאַרמאַכט און צו-ריק געעפנט.

באַמערקנדיק זשאַק ברוינערן, האָט די אַלטינקע אַזאַ שטאַרקן ציטער געטאָן, אַז די קנויל וואָל האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון אי-רע קניען, איבערלאָזנדיק אַ פּלאָנטער אויף דער פּאָדלאָגע, צווישן דעם מאָלער און דער אַלטינקער.

— יעקב יוסף ! — האָט די אַלטינקע אויסגעשריגן. — ווי קומ-סטו עפּעס פּלוצלונג אין אַזאַ וועטער דאָ אַהער ? אפשר האָט מיט דיר חלילה פּאַסירט אַן אומגליק ?!... רעד !...

זשאַק ברוינער איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי פֿאַרשטיינערט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די מוטער זײַנע האָט אים גערופן : יעקב יוסף. דאָס שטיבל ביי דער אַלטינקער איז פול געוואָרן, פאַר זשאַק ברוינערס אויגן, מיט היימישע געשטאַלטן... פון איר אַלט קול האָט אַרויסגעשריגן זײַן יוגנט... ער האָט זיך שווער, ווי איינגעבראָכן אַראָפּגעזעצט... און נאָך אַ שווערן אָפּזיפץ, האָט ער דער אַלטינ-קער אַלצדינג גענומען דערציילן.

די אַלטינקע האָט, אויסהערנדיק אים, דערווייל איינגעגאָסן טיי, אויפגעשטעלט קיכלעך. דערנאָך איז זי געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, אײַנשלינגנדיק יעדעס וואָרט, וואָס דער מאָלער האָט דער-ציילט...

בעת זשאַק ברוינער איז שטיל געוואָרן, איז די אַלטינקע צו-געגאַנגען צו אַ שאַנק, געעפנט אַ טיר מיט עפּעס אַ משונהדיקן סקריפּ און אַרויסנעמענדיק אַ פיין-פּאַרפּאַקט פּעקעלע, האָט זי עס אַרויפגעלייגט אויפן טיש און אויפגעפּאַקט. פאַר זשאַק ברוינערס אויגן האָט אַ בלענד געטאָן אַ שטיק פון אַ דיקער לייוונט... זײַן האַרץ האָט אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן...

אָבער אין דער רגע האָט ער דערהערט דער אַלטיטשקעס קול :

— הער זיך איין, מיין קינד ! קיין געלט צו באָרגן האָב איך נישט. אַמאָל האָב איך אַרומגעטראָגן שטוב-זאַכן אויף אָפּצאָל. היינט איז דאָס נישט מער פאַר מיינע כוחות, מיין טאָכטער, סאַר-טשע, האַלט מיך אויס. גלויב מיר, אַז כ'וואָלט דיר גערן, מיטן גאַנצן האַרצן, געוואָלט אַראָפּגעבן אַ מעטער לייוונט ! דו ווייסט

דאָך, צו וואָס אַזאַ אַלטער מענטש ווי איך, גרייט זיך צו לייוונט... אָבער איך קען ביי זיך נישט פועלן עפּעס אַראָפּצושניידן פון מיינע תכריכים...

אַ שוידער איז אַדורך איבער דעם מאָלערס ביינער... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געבליבן שטיין ווי געפּלעפט... אין מוח האָט אים שרעקלעך געזשומעט... קוקנדיק אויף דער לייוונט האָט ער מער נישט געזען דעם אָנהייב פון זיין נייער טעמע, נאָר דעם סוף, וואָס לייזט אויף אַלע מענטשלעכע פּאַרלאַנגען... ער האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערפילט, אַז די אַלטינקע, שטייענדיק אַזוי פאַר-טראַכט איבער די לייוונט, איבער איר הילע פון טויט, האָט מיט איר שטומקייט איבערגעשריגן זיין טעמע...

———■———

# בערג און תהומות

טייערע ראַשעל,

איך באַדויער וואָס צוליב אַ קאַפּריז האָסטו דיך אָפּגעזאָגט מיט מיר מיטצופאָרן און דערמיט האָסטו פאַרשפּילט ממש אַ גאַנצע וועלט נאַטור-וואונדער — דעם צויבער פון די אַלפּן-בערג, וועלכע פאַזירן שוין אַזוי יאָרהונדערטער פאַר פאַרביישוועבנדיקע דורות.

איך געפין זיך אויפן וועג קיין שאַמאָניקס.. דער פרימאָרגן איז אָנגעטאָן אין אַ ראָזאָווער בלויקייט. די ערד ליגט דאָ פאַר מיין בליק, ווי אַ פאַרבנרייכער גאָבעלין, געשטיקט מיט זוניקע גאָלד-שטראַלן, וועלכע פליסן שפּעדיק אַראָפּ פון אַ ראָז-באַלויכטענעם מזרח-וואָלקן, וואָס רעמט איין די זון און פאַרגיסט אַ האַלבן הימל מיט ליכט-קוואַלן.

דער רויט-גרינער אויטאָקאַר אונזערער שטערט אויף אַ ווײַלע מיט זיין גערויש די שלווהדיקע שטילקייט, וועלכע שפּילט דאָ אויס אַן אומשטערבלעכע פּאַסטאָראַלע סימפאָניע.

די מעלאָדיע פון שטילקייט האָב איך אָקאָרשט דערהערט, בשעת אונזער אויטאָקאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אַנטשוויגע-נער.

מיר האָבן דאָ גענומען אַרומקריכן ווי אַ מחנה קאָלירטע מו-ראַשקעס צווישן די גיגאַנטישע אַלפּן-בערג, וועלכע הויבן זיך אויף טורעמדיק מיט אַלערליי פאָרמען פון שפּיציקייטן, קאַנטי-קייטן, רונדיקייטן, האַלב-קרייזיקייטן, אויסגעהוילטקייטן און רייסן זיך מיט גבורה אין די הימלען אַריין, אַקוראַט ווי די ברעגעס פון די האָריזאָנטאַלע וואָלקנס וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן, ממש ווי איין שטיק, מיט די זיגזאַגישע ברעגעס פון די אַרויפגעכוואַ-ליעטע בערג מיט אַ גרינעם שוים אויף די ליפּן.

פאַרן אויג דאַכט זיך, אַז די שטייענדיקע בערג פּליסן נאָכאַנאַנד אַוועק, אַוועק אויף טויזנטער קילאָמעטער, טראָגנדיק אויף זייערע מעכטיקע קעפּ צעפּלאַשעטע גריוועס פון האַרטן גראַניט, באַוואַקסן מיט גראָז. און פאַרן אויער, דאַכט זיך, אַז די שווייגנדיקע בערג שרייען מעכטיק אויס זייער אומבאַזיגטן כּוח פון אייביקן דאָ-זיין...

דאָס אויג פּלאַטערט דאָ אַרום מיט אַזאַ שטורמישער נייגעריקייט, פּונקט ווי דער אָדלער, וואָס האָט דאָ גראָד געקרייצט מיט זיינע צעשפּרייטע פליגל, אַ פּאַס וואַסער פון דער „איזער"-אַזיערע, וועלכע קריכט דאָ לאַנגזאַם, פּאַוואָלינקע אויפן טאָליקן באָדן, ווי אַ גרין-בלויע שלאַנג וואָלט זיך געררוקט אויפן בויך — הויבט זיך איבער אַ בערגל שטיינער און פאַלט ערגעץ אין אַ טאָלעכל אַריין, צעקרישלענדיק אויף אַ רגע דעם שפּיגל-גלאַנץ פון איר גלאַטיקער הויט.

אויף ווי ווייט דאָס אויג קען נאָר דערגרייכן, יאָגט דער בליק נאָך די וועלדער נאָדל-ביימער, וואָס האָבן שטעקן זייערע ערשטע שטאַמען אויף די סאַמע בערג-שפּיצן און שיפּן זיך שטופּנווייז אַראָפּ אין אַ טאָליקער פעלזן-וועלט אַריין.

און כאַפּסטו אַ בליק אין אַן אַנדער ריכטונג — דער וועג פירט קיין זשענעוו — באַמערקסטו, ווי פון בערג, געדיכט באַדעקט מיט אַ טונקעלן גרין, גיסן זיך נאָכאַנאַנד געשלענגלטע, שמאָלינקע וואַסער-שטרייפן. קוקנדיק אויף זיי פונדערווייטנס, דאַכט זיך דיר, אַז דאָס זענען העלע זילבערנע בליצן, וואָס האָבן נאָר-וואָס געשטרייפט אַ שטיק הימל און זענען דערנאָך אַראָפּגעפאַלן אויף די בערג, געבליבן ליגן, אין דער פּאָזע פון זייער בליציקן געלויף, פאַרגליווערטע.

מיר פאָרן ווייטער.

מיין בליק פאַלט אַריין אין די וווּנדערלעכע „טאָלן פון אַרלי". צאָלרייכע, קרישטאָלענע טייכעלעך פּליסן אַראָפּ, פליושקען פון טיפע סקאַלע-שטיגן, וואָס האָבן זיך במשך פון יאָרהונדערטער אַליין אויסגעהאַקט, אויסגעשניצט. די טייכעלעך, ווי אַ זילבער-שטויב באַגאָסן מיט אַ פיאָלעטן אָפּשיין, וואַרפן זיך אַריין אין דער „איזער"-אַזיערע.

מיר קומען אָן צו דער „בריק פון תהום", שלענגלט זיך צווישן

סקאַלעס אויף אַ לענג פון צענדליקער מעטער. אָט פּאָרן מיר אַריין אין אַן אויסגעהוילטן בויך פון אַ ריזיקער סקאַלע. אויף געציילטע מינוטן ווערן מיר פאַרזונקען אין פינצטערניש. און אָט באַלד דערזען מיר ווידער דאָס גאָלד-בלויע טאָג-ליכט.

מיר קוקן מיט אויפגעריסענע בליקן אַריין אין דער טיפקייט פונעם תהום. דאָס האַרץ גיט פילבאַר אַ צאַפּל. איינער כאַפּט זיך אָן אין צווייטנס אַקסל. דער אָטעם ווערט אָפּגעהאַקט, ווי איבערגעשניטן. דאָס אויג קען זיך גאָרנישט דערגראָבן ביז צום דנאָ פונעם אָפּגרונט, באַדעקט מיט אַזאַ געדיכטער פינצטערניש, אין שיינעם העלן פרימאָרגן, אַז עס דאַכט זיך צו זען אויפן דנאָ אַ פּאַרגליווערטן, געדיכטן, מוטנעם, שוואַרצן טייך.

הויכע געקאַרבטע סקאַלע-ווענט, ווי אונטערערדישע, געשטופּלטע מויערן, צעטיילן אויף צענדליקער ערטער דעם שטיינערנעם תהום-באָדן. פון יעדער וואַנט שטאַרצן אַרויס פאַרשידנפאָרמיקע, אומגעהויער-גרויסע פעלדזן-שטיינער מיט טיפע קאַרבן אין די קעפּ. אין די שפּאַלטן פון די מעכטיקע שטיינער-בלאָקן פליסן, פּלונטשען כסדר אַדורך זילבערנע ריטשקעלעך וואַסער, שפּילן אויס מיט אַ שטיל-שטילן גערויש אַן אייגנאַרטיקע מעלאָדיע, וואָס באַצויבערט און שרעקט גלייכצייטיק איבער דאָס האַרץ.

פונדערווייטנס ווערן די מעכטיקע פליגל פון די געקאַרבטע שטיינער-בלאָקן אינעם תהום ענלעך צו אויפגעהויבענע, געקרייצטע, צעשוימטע כוואַליעס פון אַ צעשטורעמטן ים, אין אַ בייזער שעה, וואָס וואָלטן זיך כאַפּטיש געריסן מיט אומגעצוימטער קראַפט פון אָפּגרונט צום ברעג און אַזוי אין דער צעשויבערטער פּאָזע געבליבן הענגען איבערן תהום פאַרטייעטע אויף אַלע יאָרהונדערטער.

מיר קומען אָן צום גרעסטן ריז פון די אַלפּן-בערג, צום „מאָנבלאַן“.

צוועלף שפּיצן פון אַ שטופּנווייזער פיר-טויזנט-מעטערדיקער הייך, בערגלען זיך אַרויף צו זיין מעכטיקן קאָפּ, באַדעקט מיט טיף גרודעוואַטע, ווייסע שניי-אינזעלעך, וואָס הגם די זון הענגט איבער זיי אַ צעגליטע, ווערן זיי קיינמאָל נישט צעשמאָלצן, נאָר נעמען בלויז צו פון דער זון גאָלדענע שטראַלן, ווי אַ באַציר צו זייער ערדישער שיינקייט. די גרינע נאָדלען אויפן רוקן פון „מאָנבלאַן“ גיבן צו אַ גרינעם טאָן דעם ווייס-בלענדעדיקן שניי. די פייגעלעך,

די „בערג-קלעטערער״, וואָס טאַנצן אַרום אויף די גרינע נאָדל-ביימער און שפּילן אויס זייערע טרילייקעס פון אַזאַ מעכטיקער הייך, זעען פונדערווייטנס אויס ווי געצייכנט אויף אַ הימל-בלויער לייוונט.

צופוסנס דעם „מאָנבלאַן״ ליגט דאָ, ווי אַ פּוסבענקעלע, דאָס שטעטל שאַמאָניקס. מיר פאָרן מיט אַ קליין באַנדל אַרויף צום אייז-ים. דאָס באַנדל, איבער טיף-געקאַרבטע שינעס, שלעפּט זיך לאַנגזאַם, פּאַוואָלינקע. דו ווערסט אַזוי שיכור פון דער אַרומיקער כישוף-פולער פּאַנאָראַמע, אַז דו פילסט ממש נישט ווי יעדע פּאַרבייגייענדיקע מינוט פליסט דאָ אַראָפּ ווי אַ טרער פון אַן אויג, אָנגעפילט מיט התלהבות.

ביי דעם פּלעטל, וואָס צוימט אַרום דעם אייז-ים, בין איך אַ לענגערע ווײַלע געבליבן שטיין, הגם אין מיינע ביינער האָט זיך אומבאַמערקט אַריינגעגאָסן אַ קילקייט. אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער אייז-ים שטראָמט מיט אַ שטילן, קוים-הערבאַרן ריטם.

באַלד האָב איך באַמערקט זיין פּאַרגליווערטקייט, זיין דיקן שיכט פון איבער זיבן הונדערט מעטער. די אויבערפלאַך האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אויפגעאַקערטע זילבערנע גרודעס ערד, ציען זיך אַוועק אין דער אומענדלעכקייט אַריין, טראָגנדיק אין זייערע טיפע קאַרבן גאָלדענע ליכט-פלעקן פון דער שיינענדיקער זון.

בעת דו קומסט אַריין אין דעם באַרימטן „אייז-פּאַלאַץ״, נעמט דיך אַרום אַ קעלט. אָבער ווי נאָר דו נעמסט באַוווּנדערן די ווערק, וואָס קינסטלער-הענט האָבן אויסגעאַרבעט פון אייז : דעם טיש, אַרומגעשטעלט מיט שטולן, די פּיאַנאָ מיט אירע קלאַווישן, דאָס באָד-צימער, דערפילסטו ממש ווי פון די אַלע אויסגעקנעטענע פּאָרמען שלאָגט אַ וואַרעמקייט, ווי דו וואָלסט מיטאַמאָל דערפילט דעם וואַרעמען אָטעם פון דעם פּלאַסטיקער, וואָס האָט אין דעם אייז-קאַלטן שטאָף אַריינגעבלאָזן קאָכעדיק לעבן.

★

אַראָפּקומענדיק צוריק אין שטעטל אַריין, זיצנדיק אין אַ קאַפע ביי מיין מיטאָג-טישל, האָט זיך מיר געטראַכט, אַז די אַלע יסורים און פּיין, וואָס דער מענטש לעבט איבער אויף זיין לאַנגן לעבנס-

וועג, ווערן דאָ דערטרונקען אין איין-איינציקן גרויסשטראַל פון שיינקייט. איך האָב עפּעס מיטאָמאָל דערפילט אַזאַ דאַנקבאַרקייט, אַזאַ טיף געזאַנג צו די בערג און תהומות, גלייך ווי נאָר זיי וואָלטן דעם מענטשן געשענקט די גרעסטע פרייד און דאָס שענסטע גליק וואָס מען קען פון לעבן דערוואַרטן.

פּלוצלונג איז געוואָרן אַ געלויף, אַ געשריי, אַ גערויש פון קו-לות האָט זיך געטראָגן איבער די פּיטאַרעסקע געסלעך, פאַרגאָסן מיט זון און מיט פאַרביקע קליידער פון אַלערליי קאָלירן.

איך האָב זיך ווי אַ קליינטשיק כוואַליעלע אַריינגעגאָסן אינעם פאַרביקן מענטשן-שטראָם און מיטגעשווענקט זיך, מיטגעשוווּמען.

די שטראָמיקע מאַסע האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער אָריגי-נעל-אַרכיטעקטאָנישער געביידע פון שטאָט-ראָט. ערשט דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט געבראַכט צוויי יונגע דערהרגעטע אַלפּיניסטן. איינעם אַ „בערג-קלעטערער", וואָס האָט זיך געריסן אינדערהויך — אין הימל אַריין; דעם צווייטן אַ תהום-פאָרשער, וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף און זיך געוואָלט דערגרונטעוועון ביז צום לעצטן שטאָפּל פון לעבן.

איצט ליגן ביידע דאָ אויף צוויי טראָג-ברעטלעך, באַדעקט ביז איבערן פּנים, מיט שוואַרצע טיכער. עס שטאַרצן אַרויס אַ פּאָר שיך, באַשלאָגן מיט רייפן. ביי איין הרוג שטייט אַן איינגעבראָ-כענע מוטער און קריגט זיך מיט גאָט:

— ניין, ניין, ניין, עס איז נישט אמת!... מיין ראָזשעס לעבט, ער לעבט!... ווי לאַנג איז דען ווי כ'האָב אים איינגעפּאַקט זיינע זאַכן אין וועג אַריין?... דו ווייסט מיר אים נישט צונעמען, גוטער גאָט!... ווי קענסטו מיר צונעמען מיין איינציקן זון, מיין איינציקע טרייסט?...

ביים צווייטן הרוג שטייט אַ יונג, בליענדיק מיידל מיט אַ קאָפּ גאָלדענע לאָקן. זי קען פאַר צער נישט שרייען. זי וויינט אין דער שטיל, קניענדיק מיט פאַרבראָכענע הענט ווי ביי אַ געבעט. אירע רונדיקע אַקסלען צוקן, טרייסלען זיך... אירע ליפּן לאָזן פון צייט צו צייט אַרויס מינאָרנע טענער...

ביים אַרויסגאַנג שטייט אַ מיטליאָריקער עלעגאַנטער מאַן. ער האָט, ווייזט אויס, געזען די צוויי הרוגים. ער זעט אויס צו זיין גערירט. אין זיין רעכט אויג הענגט נאָך אַ גרויסע טרער. אָבער

דאָס לינקע אויג קוקט שוין נאָך אַ יונגע, גראַציעזע שיינהייט, וואָס האָט דאָ גראָד פאַרבייגעשפּאַנט מיט קאָקעטישע טריטלעך, אין אַ לייווענטענעם קאָסטיום פון ציטרין־קאָליר, געפּוצט מיט שוואַרצע העפטערייען. ער גייט, מיט האַסטיקע טריט נאָך דער רייצנדיקער דאַמע. טראַגנדיק אָקאָרשט אין זיך די שטימונג פון טויט, יאָגט ער זיך שוין נאָך — די פריידיקע שטימונג פון לעבן...

★

מיר פאָרן צוריק קיין עקס־לע־בען.

נאָכן אָוונט־ברויט, אַרומשפּאַנענדיק אַליינזאַם אין מיין האָ־טעל־צימערל, האָט מיך, ראַשעל טייערע, אַרומגעכאַפּט אַ טיפע בענקשאַפט דיך צו זען... אינדרויסן האָט געקאַפּיעט אַ קאָלירט רע־גענדל, אַקוראַט ווי עס וואָלטן פון הימל געפאַלן וואַסער־פּערל, וואָס האָבן צעגאַסענערהייט אַרויסגעטריפט דעם אָפּשפּיגל פון אַ פאַרבנרייכער שקיעה.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט דיר אָנשרייבן אַ בריוו; אָבער איך האָב אים צעריסן, ווייל נאָכן אָנזען זיך מיט אַזוי פיל נאַטור־שיינ־קייט, האָבן מיינע וואָרט־בילדער פאַרלוירן די קראַפט איבערצו־זעצן מיינע טיפע געפילן צו דיר...

צומאָרגנס נאָכמיטאָג האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר אין אַ שיפל, אויף דער „אָזיערע פון בורזשע". איינהאָרכנדיק זיך אינעם ריטמישן וואַסער־גערויש, פילנדיק זיך איינגערעמט אין אַ ראַמקע פון בערג, באַשלאָגן מיט אַ גרינעם פּליוש, האָב איך אין דער רגע ערשט געפונען דעם ריכטיקן טאָן פאַר מיין ליבע־בריוו. איך האָב געטראַכט, אַז דו האָסט מורא מיט מיר זיך צוזאַמענצוגיין, ווייל כ׳בין צופיל דיכטונג... און איך האָב מורא פאַר דיין אַריינטריט אין מיין לעבן, ווייל דו ביסט צופיל ווירקלעכקייט... מיר פאַר־אייניקן זיך נאָר אין די מינוטן, בעת מיר דערזען זיך מיט די אויגן פון געפיל... און פאַרקוקנדיק זיך אויף אַ כוואַליע, וואָס האָט זיך געקרייזלט, אַ צעשוימטע אַרום מיין שיפל, האָט זיך מיר אויסגע־וויזן, אַז אין דער כוואַליע שפּיגלט זיך מיין פאַרליבט האַרץ, וואָס שוימט מיט שטורעם אַוועק צו דיר, בענקשאַפט מיינע — ראַשעל !...

# דאָס אָרעמע שניידערל

אַ יאָרצייט-ליכט מיין מוטער ביילע-טויבע,
אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ.

דאָס מעשהלע האָט מיר מיין מוטער דערציילט בעת איך בין אַמאָל ווי אַ צען-יאָריק יינגל שטערבלעך קראַנק געווען. פרעמדע מענטשן האָבן שוין פאַר מיין צאַנקענדיק לעבן נישט געגעבן קיין גראָשן. אָבער מיין מוטער האָט עס נאָך אַלץ פאַר מיליאָנען נישט געוואָלט אָפּגעבן...

פאַרנאַכט.

מיין פאָטער איז אַוועק אין בית-המדרש דאַוונען מינחה-מעריב. די איבעריקע קינדער פון אונזער הויזגעזינט זענען אַרוים אויפן הויף זיך שפּילן. מיין מוטער איז געבליבן זיצן אַן אומרו-איקע, איינזאַם אויפן ראַנד פון מיין בעטל און האָט איבער מיר געוואַכט... די שטוב איז שוין פול געווען מיט נאַכט-שאָטנס, וואָס האָבן נאָך געטראָגן אויף זיך דעם לעצטן פאַרביקן אָפּשיין פון אָפּ-שטאַרבנדיקן טאָג...

— ווילסט הערן, מיין קינד, אַ מעשהלע ? — האָט מיין מוטער מיך געפרעגט, גלעטנדיק צערטלעך מיין צעהיצטן שטערן מיט שרעק און טרייסט.

— כ׳וויל הערן, מאַמעניו ! — האָב איך מיט נייגעריקייט אויפ-געריסן די אויגן.

אַ ווײַלע האָט זיך מיין מוטער פאַרטראַכט און באַלד האָב איך געהערט איר מעלאַדישע שטימע, וואָס האָט מיך איינגעוויגט ווי אַ וויג-ליד און אויפגעוועקט מיין קינדערישע פאַנטאַזיע.

„אין אַ קליין שטעטל האָט געוווינט אַן אָרעם שניידערל. ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט און האָט קיינמאָל נישט געהאַט

אויף שבת צו מאַכן. געהאַט דריי דערוואַקסענע טעכטער — דריי חופות צו שטעלן אין איין טאָג. אָבער קיינער האָט זיך צו זיי נישט געשדכנט, ווייל מען האָט אין שטעטל געוווסט, אַז דאָס אָרעמע שניידערל האָט פאַר זיי נישט קיין נדן.

איינמאָל רופט זיך אָפּ דעם שניידערלס ווייב:

— האָסט געהערט בערל קרוין, דו וואָלטסט אַמאָל געפאָרן צו אַ גוטן יידן, ער זאָל דיר עפּעס געבן אַ ברכה. דו זעסט דאָך, אַ וועלט מיט מענטשן פאָרן צו רביים און ווערן געהאָלפן, אפשר וועלן מיר אויך געהאָלפן ווערן?

— ביסט גערעכט, רייזל מיין ווייב — ענטפערט דאָס שניי-דערל. — אָבער... געלט אויף הוצאות.

— גייט מען צופוס, — האָט די שניידערקע בייז געענטפערט.

איז דאָס שניידערל אַוועק צום רבין. געגאַנגען זיבן טעג און זיבן נעכט אַ הונגעריקער, אַ דורשטיקער, אַ נישט-געשלאָפענער, ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען צום רבין.

ער קומט אַריין אין רבינס „הויף", טרעפט ער דאָרט יידן פון האַלב פוילן. בעטנדיקע קולות — אַ ים, רוישט דעם אָרעמען שניי-דערל אין די אויערן. גרויסע נגידים, וואָס קומען צופאָרן אויף איי-גענע קארעטעס, לאָזן די שמשים באַלד אַדורך מיט גרוים דרך-ארץ. אָבער דאָס אָרעמע פאָלק שטויסט זיך, שטופט זיך, געוואַל-דעוועט, טאַראַראַמעוועט און בלייבט אַלץ אינדרויסן. האָט דאָס אָרעמע שניידערל דערפילט, אַז ער איז באַדראָט, נישט צו ווערן אויפגענומען נאָך זיבן מעת-לעת גיין צופוס. האָט ער זיך מיטן כוח פון בטחון אַדורכגעריסן און איז מיט אונטערגעבראָכענע קניען אַ פאַל געטאָן פאַרן רבינס טיש:

— הייליקער צדיק! כ'בין זיבן טעג און זיבן נעכט דאָ אַהער-געגאַנגען צו אייך צופוס נאָך אַ הילף. אַ שניידער בין איך, וואָס מאַך אַ מלבוש מיט צוויי פאָלעס און בין דערפון אַן אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס.

דער רבי, אַ גרייז-גרויער זקן, מיט אַ ווייסער געקאַרבטער באָרד ביז צו דער גאַרטל, איז געזעסן ביי אַ ספר, צוגעדעקט מיט אַ רויט נאָז-טיכל. ביי זיין רעכטער האַנט — אַ פּערלמוטערן טאַ-באַק-פּושקעלע. געהערט דעם שניידערלס רייד, האָט זיך אויף זיין אויסגעבלייכט פּנים באַוויזן אַ דינער שמייכל. און ער האָט דעם שניידערל דערלאַנגט די האַנט:

— שלום-עליכם, בערל שניידער. יאָ, דו ברויכסט טאָקע אַ הילף! אָבער פאַרוואָס ביסטו זיך נישט מודה, אַז דו מאַכסט אַמאָל אַ שטאָך אין שבת אַריין. אמת, בערל?

— אמת, רבי! — האָט דאָס שניידערל געציטערט. — אָבער...

— שווייג! פון היינט אָן, בערל, מעג אפילו צו דיר קומען אַ מאַגנאַט און דיך ווען אָפּגילטן פאַר איין שטאָך, בשעת די שבת-ליכט ברענען שוין, זאָלסטו אים אָפּזאָגן. און אויב דו זאָגסט מיר דאָס צו, קענסטו אַהיימגיין בשלום. איך גיב דיר מיט מיין ברכה, אַז גאָט זאָל דיר אומקערן כפל כפלים. גיי געזונטערהייט, בערל!

— איך זאָג אייך צו, רבי! — האָט דאָס שניידערל אויסגעשריגן מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט און זיך געפּרייט צוזאַמען.

אויפן וועג אַ היים האָט דאָס שניידערל מער קיין מידקייט נישט געפילט. ער איז ממש אַהיימגעפלויגן זיין ווייב אָנזאָגן די גוטע בשורה.

וואָכן און חדשים זענען פאַריבער, אָבער דאָס שניידערל איז אַלץ געבליבן אַזאַ דלפן ווי געווען.

איינמאָל רופט זיך אָפּ די שניידערקע:

— זעסט, בערל, מיר האָבן קיין מזל נישט! דער רבי...

— שווייג, יידענע! — האָט דאָס שניידערל זיך געבייזערט. — וואָס לעבן מיר שוין חלילה דעם לעצטן טאָג? עס וועט נאָך קומען צו צערינען און צו צעשווימען. — האָט זיך אויף דעם שניידערלס קנאָכיקן פּנים געשפּיגלט אַן אָפּשיין פון בטחון.

★

אַ זומערדיקער פרייטיק פאַרנאַכט.

דאָס שטעטל האָט שוין אויסגעלאָשן איר וואָכנדיק לעבן און זיך אויסגעצירט אין שבתדיקייט. פון די יידישע פענצטער פינקלען שוין אַרוים די שבת-ליכט און בליץ-לאָמפּן צינדן אָן די שויבן פון נגידישע הייזער. דער הימל ליגט איבערן שטעטל, ווי אַ זיידן בלוי פּרוכת, געפּוצט מיט כלערליי פאַרבן, וואָס געפינען זיך אין הימלישן אוצר. יידן אין אַטלאַסענע יופּיצעס; אַנדערע אין פּראָסטע בגדים גייען שוין מיט לאַנגזאַמע טריט דאַווענען. און יינגלעך קרייזלען זיך זיי נאָך, ווי די פּיאהלעך אויף זייערע צעפלאַמטע בעקלעך. ווייבער אין שבתדיקע, קאַרבירטע שייטלען, באַבעס אין באַקרעלטע קופּקעס, זיצן ביי די אָפענע פענצטער און

שאָקלען זיך איבער זייערע תחינות. כלה-מיידלעך מיט אויסגע-צוואָגענע, פריש אויסגעפּלאָכטענע צעפּ, לכבוד שבת, פאַר-שלייפטע מיט קאָלירטע באַנד, זיצן אויף די שוועלן אויסגעפּוצטע, צעשמייכלטע און לאָזן זיך באַוווּנדערן פון די פאַרבייגייענדיקע בחורים.

דעמאָלט איז אַ קאַטש אַנגעפּאַרן אין שטעטל אַריין און מעשה-שטן זיך אָפּגעשטעלט ביי בערל שניידערס באַטקעלע. עס האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ מאָדנע געקליידעט פּריצל, וואָס האָט זיך געפּרעגט אויף אַ שניידער. קינדער האָבן אים אַריינגעפירט צו בערלען. ער איז געשטאַנען אַ שבתדיקער, גרייט אַוועקצוגיין אין בית-המדרש אַריין. דעם שניידערלס שטוב איז שוין געווען אויפ-געראַמט. די פּאָדלאָגע — באַשיט מיט געל זאַמד, וואָס רייזל האָט באַקומען פאַר קאַרטאָפל-שאָלעכץ. די ניי-מאַשין איז געשטאַנען אַ פאַרוקטע אין אַ ווינקל, איבערגעדעקט מיט אַן אַלטער דערע, ווי אַן אָפּגעאַרבעטע פערד, וואָס טריפט מיט בוימל פון די פריש-אויסגעשמירטע ציין. דער טיש איז שוין געווען געדעקט מיט אַ ברודיק געלעכערט טישטעך. דורך די טישטעך-לעכער האָבן אַרויס-געקוקט נאַקעטע שטיקער טיש, אַנגעזעצטע פון הייסע האַלץ-קוילן. די צוויי גראָשנדיקע שבת-ליכטלעך האָבן שוין געברענט אין צוויי פאַרזשאַווערטע מעשענע לייכטערלעך.

— קראַוויעץ! — האָט דאָס פּריצל אויסגערופן. — איך גיב דיר וויפל דיין האַרץ פאַרלאַנגט און ניי מיר אַן דאָס קנעפּל אין מיין פראַק. איך דאַרף זיך זען מיטן נאַטשאַלניק, קען איך זיך נישט באַווייזן אין אַ פראַק אָן אַ קנאָפּ.

— שאַנאָווני פּאַן! — האָט דאָס שניידערל געטענהט — וואָס בין איך שולדיק, אַז דיין קנאָפּ איז גראָד אַראָפּגעפאַלן, ווען די שבת-ליכט ברענען שוין. איצט טאָר מען ביי אונז יידן מער נישט האַלטן קיין נאָדל אין דער האַנט. פאַר גאָלד אפילו וועל איך דאָס אויך נישט מאַכן.

געזען אַזאַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט ביים שניידערל, רופט זיך אָפּ דאָס פּריצל:

— אויב אַזוי, קראַוויעץ, גיב מיר אַ נאָדל-פאָדעם, וועל איך מיר דאָס אַליין מאַכן און דו וועסט דערפון האָבן אַ פייג.

— זאָל זיין אַ פייג! אַבי... — האָט זיך דאָס שניידערל געדרוקט צו דער טיר.

אויף דעם שוועל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין ווייב און אויסגעשריגן:

— רייזל, וואָס שטייסטו און קוקסט אים אין די הענט אַריין, ווי ער נייט. גענוג, וואָס דו האָסט אים דערלאַנגט אַ נאָדל-פאָדעם. מענטשן וועלן דאָך מיינען, אַז כ׳האָב מיר צוגענומען אַ געזעלן אויף שבת.

— רוק אויף דאָס שופלאָד, וועל איך עפּעס אַריינוואַרפן — האָט דאָס פּריצל געשמייכלט צו רייזלען.

אָבער זי איז אַ שווייגנדיקע אַרוים פון שטוב.

שבת צונאַכטס. בערל, דער שניידער רוקט אויף זיין שופלאָד אַרויסצונעמען די הבדלה, לאָזט ער אַרויס אַ פריידיק געשריי:

— רייזל, טעכטער מיינע! זעט, וואָס גאָט האָט אונז צוגעשיקט!...

רייזל מיט די טעכטער זענען צוגעשפּרונגען צו בערלען און געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער, איינגעבויגענע איבערן שופלאָד... זיי האָבן זיך איבערגעקוקט ווי זיי וואָלטן זייערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט... דאָס שופלאָד איז ביז צום ברעג געווען אָנגעפּולט מיט גאָלדענע רענדלעך...

— ווער ווייסט, צי דאָס פּריצל איז נישט אַמאָל געווען אליהו הנביא? — האָט די שניידערקע פאַרבראָכן די הענט און זיך צעקושט מיט אירע טעכטער מיט פרייד-טרערן אין די אויגן".

— איז דאָס אמת, מאַמעניו?

— אויב דאָס מעשהלע, מיין קינד, האָט דיך אויף איין רגע נאָר געקענט מאַכן פאַרגעסן אין דיינע ליידן, איז עס שוין אויף אַן אייביקייט אמת. — האָט מיך מיין מוטער געדריקט צום האַרצן און געקושט.

★

דאָס מעשהלע איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ ניגון, אַריינגעזונגען אין מיין יוגנט. אויף מיין שווערן דערנער-וועג איז מיר דאָס מעשהלע אָפטמאָל געקומען אויפן געדאַנק. אָבער איינמאָל האָב איך עס נאָכאַמאָל איבערגעלעבט מיט דעם זעלבן קינדערישן ציטער ווי בעת מיין מוטער האָט עס מיר צום ערשטן מאָל דערציילט מיט אַ טיפן גלויבן.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער-נאַכט, דעצעמבער 1944, אין אַ קאַצעט.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען מיך צוריקגעבראַכט פון מיין קאַ-טאָרזשנער אַרבעט — אויף אַ טראַגע.

ווי אַ נאַסע שמאַטע, באַדעקט מיט אַ שניי-שיכט האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ פאַרעיפּושט סדום-בעטל פון דער „קראַנ-קען-שטובע".

דאָ זענען געלעגן אין צעשויבערטע בעטלעך קאַצעטלער, וואָס האָבן דערמאָנט מיט זייערע געל-וואַקסענע מאַסקעס און טיפע אויגן-לעכער, אין געוועזענע מענטשן, צוריקגעבראַכטע פון אַ גיהנומדיקער שטראָף-קאַמער, נאָכן אויספּירן אויף זייערע גופים די שווידערלעכסטע פּייניקונגען, וואָס דער טייוול האָט צוגעטראַכט. און וואָלט מען צוויי געליטענע אַריינגעלייגט אין איין בעטל, וואָלט דאָ זיכער געשען ווי אין דאַנטעס „גיהנום", אַז איינער זאָל פאַר ווייטיק גריזשען דעם צווייטנס גאָלן שאַרבן...

ליגנדיק דאָ, האָב איך געפילט ווי דער טויט שוועבט שוין אויף די ראַנדן פון מיינע וויעס... און נאָך אַ רגע וועלן זיך מיינע אויגן אויף אייביק פאַרמאַכן...

פּלוצלינג האָט זיך אַ קאַצעטלער אויפגעכאַפּט, געבליבן שטיין אויף די קניען מיטן פּנים צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט אַריינגע-קוקט אין אַ שפּיגל און גענומען לאַכן מיט אַ בייזעריק, שניידנדיק קול, אַז איך האָב צוריק אויפגעוואַכט. אַ פאַרציטערטער האָב איך אין דעם געלעכטער דערהערט דאָס געוויין, וואָס וויינט שוין לאַנג אין אונז, נאָר מיר האָבן עס נישט געקענט אַרויסברענגען...

און טאַקע אין דער נאַכט, ליגנדיק מיט אָפענע אויגן, געווענ-דעט צום מרה-שחורהדיקן אָרום, איינהערנדיק זיך ווי דער ווינט טרייסלט די לאָדנס, ווי אַ מחנה שדים וואָלטן צעהוליעטע גע-טאַנצט איבער קברים-ברעטער, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין מוטער. און ווי כ׳וואָלט ערב-טויט פאַרוואָרפן מיין קאָפּ אויף איר שויס, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז גלעטנדיק מיט אירע וואַ-רעמע פינגער מיין קאַלטן שאַרבן, דערציילט זי מיר נאָכאַמאָל דאָס מעשהלע. און איך לעב עס איבער מיט אַלע פיבערן פון מיין פּיל-באַרער נשמה. אָבער באַלד האָב איך זיך עפּעס דערמאָנט... און די שרעק פאַר איר לעבן האָט אַ הויב געטאָן מיין האַלב-טויטן קאָפּ. מיינע אויגן האָבן זיך אויפגעריסן... אַ פייערדיקער וואָלקן האָט

געשוועבט איבער מיר. אין דעם פייער-וואָלקן האָב איך דערקענט דאָס פּנים פון מיין מוטער. איר שטימע האָט געציטערט:

— אַן אַנדער מעשהלע, מיין קינד! מיין גוף איז פאַרברענט. אָבער מיין קול לעבט... דאָס קול פון גערעכטיקייט האָבן זיי נישט געקענט פאַרברענען. דו ביסט דער איינציקער פון אונזער הויזגעזינט, וואָס מוז לעבן בלייבן, כדי עס זאָל זיין ווער, וואָס זאָל אַמאָל פאַלן אפילו אויף אַ פרעמדן שטיין, און באַוויינען, דערמאָנען אונזערע נעמען. איך ווייס, אַז דער טויט איז דיר ליבער ווי דאָס לעבן. אָבער איך בעט דיך, מיין קינד, גיב זיך נישט אונטער! אוב דיין גוף האָט שוין מער קיין פלייש נישט, זאָלן זיך דיינע ביינער אויפכאַפּן און ווייטער שפּאַנען! דיין נקמה-דורשט וועט דיינע טרוקענע ביינער אָנגיסן מיט אַ נייעם כוח. גלויב אין דיין לעבנסשליחות, וועסטו דערגיין צום ציל. זאָל מיין ברכה דיך שטאַרקן ווי די בעסטע רפואה!...

צומאָרגנס האָב איך זיך טאַקע אויפגעכאַפּט און אָוועקגעפאַלן. איך בין אָבער אַרויס פון דער „קראַנקען-שטובע“ און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. אויפן וועג בין איך נאָך אַמאָל געפאַלן. חברים האָבן מיך אויפגעשטעלט. דערנאָך האָט זיך עפּעס אין מיר אַ ריס געטאָן אַ נייער איבערנאַטירלעכער כוח. איך האָב גענומען שפּאַנען מיט אַ זיכערן טראָט, וואָס האָט מיך דערפירט ביז צו מיינע היינטיקע טעג...

# מאַניעק דושקין

מאַניעק דושקין, אַ סטודענט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, האָט, בלייבנדיק אָן מיטלען צום לעבן, פאַרקויפט זיין קערפּער פאַרן פּראָסעקטאָריום, אַז נאָכן טויט האָט מען אים אַ רעכט אויסצונוצן צו אַנאַטאָמיטע צוועקן.

אַהיימקומענדיק אין זיין אָרעם האָטעל־צימערל מיט זיין אָפּגענומענער סומע געלט, האָט דושקין כמעט אויסגעלאַכט דעם פאַרקויף.

— וואָס אַרט עס מיך, וואָס מען וועט מיט מיר מאַכן נאָכן טויט? — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, מיט אַן איראָנישן שמייכל.

דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין קערפּער האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעציילט. ווי גרויס די סומע איז נישט געווען, האָט ער נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן, אַז ער האָט דאָס באַקומען פאַר אַ זאַך, וואָס באַרירט גענצלעך נישט זיין לעבן... ער האָט אַריינגעפּאַקט אין זיין ליידיקן פּאָרטפעל עטלעכע קנאַקעדיקע טויזנטערס, וועמענס שאָרך האָט אים אָנגעפילט מיט אַן אינערלעכער הנאָה. דאָס איבעריקע געלט האָט ער איינגעשלאָסן אין אַ שופלאָד פון זיין האָטעל־שראַנק. ער האָט עטלעכע מאָל פּרובירט צי דאָס שופלאָד איז גוט פאַרשלאָסן, דערנאָך זיך אָוועקגעשטעלט ביים שפּיגל, מיט אַ ליד אויף די ליפּן, זיך ראַזירן.

אַ קאַלטער פעברואַר־טאָג האָט זיך געלאָשן אויף די שויבן, אַרויפגעצויגן אויפן גלאָז אַ דינעם אָפּשיין פון פאַרביקן מערב־ראַנד, געפלעקט די וואַנט, קעגנאַיבער דעם פענצטער מיט פּורפּור־שפּיגעלעך, וואָס האָבן די נאַרצים־בלימעלעך פון די פּאַפּירענע טאַפּעטן אַריינגענומען, ווי אין אַ פאַרביקן וואַזאָן. אין די ווינקעלעך פון צימערל האָבן זיך שוין געוויקלט נאַכט־שאָטנס, וואָס האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונט.

דושקין האָט אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע לעמפל. אַן אַלט אויסגעוואַשן העמד און אַ פּאָר מיליטערישע שקאַרפּעטקעס, וואָס האָבן זיך געטריקנט אויף אַ שטריקל, האָבן אים אַריינגעטאַנצט אין די אויגן. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף זיין איינציקן שטול אין צימערל. מיט אַן אויפגעלעבטן שמייכל, האָט ער אַראָפּגעריסן די אויסגעוואַשענע זאַכן און זיי אַריינגעשמיסן אין אַ ווינקל.

נאָכן ראַזירן, האָט ער זיך פיין אַרומגעוואַשן און איז אַראָפּ אין גאַס.

דער לאַטיינישער קוואַרטאַל, וואָס האָט נאָך אין זיך געטראָגן מלחמה-שפּורן, איז געווען האַלבלעך באַלויכטן. דער בולוואַר סען-מישעל האָט זיך געבלעטערט, ווי אַ געשיכטע-בוך פון פעלקער, אילוסטרירט מיט האַרבסטיק-אָפּגעלעבטע ביימער, וועןענס צווייגן זענען ערטערווייז באַצירט מיט ווייסע שטערנדלעך שניי. קעפּ פון כינעזער, יאַפּאַנער און נעגער, אויסגעמישט מיט קעפּ פון דער ווייסער ראַסע, זענען אַרומגעשוווּמען אין דער האַלב-טונקלקייט. גראָבע ליפּן, דינע ליפּן, האָבן געשאָסן מיט געלעכטער. העגט פון יונגע סטודענטן האָבן צוגעצויגן צו זיך די העגט פון צאַרטע סטודענטקעס און זייערע פּיס האָבן זיך מיטגעשלעפּט און אָנגעמאַכט אַ גערויש.

דושקין האָט דעם בולוואַר צושטייער געגעבן זיין קאָפּ. זינט זיין נאָך-מלחמהדיקן-צוריקקער קיין פּאַריז, האָט ער זיין קאָפּ, דאָ, יעדן טאָג פאַרבייגעטראָגן אַ פאַרצווייפלטן...

צום ערשטן מאָל היינט, וואָס זיין פּנים האָט געשטראַלט. דאָס פּייערל פון „אַ באַגליקטן", וואָס האָט איצט געשיינט אין זיינע אויגן, האָט קיינער נישט באַמערקט, אַזוי גוט, ווי מען האָט ביז איצט נישט באַמערקט ווי ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ הונגער פון די זעלביקע אויגן...

זינט דושקין איז געבליבן אָן עלטערן, וואָס זאָלן אים אונטערשטיצן, און זינט ער האָט געדאַרפט טראָגן אין זיך דעם צער פון אַ מאָדערנעם יתום, וועןענס עלטערן זענען אומגעקומען, איז עס געווען צום ערשטן מאָל, ווי ער האָט זיך דערלויבט אַריינצוגיין אין אַ רייכן רעסטאָראַן.

טראָגנדיק אויף זיך אַ שלעכטן אָפּגענוצטן מאַנטל און נאָך אַן ערגערן אָנצוג, האָט ער זיך לאַנג געדרייט ביי די גרויסאַרטיקע טישלעך, וואָס זענען געווען באַזעצט מיט עלעגאַנט-געקליידטע

מענער. און מיט פאַרבנרייך-געקליידטע דאַמען. פון יעדן באַזעצטן טישל האָט ער זיך אַוועקגעדרייט. די שפּיגלען, אַריינגעשרויפטע אין די ווענט, האָבן אַרויסגעזילבערט זיין אָרעמען אויסזען. ער איז פון זיין אייגענעם שאָטן אַנטלאָפן און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ באַזונדער טישל אין אַ ווינקל.

געהייסן סערווירן האָט ער זיך דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. און צוליב דעם, וואָס ער האָט די סימפּאַטישע קעלנערקע, מיטן דינעם געשניצטן נעזל, נישט געקאָנט באַאיינפלוסן מיט זיין עלע-גאַנץ, האָט ער זיך באַמיט זי אונטערצוקויפן מיטן טרינק-געלט און פון אירע דינע אַמאַראַנט-געפאַרבטע ליפּעלעך, אַרויסגענאַרט דינע שמייכעלעך און אַ באַגלייטונג ביז צו דער טיר מיט אַ : „מער-סי באָקו מ׳סיע״.

אַהיימגעקומען איז דושקין שפּעט. דער זאַטער מאָגן האָט אָנ-גערעגט דעם מידן קאָפּ, אַז ער דאַרף אַ ביסל צעשטרייאונג. איז ער אַוועק אין אַ קאַבאַרעט אויף „מאָנפּאַרנאַס״. נאָך דער באַפריי-אונג, צום ערשטן מאָל, פאַרזוכט אַ גלעזל שאַמפּאַניער. די נאַ-קעטע טענצערינס, וואָס זענען דאָרט אויפגעטראָטן, האָבן אים דערמאָנט אַ פרויען-געשטאַלט, וועלכע איז נאָך זיין שטודיום, דער צווייטער אינהאַלט פון זיין לעבן.

עס האָט פאַר אים אויפגעטויכט די וווינונג, ווו זיין געליבטע האַלט זיך אויף. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי יעדעס מאָל, בעת ער האָט באַזוכט די רייכע קינדערלאָזע פאַמיליע קיניער, זיך צו זען מיט זיין קלאַראַן, איז אים די באַלעבאָסטע אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פאָרוואורף :

— מ׳סיע דושקין, איר ווייסט, אַז די נעגל פון אייערע מיליטע-רישע שיך מאַכן מיר לעכער אין דער פּאַדלאָגע...

דערנאָך איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַ צווייט בילד : ער זיצט ביי קלאַראַס פעטער איינגעלאַדן צום אָונטברויט. די איינ-לאַדונג איז מער געווען מחמת רחמנות, ווי אַן אויסדרוק פון סימ-פּאַטיע צו אים. אינמיטן דער פאַרשפּייז קומט אַריין שאַרל. קליינ-בירגער, אַ מאַן אין די פערציקער, אַ מלחמה-גביר, וואָס צוקט פאַר כיטרעקייט מיט אַן אַקסל. ער נעמט אַרויס פון בוזעם-קעשענע אַ בראַסלעט, באַזעצט מיט טייערע קאָלירטע, פינקלדיקע שטיי-נער און דערלאַנגט אים, קלאַראַס פעטער, מיט אַ זיגערישן שמייכל פון אַ סוחר, וועמען אַלע ווערטפולע חפצים פאַלן אין די הענט

אַריין. דער בראַסלעט רופט אַרוים באַוווּנדערונג ביים אַלטן קיניער. זיינע תמיד רויטע בעקעלעך ווערן נאָך רויטער. ער טוט זיך ספּע-ציעל אָן דיברילן און באַטראַכט דאָס שטיק צירונג. נאָך לענגער און מיט נאָך מער באַוווּנדערונג באַטראַכט דעם בראַסלעט די דיקע מאַדאַם קיניער, און בעת דושקינס געליבטע וויל אויסשטרעקן איר האַנט צום בראַסלעט, זאָגט איר מומע מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— קלאַראַ, בעט דיין געליבטן, וועט ער דיר קויפן דעם בראַס-לעט אַ פּרעזענט...

און זי האָט זיך צעלאַכט, אַז אירע פיר גוידערס האָבן זיך אַזש אָנגעבלאָזן ווי אַ געשטיקעוועטער בלאַז-זאַק.

די היץ, וואָס האָט אים דעמאָלט געשלאָגן אין קאָפּ אַריין פאַר אויפרעגונג און באַליידיקונג, האָט ער איצט נאָך אַמאָל דערשפּירט... ער איז לאַנג געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. דערמאָנענדיק זיך אין דער סומע געלט, וואָס ער באַזיצט, האָט זיך אַ נקמהדיקער שמייכל צעשפּילט אויף זיינע ליפּן און אים באַגלייט ביז צום איינשלאָפן.

★

צומאָרגנס אָוונט האָט דושקין אַ זאַטער, אַ צופרידענער, אַנ-געקלונגען צו דער פאַמיליע קיניער.

געעפנט די טיר האָט אים, ווי אַלעמאָל, די איטאַליענישע דינסט. באַלד איז די באַלעבאָסטע אַ נייגעריקע אַרוים אין קאָרי-דאָר און באַמערקנדיק דושקינען, האָט זי אויף אים אויסגעגלאָצט אירע קעציישע אויגן, פולע מיט איבעראַשונג:

— מ׳סיע דושקין, דאָס זייט איר? ! איך האָב דאָך אייך גאָרנישט דערקענט. אָ, ווי עלעגאַנט איר זייט! מילא איצט זעט איר טאַקע אויס ווי אַ דאָקטער. אַלבערט! — האָט זי גערופן איר מאַן — קוק נאָר אָן דעם פּריץ!

דושקין האָט מיט שטאָלץ געדרייט זיין ברוינעם פילץ-הוט אויף אַ פינגער און נאָכגעגאַנגען דער מאַדאַם קיניער אין אויפנאַם-צימער. מ׳סיע קיניער, מיט אַ פאַרגרעסער-גלאָז אויפן אויג, באַ-טראַכטנדיק אַ ווערק פון אַ גאָלדענעם זייגער, איז אים אַנטקעגנ-געלאָפן. דושקין איז געשטאַנען אַ צעשטראַלטער. זיין שוואַרץ-געלאָקטער קאָפּ האָר — פיין אויפגעקעמט. דער שאַרפער שרונט האָט ווי מיט אַ ווייסער ליניע האַלבירט זיין פריזור. זיין נייעם

מאַנטל מיטן הוט האָט ער דערלאַנגט דער דינסט מיט אַ גע-
קינצלטער שטאָלצקייט און איז געבליבן שטיין אין אַ גראַנאַט-ווייס-
געשטרייפטן אַנצוג, וואָס הגם ער איז נישט געווען געמאַכט לויט
זיין מאָס, האָט ער אין אים אויסגעזען עלעגאַנט. זיין קראַוואַט,
וואָס האָט געשפּילט מיט פאַרבן, איז געווען אויסגעבונדן, ווי אויפן
האַלדז פון אַ מאַנעקין.

קלאַראַ איז געזעסן אין איר צימער ביים קלאַוויר און האָט
איינגעשטודירט ליסטס אונגאַרישע „ראַפּסאָדיעס"; נאָר הערנדיק
אָנרופן דושקינס נאָמען, האָט זי, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אַריינ-
געטענצלט און געבליבן שטיין אין דער טיר אַן איבערראַשטע.

קלאַראַ איז געווען אַ שלאַנק מיידל מיט אַ צעלאָזענעם קאָפּ
בלאָנדע האָר, וועלכער האָט אין עלעקטרישער ליכט געוואָרפן פאַר-
שידענע גאָלד-ניואַנסן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שטאָפּן-רויט
קליידל. ביים ביוסט זענען קליינע קעסטעלעך געווען אויסגעשניטן
און אין זיי האָט זיך אַריינגריסעוועט דער ווייסער מאַרמאָר פון
איר העל לייב. אירע גרינע אויגן, גרויסע און שפּילעוודיקע, באַ-
שירעמט מיט זיידענע ווייעס, האָבן געבליצט פאַר אַנטציקונג, קוקנ-
דיק אויף דושקינען. זי איז אים אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס מיט
אַן אויסגעשריי:

— מאַניעק ?!...

דושקין האָט זי אויסגעקושט און דערביי געקוקט אויף קלאַ-
ראַס פעטער און מומע מיט אַ בליק, ווי ער וואָלט ביי זיי אין די
אויגן עפּעס געגנבעט...

— וואָס איז מיט דיר געשען, מאַניעק ? ווי קומט עס, וואָס ?...
און זי האָט אים אַרומגעדרייט, ווי ביי אַ טאַניץ.

— ער האָט אוודאי געוווּנען אויף דער לאָטעריע — האָט די
מאַדאַם קיניער געמאַכט אַ שנעבעלע.

— פרעג מיך, וועל איך דיר זאָגן, — האָט מ'סיע קיניער אַרוים-
געלאַכט, רייבנדיק אַ פינקלדיקן שטיין אין אַרבל פון זיין בגד : דער
בחור מוז האָבן געטאָן אַ רייכן שידוך און אַרויסגענומען דעם נדן...

דושקין האָט דעם אַלטן אָפּגעמאָסטן מיט אַן איראָנישן בליק.
עס איז געווען קענטיק, אַז ער וויל אים זאָגן אַ באַליידיקונג, נאָר
קלאַראַ האָט אים ביי די הענט אַריינגעצויגן צו זיך אין צימער.

— לאָז זיי רעדן. דו ווייסט דאָך, אַז זיי זענען פּראָסטע מענטשן.
זיץ, מאַניעק ! מיר וועסטו דאָך יאָ דערציילן דעם אמת.

זי האָט אים אויפֿסניי אַרומגעהאַלדזט, אויסגעקושט. דושקין האָט זי אַ ווײַלע געהאַלטן פֿעסט אײַנגעשלאָסן אין זײַנע אָרעמס. דערנאָך האָט זי דושקין אַוועקגעזעצט אויף אַ פֿאָטעל. קלאַרא — אויף זײַנע קני.

— זײַ נישט אַזוי נײַגעריק. איך וועל דיר נאָך דערציילן, גיי טײַערינקע, שפּיל מיר עפּעס. איך האָב דיך ליב צו זען בײַם קלאַ-וויר.

אַ געצערטלטע איז קלאַרא אַראָפּ פֿון דושקינס קני. מיט אַ צעפּיִעשטשעטן גאַנג איז זי צו צום קלאַוויר, אַ בלעטער געטאָן דעם נאָטן-בוך.

— איך שפּיל דאָס, וואָס עס האָט זיך אַליין אויפֿגעבלעטערט: „שאַנסאָן-טריסט" פֿון דופּאַרק. („אַ טרויעריק ליד" פֿון דופּאַרק).

— האַ, „שאַנסאָן-טריסט" ? — האָט דושקין אַ הויב געטאָן מיט די ברעמען.

קלאַרא האָט אָנגעהויבן שפּילן. דושקין האָט פֿאַרויכערט אַ ציגאַרעט. און שיטנדיק מיט קליינע וואָלקנדלעך רויך פֿון די פֿאַר-מאַכטע ליפּן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער קלאַראַס צימער, ווי ער וואָלט אים באַטראַכט צום ערשטן מאָל. ער האָט באַמערקט, ווי די ווײַסע קלאַווישן, וואָס פֿליסן מיט מוזיק-טענער, טאַנצן הינטער קלאַראַס אויסגעצויגענע פֿינגער. דאָס נאָטן-בוך איז אָפֿן. דער בעט-האָוועז-ביוסט איז באַגאָסן מיט אַ רויטלעכן אָפּשײַן פֿון די צוויי ליכטפֿאַרמיקע לעמפּלעך אין רויטע שירעמלעך אויף די קעפּ, וואָס פֿילט אָן מיט ליכט בעטהאָווענס אויסגעהוילטע אויגן. אויפֿן לוק-סוס-טישל שטייען אומבאַרירט די צוויי געשניצטע האָלץ-פֿייגל, מיט צוזאַמענגעהאָפּטענע שנעבעלעך. צווישן די צוויי האָלץ-פֿייגל, שטייט, ווי תּמיד, דאָס בוך מיט די בלויע טאָוולען. דושקין גיט אַ בלעטער דאָס בוך און זעט ווידער : „שטאַרקער פֿון טויט" — ג. ד. מאָפּאַסאַן. אויפֿן קאָמין זיצט, ווי תּמיד, די כינעזישע טענצערין אין בלויער פֿאַרצעליי. דער דינער שמייכל, וואָס דער מייסטער האָט אויסגעפֿורעמט אין די טענצערינס ליפּן, איז אַלץ נאָך נישט אויס-געלאָשן. אַ קונסט-בילדל וואַרפֿט אַראָפּ פֿון דער וואַנט פֿאַרשידנ-קאָליריקע פֿאַרבן-טענער. אָבער אין דושקינס אויגן איז, פֿונדעסט-וועגן, דאָס שענסטע בילד אין דעם צימער — קלאַרא גופֿא. איר בלאָנדער קאָפּ האָר צעפֿלאָסן איבערן רויטן קלייד, אירע גראַציעזע באַוועגונגען, שפּילן פֿאַר אים מער ווי איר קלאַוויר. ער כאַפּט זיך

אויף אַן אַנטציקטער און דערלאַנגט קלאַראַן אַ פעסטן קוש אין האַלדז אַריין. דער אָפּהילך פון קוש לעשט זיך אויס צוזאַמען מיט איר לעצטן קלאַוויר-טריל.

— נו, מאַניעק, דו האָסט מיך געהערט, איצט וויל איך דיך הערן. — האָט זי געזאָגט אַ שמייכלדיקע.

— איך וויל איצט מאַכן אַ שפּאַציר, קלאַראַ, איינשטימיק?

— עפּעס קומסטו מיר היינט פאַר אַזוי מאָדנע, מאַניעק? — האָט זי אים לאַנג אָנגעקוקט.

— עס דאַכט זיך דיר. קום אַביסל אַרויס פון דאַנען!

זי האָט אַוועקגעטענצלט אין אַ צווייטן צימער אַריין און באַלד צוריקגעקומען אָנגעטאָן אין אַ פוטער-מאַנטל פון נאַטירלעכע „בלויע פוקסן". אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן אַ געפלאָכטענעם צאָפּ פון העל-גרינעם סאַמעט און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— מאַניעק, פאַרבינד מיר דעם צאָפּ!

דושקין האָט דעם צאָפּ, ווי אַ האַלב-רייפל, אַרומגעלייגט אַרום קלאַראַס פריזור און הינטן ביים פאַרבינדן האָט ער אַריינגעפלאָכטן זיינם אַ קוש אין איר האַלדז-גריבל אַריין און זיי האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

אַדורכגייענדיק, האָט מ׳סיע קיניער אין איילעניש באַרירט דושקינם קלאַפּע פון אָנצוג.

— דאָס איז אַן אַמעריקאַנער אָנצוג.

— יאָ, ער איז אויסגעבעט מיט דאָלאַרן — האָט דושקין אַרויס-געלאַכט.

— קום נישט שפּעט, קלאַראַ, איך וועל דיר נישט אַריינלאָזן — האָט איר די מומע נאָכגעהילכט.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָט קלאַראַ געזאָגט אַ באַ-פרייטע:

— מאַניעק, ווילסט לאַכן? — מיין פעטער רעדט דאָך מיר אַ שידוך מיט דעם צירונג-הענדלער, וואָס דו האָסט אים אַמאָל געזען, ווען ער האָט אַריינגעבראַכט צו אונז דעם בראַסלעט.

— המ... יאָ, כ׳געדענק דעם בראַסלעט... נו?

— וואָס נו? זאָל איך דיר אויסטוישן, דאָקטער מיינער? — האָט זי אים געקוקט פאַרליבט אין די אויגן אַריין...

— קלאַראַ, איך וואָלט דיך געוואָלט אַרויסנעמען פון די דאַ-

זיקע מענטשן. דו ביסט ביי זיי אַ שטיק משפּחה-צירונג, וואָס זיי ווילן פאַרקויפן פאַר געלט.

— איך פיל דאָס. אָבער וווהין וועסטו מיך נעמען, האָסט דאָך נישט קיין וווינונג.

— איך האָב געזאָרגט דערפאַר, קלאַראַ, אַז כ׳זאָל יאָ האָבן אַ וווינונג. — האָט דושקין צופרידן געשמייכלט.

זיי זענען אַריין אין אַ קאַפע. די שוואַרצע מאַרמאָר-ווענט זע-נען געווען באַצירט מיט גאָלדענע האַרפעס. זיי האָבן זיך אַוועקגע-זעצט ביי אַ מאַרמאָר-טישל, באַשטעלט צוויי גלעזער רויטן ווייַן. קלאַראַ האָט זיך האַלבלעך אַראָפּגעלאָזט דעם מאַנטל איבער די אַקסלען. דושקינס בליק איז געפאַלן אויף אַ קליין בילדל, איינגע-ראַמט אין אַ גאָלד-רעמל. פון דעם גאָלד-רעמל האָט אַרויסגעקוקט אַן אַלט פאַר-פאָלק — קלאַראַס אומגעקומענע עלטערן. די שפּילקע אויף קלאַראַס ברוסט, האָט דושקין געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט עפּעס נאָכגעטראַכט...

נאָכן באַנעצן זיך די ליפּן פון די באַשטעלטע גלעזער, האָט קלאַראַ, פאַרלייגט אירע הענט אויף דושקינס האַלדז און קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, מיט גרויס ליבשאַפט, האָט זי געזאָגט:

— נו, מאָניעק, אַנו דערצייל מיר וואָסערע ענדערונג איז אַריינ-געטראָטן אין דיין לעבן!

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט דושקין געזאָגט:

— גאַנץ איינפאַך, קלאַראַ, כ׳האָב פאַרקויפט מיין קערפּער.

— פאַרקויפט דיין קערפּער?... — זענען קלאַראַס אויגן אויפ-געריסן געוואָרן. — דו שפּאַסט?

— איך שפּאַס נישט. איך מיין עס גאַנץ ערנסט. די געשיכטע איז אַזוי פאָרגעקומען...

און דושקין האָט קלאַראַן דערציילט אַלע איינצלהייטן פון אַדורכפירן דעם אָפּמאַך פון זיין פאַרקויף און געענדיקט האָט ער:

— נו, קלאַראַ, זעט די גאַנצע געשיכטע נישט אויס ווי אַ קינ-דער-שפּיל?

אָבער דאָ האָט דושקין באַמערקט, ווי קלאַראַס צעפלאַמט פּנים איז געוואָרן טויט-בלייך... אירע אויגן קוקן אויף אים צאַפּל-דיקע... אירע ליפּן ציטערן... און אירע הענט, אַרומגעלייגטע אַרום זיין האַלדז גליטשן זיך, לאַנגזאַם, פּאַוואָלינקע, אַראָפּ פון זיינע אַקסלען...

— וואָס איז דיר, קלאַראַ ?

זי האָט אַ מינוט צוויי נישט געקאָנט קומען צו זיך...

אין קלאַראַס איבערגעשראָקן פּנים, האָט זיך דושקין, ווי אין אַ שפּיגל, אויך דערזען אַן אויפגעציטערטער... צום ערשטן מאָל, נאָכן אָפּטאָן די זאַך, האָט ער געגעבן אַן אינעווייניקסטן ציטער...

— פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפרעגט, צי דו זאָלסט דיין קערפּער פאַרקויפן ? — האָט קלאַראַ אַרויסגערעדט מיט אַ צע-בראָכן קול.

— וואָס מיינסטו, איך בין געוואָרן ווייניקער ווערט ? איך וועל איצט האָבן געלט פאַרצוזעצן מיין שטודיום און מעגלעכקייטן דיך אַרויסצונעמען פון דיין פּעטערס הויז.

— פאַר מיר האָסטו דאָס, אפשר, געטאָן, מאַניעק ?...

— פאַר מיין ציל אין לעבן. דו ביסט, פאַרשטייט זיך, אַ טייל פון מיין ציל.

זי האָט אויפגעשווידערט...

— אַזוי שלעכט האָט דאָס אויף דיר געווירקט, קלאַראַ ?

— איך קאָן זיך דאָס גאַרנישט פאַרשטעלן. וואָס הייסט מען וועט שניידן דיין קערפּער, וואָס איז ביי מיר די טייערסטע זאַך אויף דער וועלט.

— דו טרייבסט איבער, קלאַראַ. וואָס הייסט שניידן ? ביים לעבן געשעט דאָך מיט מיר גאַרנישט. און נאָכן טויט... נאָכן טויט... המ... איך ווייס נישט וואָס דו ציטערסט.

— נאָכן טויט ?... — האָט קלאַראַ געקוקט אויף דושקינען מיט צאַנקענדיקע בליקן...

זי האָט זיך צוריק אַרויפגעלייגט דעם מאַנטל אויף די אַקס-לען. דושקין האָט איר צוגעהאָלפן מיט אַזאַ פאַרזיכטיקייט, ווי מען העלפט אַ קראַנקער.

קלאַראַ, אַ צעטומלטע, האָט נאָך נישט געקאָנט באַנעמען פאַרוואָס דושקינס דערציילונג, האָט, אין איין אויגנבליק, אויסגע-לאָשן דעם רייץ פון איר ליבע. איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט... איר שרעק איז מער געווען אַן אינסטינקטיווע, ווי אַ לאָגישע. זי האָט נאָך די גאַנצע געשיכטע מיטן פאַרקויפטן קערפּער, נישט געקענט תופס-זיין. נאָר עפּעס אַ געשפּענסט פון טויט, וואָס האָט פּלוצלינג אַרויסגעשוועבט אויף דושקינס פּנים, האָט זיך איר אויס-

געוויזן צו זען אַזוי בולט, נישט בלויז מיטן געפיל, נאָר מיט די אויגן, מיט אַלע אירע חושים...

אַרויסגייענדיק פון דער קאַפע, האָט זיך אַ דריבנע שנייעלע געקרייזלט איבער זייערע קעפּ. זיי זענען ביידע געגאַנגען שווייגנ-דיקע. קלאַראַ האָט אַלע ווײַלע איבערגעהאַנגען איר האַנט-בײַטל: אַמאָל אויפן רעכטן אַקסל און אַמאָל אויפן לינקן.

פּלוצלינג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעכאַפּט דושקינס הענט און אַרויסגערעדט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— מאַניעק, איך וועל גנבענען אַ שנור פּערל ביי מיין פעטער, אָדער עטלעכע בריליאַנטן. מען וועט דאָס ווען אָפּשטעקן אין געהיים און פאַר דעם געלט אַנולירן דיין פאַרקויף. ביסטו אויף דעם מסכים, מאַניעק?

— וואָס רעדסטו, קינד? דעם פאַרקויף קאָן מען נישט אַנולירן.

— אויב מען קאָן אים נישט אַנולירן — האָט קלאַראַ אַרויס-געוויינט — האָסטו מיר צוגענומען די רו פון מיין לעבן. איצט זאָג איך דיר, מאַניעק! איך וועל דאָרט שרעקלעך געפּייניקט, ביי מיין פעטער אין הויז, וואָס כ׳האָב זיך אָנגעהאַנגען אין דיר. מיין פעטער איז אַ פראַסטער מענטש, אָבער אַ פּראַקטישער. שוין צענד-ליקער מאָל האָט ער מיר געמאַכט דעם חשבון, אַז דו דאַרפסט זיך נאָך לערנען יאָרן, ביז דו וועסט עפּעס ווערן, און דעמאָלט וועל איך שוין זיין אַן אַלטע מויד. איך האָב אָבער אויף די אַלע רייד נישט געקוקט. כ׳האָב דיך פאַרגעטערט פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט כ׳האָב דיך דערזען. אָבער איצט... עפּעס שרעקט מיך. כ׳פּיל, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין רו...

— קלאַראַ, באַרואיק זיך כ׳האָב מיר קיינמאָל נישט פאַרגע-שטעלט, אַז דו זאָלסט זיין אַזוי פאַנאַטיש.

— כ׳זאָג דאָס, וואָס כ׳פּיל. כ׳קאָן נישט אַנדערש.

ביים געזעגענען זיך האָט דושקין באַמערקט, אַז זיין האַנט האַלט קלאַראַ לאַנג און דריקט זי פעסט, ווייל זי האַלט זיין האַנט אין איר הענטשקע. אָבער ווען זיינע ליפּן באַרירן אירע, האָט קלאַ-ראַס קערפּער אַ צוק געטאָן, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט איר איבערן קערפּער אַדורך... אירע ליפּן האָט זי פון זיינע אָפּגעריסן, ווי ליפּן פון אַ טויטן וואָלטן איר באַרירט...

אַוועקגייענדיק פון קלאַראַן, איז דושקין געווען אויפגעטרייסלט.

עפעם אומבאַשטימטעס, אומפאַרשטענדלעכעס האָט זיך געפּלאָנ־טערט אין זיין מוח...

ער האָט געטראַכט, אַז קלאַראַ וועט דאָס דערציילן איר פּע־טער און מומע. גייענדיק איבער די פּאַריזער נאַכטיש-שטילגעוואָ־רענע גאַסן, האָט ער מיטאַמאָל דערהערט, ווי קלאַראַס איצטיקע אַפּוטרופּסים, די געלט-זעק, לאַכן אים אויס, נישט פילנדיק דעם „פּאַרוואָס" ער האָט זיך פאַרקויפט.

אַהיימקומענדיק אין זיין האָטעל-צימערל, האָט זיך דושקין אוועקגעשטעלט ביים שפּיגל זיך באַטראַכטן... ער האָט אַליין נישט געוווּסט פּאַרוואָס ער שטייט ביים שפּיגל אַזוי פאַרגאַפט און די צווייי שאָטנס פון זיינע אויגן קוקן אויף אים מיט אַזאַ איבערגע־שראָקענעם אויפגעריסענעם בליק... און הגם ער האָט גאָרנישט געזען קיין שום ענדערונג אויף זיך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אַ דין, קוים קאַנטיק פעדימל, האָט זיין האַלדז צוגעבונדן צו אַ געשפּענסט פון טויט, וואָס וועט אים, פון היינט אָן, נאָכגיין און מאָנען זיין לעבן.

דושקין איז אַוועק פון שפּיגל אָן אויפגעציטערטער. דער אויפּ־ציטער האָט אים דערמאָנט אין קלאַראַן. ער האָט זי געזען ליגן אין איר בעטל אַ פאַרוויינטע. דער מיטלייד, וואָס ער האָט מיטאַמאָל דערפילט צו איר, האָט אים צעטומלט.

— אויב מיטלייד צו אירע ליידן צוליב זיין טאַט, הייסט עס דאָך, אַז איך אַליין באַשטעטיק, אַז מיין טאַט איז ממש געווען אַ פאַרברעכן.

ער האָט פאַרויכערט אַ ציגאַרעט און זי באַלד אויסגעשפּיגן, נישט אין דער אַשעניצע, נאָר אויפן פּאַרקעט. מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער צוגעטראָטן דעם פונק, ווי ער וואָלט געטראָטן אַ לעבע־דיק פינקלדיק ווערעמל.

שפּאַנענדיק איבערן צימערל, איז אַ מחשבה אים נאָכגעקראָכן:

— אפשר טאַקע טאָן ווי קלאַראַ זאָגט: אַנולירן דעם פאַרקויף?...

אָבער דער געדאַנק האָט אים שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. און צוליב דעם, וואָס דער גע־דאַנק איז איצט געבוירן געוואָרן אין זיין מוח, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז אויך אים באַהערשט שוין די זעלביקע אומרו ווי קלאַראַן.

ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול. באַטראַכט די

אָנגעוואָרפֿענע ביכער אויף זיין טיש. זיין בליק איז געפֿאַלן אויף שאָפּענהאַוערס: „דער זין פֿון אונזער לעבן". ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג אויפֿצובלעטערן דאָס בוך, נאָר זיין האַנט האָט זיך נישט געוואָלט אויסשטרעקן דערצו.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען. ער האָט פֿאַרויכערט אַ צווייטע ציגאַרעט און דאָסמאָל זי געגאָגט, ווי אַן אַלקאָהאָליקער נאָגט פֿון אַ פֿלעשל.

ער האָט לאַנגזאַם אויפֿגעשלאָסן דעם שופֿלאָד, אַרויסגענומען די סומע, וואָס ער האָט אָפּגענומען פֿון זיין קערפּער, צעוואָרפֿן אויפֿן טיש די באַנקנאָטן און מיט פֿאַרביטערונג זיך צעלאַכט:

— כאַ-כאַ-כאַ! ווי טראַגי-קאָמיש איז אונזער לעבן! אַ מענטש גייט און פֿאַרקויפֿט זיין טויטן קערפּער, כדי דער לעבעדיקער זאָל קענען עקזיסטירן.

דערנאָך האָט ער זיך, פּאַוואָלינקע, אַראָפּגעלאָזט אויפֿן שטול, און אַריינקריכנדיק מיט די פֿינגער אין זיין צעשויבערטן קאָפּ האָר, האָט ער לאַנג געטראַכט, פֿיבערדיק, איבער זיין טאַט...

# אין פרעמדע הענט

אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, האָט אַ יונג פּאָרל, מענדל בראָדאָ־וויטש, אַ קאַמאַשן־שטעפּער און זיין ווייבל סאַלקע, אַ שניידערין, אַרויסגעבראַכט אויפן דאָרף אַן אַכט־חדשימדיק קינד איבערצוגעבן עם אַ פּראַנצויזישער דערציערין.

די מוטער — אַ באַחנטע ברונעטקע — האָט געטראָגן אַ גאַלאַנירטן, פיין־אויסגעפּאַסטן קאָסטיום. דאָס קינד אויף אירע הענט — אַ ווייסע זיידענע קאַפּע. דאָס ליכטיקע פּנימל פאַרדעקט מיט אַ ווייס שטיקל טיול. דער הימל איבער דער מוטערס קאָפּ איז געווען גאָלדיק בלוי. די זון האָט ליבלעך געשיינט, געגלעט יעדעס באַשעפעניש מיט אַ פרילינגדיקער פריידיקער ווארעמקייט. אָבער דאָס פּנים פון דער יונגער מוטער איז געווען איינגעהילט אין אַ טריבן וואָלקן־טרויער, וואָס האָט זיך געקרייזלט אַרום איר שלאַנקן גוף, ווי אַ רויכל, וואָס שלאָגט פון אַ דאָרפישער כאַטע.

„האָב איך דען געקענט פאָרויסזען, אַז דער גאַנצער עול־פּרנסה וועט פאַלן אויף מיר? אַ קאַמאַשן־שטעפּער... שאַרלן, אַ דאַמען־שניידער מיט אַ פּאָר גאָלדענע הענט, האָב איך נישט געוואָלט, פאַריאָגט אים, ווייל ער גייט טאַנצן אין „בול־נואַר“. נאַרישקייטן. ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט שאַרלן, וואָלט איך איצט מיין קינד נישט געדאַרפט איבערגעבן אין פרעמדע הענט אַריין“... — האָט זיך די מוטער געטראַכט.

דער פאָטער — הויך און דאַר — האָט געטראָגן אויפן לינקן אַקסל אַ קינדער־בעטל. אין דער רעכטער האַנט — צוויי צונויפגעבונדענע וואַליזקעס קינדער־זאַכן. זיין פּנים איז געווען פייכט פון שוויים. זיינע טונקל־ברוינע אויגן האָבן געקוקט מיט באַדויערן אויף דעם שלוּוהדיקן צעבליטן דערפל, וועמענס אַלייען האָבן געטריפט מיט בלעטער און זילבער־ווייסע בלימעלעך.

„נישט אָפּרוען וועל איך דאַרפֿן קומען אַהער יעדן זונטיק" — האָט בראַדאָוויטש געטראַכט — „נאָר אַהערברענגען מיין שוויי-סיקן לוין פֿאַר אַ פֿרעמדער מוטער, וואָס וועט פֿון היינט אָן האָ-דעווען מיין קינד און ווער ווייסט צי זי וועט עס כאָטש היטן מיט אַביסל געטריישאַפֿט?"

אָנגעקומען צו דער דערציערין, האָט שוין דאָס גאַנצע הויז-געזינט אויף זיי געוואַרט פֿאַרן טויערל. אַ פֿויער — אַ לאַנגע ליי-מענע פֿייקע האָט זיך געריכערט אין זיין מויל; די דערציערין — אַן עלטערע פֿרוי אין אַ געבלימלט קאָפּטיכל, מיט אַ פּאָר קליינע כיטרע אייגעלעך און מיט אַ באַצאָלט שמייכעלע; דער זון, די טאָכ-טער, אַ הונט מיט אַ קייט אויפֿן האַלדז זענען סתּם-אַזוי אַרויסגע-קומען צוליב נייגעריקייט.

באַלד נאָך דער באַגריסונג האָט די דערציערין אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פֿון דער מוטער, אויסגעקושט, געפּרייט זיך דערמיט, ווי מיט אַן אייגנס, און געפֿרעגט זיין נאָמען.

— סערזש רופֿט מען דעם אַכט-חדשימדיקן יונג — האָט די מוטער געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש און אויף יידיש האָט זי צוגע-געבן: ער זאָל מיר זיין אויף לאַנגע יאָרן!

— סערזש, סערזש! — האָט די דערציערין גענומען שמיצלען צום יינגעלע.

דאָס קינד האָט געקוקט צעטומלט מיט זיינע ליכטיקע שוואַרצע אויגעלעך אויף דער פֿרעמדער פֿרוי, צוערשט אַ צאַפּל געטאָן, אויס-געדרייט דאָס קעפּל, דערנאָך — אַרויסגעלאָזט אַ געוויין.

די מוטער האָט מיט אַ זיפֿץ, צוריקגענומען דאָס קינד.

— עס דאַרף זיך צוגעווינען צו אייך, מאַדאַם.

— געוויס, געוויס! — האָט די דערציערין באַשטעטיקט, גלעטנ-דיק דעם קינד איבערן קעפּל.

די מענער האָבן זיך דערווייל אַרומגעפּאַרעט ביים אויפֿשטעלן דאָס קינדער-בעטל אין אַ צימער אויפֿן ערשטן שטאָק.

דאָס פֿענצטער אין גערטנדל אַריין איז געשטאַנען אָפֿן. אַ קערשן-ביימל האָט אַריינגעשטעקט אַ געקרוינטן קאָפּ בלעטער, וואָס האָבן מיט זייער געשאָרך דערמאָנט אינעם אָפּקלאַנג פֿון זיל-בערנע גלעקלעך און פֿאַרשפּרייט אַן אָנגענעמען ריח.

פּאַרטיק געוואָרן מיטן קינדס געלעגער, זענען די מענער צו-

ריק אַראָפּ אין גאָרטן אַריין. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט ביי אַ טיש, אינמיטן הויף, הינטערן שאָטן פון צוויי ברייט-צעצווייגטעביימער,

די טאָכטער זשאַנעט, אַ טיפּיש דאָרפיש מיידל, וואָס האָט מער געלאַכט ווי גערעדט, האָט אויפגעשטעלט אַ פלאַש רויטוויין און פרוכטן. דער אַלטער פויער האָט אָנגעגאָסן די גלעזער.

— מענדל, צאָל איין פּאָר אַ חודש! — האָט סאַלקע אַ ווונק געטאָן צום מאַן.

דער פּאָטער האָט געעפנט זיין פּאָרטפעל און די יונגע מוטער איר האַרץ:

— איך בעט אייך מאַדאַם, איר זאָלט מיר גוט באַהאַנדלען מיין קינד! מיר האָבן דאָך נישט מער קיין פרייד אין אונזער אָרעם אַרבעטער-לעבן, ווי אָט דאָס קינד, וואָס מיר ברענגען אויף דער וועלט. מיר ליידן דערפאַר, מיר זענען זיך דערפאַר מקריב, אָבער מיר ווילן עס כאָטש מאַכן פאַר אַ מענטש. דאָס איז אונזער איינציקער טרייסט.

— איר קענט זיין גאַנץ רואיק, מ׳סיע-דאַם! — האָט די דערציערין זיי פאַרזיכערט. — דאָס איז נישט דאָס ערשטע קינד, וואָס איך נעם זיך אונטער צו דערציען. זשאַנעט, ברענג מיר אַהער די פּאָטאָ פון דער קליינער ראַשעל, אויך אַ פּאָלאָנעז. פון פיר חדשים ביז אין עלטער פון דריי יאָר האָב איך דאָס קינד געהאַלטן און די עלטערן האָבן עס אַהיימגענומען פריש און געזונט.

דאָס וואָרט „אַהיימגענומען" האָט, ווי אַ דינע שפּילקע, זיך אַריינגעשטאָכן אין דער יונגער מוטערס האַרץ...

— שוין פלאַפּל נישט קיין סך, סאַלקע, דו זעסט דאָך, זיי זענען ערנסטע מענטשן.

— שווייג בעסער, דו גרויסער פאַרדינער! — האָט סאַלקע דעם מאַן אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, ווי זי וואָלט איצט גרייט געווען אים אויסצופּאַטשן.

אָבער בראַדאָוויטש איז איצט פון איר בליק נישט געוואָרן אויפגערעגט. עס האָט אים עפּעס אַרומגענומען אַ טיפער רחמנות-געפיל צו זיין פרוי, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך גופא אין עפּעס באַשולדיקט.

בעת דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט, האָט דער זון אָנגעדרייט אַן אַלטן גרילצנדיקן פּאַטעפאָן, וואָס האָט נישט מער פאַרמאָגט ווי איין פּליטע — אַ וואַלס. דער פּאַטעפאָן האָט געסקרי-

טשעט מיט דער אויסגעריבענער שטיפּט. די דערציערין, ווילנדיק אַרויסווייזן איר ליבע צו קינדער, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, אָנגענומען עס ביי אַ הענטעלע און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן הויף טאַנצן. דאָס קינד האָט פאַר פרייד, גענומען צוויטשערן, פּישטשען ווי אַ פייגעלע. די עלטערן האָבן געקוואָלן. דער פויער האָט זיך צעביקעט מיט דער פּיפּקע אין מויל, אַזש דער הונט האָט זיך צע-בילט.

בעת דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז דער יונגער מוטער עפּעס שווערער געוואָרן אויפן האַרצן... איר פּנים האָט זיך פאַרכמאַרעט ווי דער הימל, און ביידע האָבן אויסגעזען ערב אַ רעגן...

זי האָט גענומען אָנזויגן דאָס קינד צום לעצטן מאָל, טראַכטנ-דיק דערביי, אַז די מילך וועט בלייבן איבעריק אין איר ברוסט און איר קינד וועט זויגן פון אַ פלעשעלע. איז דעריבער דאָס זייגן דעם קינד איצט אָנגעקומען עפּעס שווערער ווי תמיד. עטלעכע מאָל האָט עס אַרויסגעלאָזט די וואָרצל פון זיין קליין מיילעכל, צעוויינט זיך און ווידער אָנגעכאַפּט די וואָרצל. אפשר, דער מוטערס מילך איז איצט געווען פאַרביטערט ווי איר האַרץ...

נאָכן אָנזויגן דאָס קינד, האָט עס די מוטער אַוועקגעגעבן דער דערציערין, צום לייגן-גיין. די מוטער איז געבליבן זיצן אַ שטומע, מיט אַן אויגעשפּיליעטן בוזעם. די נאַקעטע ברוסט האָט אַרויס-געהאָנגען אַ וויינענדיקע, אַ טראָפּן מילך איז געבליבן שטיין אויף דער וואָרצל ווי אַ טרער אין אַ מענטשלעך אויג...

— מענדל נעם צונויף די וואַליזעס און לאָמיר זיך קלויבן אין וועג אַריין! — האָט די מוטער געזאָגט און איז אַלץ נאָך געבליבן זיצן אַזוי פאַרטייערט ווי פריער.

— ס'וועט זיך, דאַכט זיך, באַלד אַראָפּלאָזן אַ כליאַפּ — האָט בראָדאָוויטש זיך פאַרקוקט צום הימל, פאַרצויגן מיט אַ דיקן שיכט שטורעם-וואָלקנס, געקאַרבטע, אַדורכגעשטרייפטע מיט בלוט-רויטע ליניעס, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז צו די מערב-וואָלקנס, פון וועמענס טיפקייט עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַ קאָלירנרייך שקיעה-פייער, גלייך ווי אַן אַלפאַרמיקע סקאַלע וואָלט דאָרט געברענט.

בראָדאָוויטש האָט איילִיק צונויפגעבונדן די וואַליזעס. דערנאָך האָט ער גענומען זיין יינגעלע אויף זיך, איינגעגראָבן זיין פּנים אינעם קינדס שוואַרצע לאָקן. ער האָט נישט געקענט וויינען, אָבער

אַ פֿאַרבאָרגענער צער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין אויסגע-בלייכט פּנים...

אָבער ווי נאָר די מוטער האָט גענומען דאָס קינד אויף זיך, האָט זיך איר גאַנצער גוף גענומען טרייסלען. זי האָט דאָס קינד אַריינגעקנעטן אין איר לייב. זי האָט מיט פֿאַרביסענע ליפּן גע-שלונגען טרערן, וואָס האָבן זיך געשטיקט אין איר קעל...

בראַדאָוויטש האָט מער נישט געקענט דערשטיין אויפֿן אָרט. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די דאָרפֿסלייט און איז דער ערשטער אַרויס פֿון הויף.

עס האָט פֿאַרנומען אַ היפּשע ווייַלע, ביז די מוטער איז אַרויס-געקומען. זי האָט קוים נאָכגעשלעפּט די פֿיס. אירע אויגן זענען געווען אַזוי פֿאַרטרערט, אַז זי האָט ממש נישט געזען ווו צו גיין.

זי איז געבליבן שטיין ביים טויערל, איינהערנדיק זיך, צי איר קינד שלאָפֿט רואיק איין. די מוטער האָט נישט געפֿילט ווי אירע ליפּן פֿייכט פֿון טרערן, ברומען איצט דאָס וויגליד, מיט וועלכן זי פֿלעגט איינוויגן איר קינד.

נאָך אַ מינוט איז זי געווען שטיל, אָבער באַלד האָט אַ דין, שניי-דיק קינדעריש געוויין, געשפּאָלטן די דאָרפֿישע שטילקייט.

די מוטער האָט אויפֿגעצאַפּלט. זי האָט זיך גענומען קאָרטשען, ווי עס וואָלט זי געשווידערט... זי האָט געוואָלט אויפֿפּראַלן דאָס טירל, צוריק אָפּנעמען דאָס קינד. דער פֿאָטער האָט עס פֿאַרשטאַ-נען און אָנגעכאַפּט איר האַנט.

— וואָס גייסטו טאָן, סאָלקע, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז מיטן קינד קענסטו נישט אַרויסגיין אַרבעטן.

— שווייג! אַרבעט מיט דער מיתה! — האָט עס פֿון איר אַרויסגעשריגן.

פּלוצלינג האָט שטורעם-ווינט אַ טרייסל געטאָן דיביימער. אַ מחנה בלעטער, ווי גרינע פֿייגל האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿט. אַ דונער האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס דאָרף. אַ בליץ האָט אַ פֿינקל געטאָן אויפֿן בין-השמשותדיקן הימל. הינט האָבן זיך גע-נומען רייסן אויף די קייטן. אייליקע טריט האָבן פֿון ערגעץ-ווו אָפּ-געהילכט. קולות האָבן זיך אין דער ווייטקייט איבערגערופֿן. ליכט-לעך אין די פֿענצטער האָבן זיך פֿאַרלאָשן, און אַ שלאַקס-רעגן האָט אָנגעהויבן פּויקן מיט אַ ווילדן ריטם איבער די דעכער פֿון די דאָר-פֿישע הייזקעס.

בראַדאָוויטש האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים און גערופן זיין פרוי, אָבער די יונגע מוטער האָט נישט געהערט זיין רוף. זי איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען ביים טויערל און זיך איינגעהערט אין איר קינדס געוויין. דורך אַ שפּאַרונע האָט זי געזען דאָס פענצ־טערל פון איר קינדס צימערל, איינגעגעסן זיך מיטן בליק אין דער הוילער פינצטערניש פון וואַנען דאָס וויינענדיקע קולעכל איז אַרויסגעקומען...

זי האָט נישט געפילט, ווי דער שלאַקס־רעגן בייטשט אירע קליי־דער, נישט געשפּירט ווי אַלץ אויף איר לייב ווערט אַדורכגעווייקט פון רעגן.

— סאַלקע! — איז בראַדאָוויטש צוגעשפּרונגען אַוועקנעמען זיין פרוי פון טויערל. — דו וועסט דיך פאַרקילן. — האָט ער אויף איר אַרויפגעוואָרפן זיין מאַרינאַרקע און מיט אַ טיכל האָט ער גענומען אַרומווישן אירע נאַסע האָר.

זיין פאַרליבטער בליק האָט געמאַכט אויפציטערן איר האַרץ. זי האָט באַרירט זיין נאַס העמד און אויף אים צוריק אַרויפגעלייגט די מאַרינאַרקע. אַ געפיל פון חרטה האָט זי באַהערשט.

„פאַרוואָס האָב איך צו אים גערעדט אַזעלכע גראָבע רייד, אים געשאָלטן? איז ער דען דער שולדיקער?"

A. Waje
331 Rue des Chaufourniers
Paris 19e

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| דער באַהאַלטענער ייד | 7 |
| נאָכן חורבן | 65 |
| אַ טרער אין עמער וואַסער | 95 |
| אַ מאָדנע נקמה | 104 |
| ווען אַ לעבן לעשט זיך | 125 |
| נאָך דער לוויה | 135 |
| אַ בוקעט בלומען | 143 |
| אַניטאַ | 148 |
| אַ מעטער לייוונט | 154 |
| בערג און תהומות | 161 |
| דאָס אָרימע שניידערל | 167 |
| מאָניעק דושקין | 174 |
| אין פרעמדע הענט | 186 |